STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09906

BALADES FUN MAYN HOREVER HEYM

M. Knapheys

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קנאַפּהײס

באַלאַדעס
פֿון מײַן
חרובֿער
הײם

נאָמען פון מחבר געצייכנט:
שאָול ראַסקין

●

נאָמען פון בוך אויפן שער־בלאַט
און טיטלען פון די ציקלען:
וואָלף באַנדורעק

●

אילוסטראַציע אויף דער הילע,
צייכענונגען און וויניעטן:
רחל קרוין

●

פּאָרטרעט פון מחבר געצייכנט:
יוסף סידראַנסקי

●

יוביליי־אויסגאַבע
דערשינען דורכן „יובל־קאָמיטעט"
מיט דער הילף פון די בײַשטײַערערס

●

געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
אויף אילוסטראַציע־פּאַפּיר „סעלקאָט"
„סובגלאַסע" און „אָפּסעט"

●

געזעצט און געדרוקט אין
דער דרוקערײַ פון
כוליאָ קויפמאַן ס. ר. ל.

משה קנאַפּהײַס

באַלאַדעס פֿון מײַן חרובֿער היים

ביבליאָטעק
פֿון
שײַנער
ליטעראַטור

פֿאַרלאַג
„איל' ליט'
בלעטער"
בוענאָס - איירעס

MOISES KNAPHAIS

BALADAS
DE MI TERRUÑO ARRASADO

Nombre del autor:
SAÚL RASKIN

Nombre del libro en la portada
y títulos de las secciones:
WOLF BANDÚREK

Retrato:
JOSÉ SIDRANSKI

Ilustraciones, Dibujos y Viñetas:
RUT KROIN

IMPRESO EN LA ARGENTINA

Copyright by Autor
Rem. Escalada de San Martín 2670
Buenos Aires - Argentina

Hecho el depósito que marca la ley

EDITORIAL
HOJAS LITERARIAS ILUSTRADAS
BUENOS AIRES
1968



משה קנאַפּהייס

געצייכנט דורכן קינסטלער יוסף סודראַנסקי, בראַזיל

בײַשטײַערערס אויפֿן ביכערפֿאָנד:

יודישע קהילה אין לאַ פּלאַטאַ
הכנסת־אורחים
לובלינער לאַנדסמאַנשאַפֿט
אָוסטעכעוויטש קלאַראַ און כאַטע
איוואַן יוסף און מתתיהו
אַלבוס מאיר
אַרמאַן משה
באַנדאַר יצחק
באַרסוק יהודה־לייב
בודאַסאָף ניסל
ביסטראָוויטש, ברידער
בעקעריס און גאַנדעלסאַנאָס
בערגער הערמאַן ל.
ברוקמאַן און זילבערשטיין
ברייטמאַן מיגעל
גאָלדבערג אברהם
גאָלדמיץ און יאַקובאָוויטש
גאָלדפאַרב מאַטעס
געסטעל גרשון
גרויסמאַן דוד
גרינבערג יעקב
דאַבאַש דוד
דובינאָווסקי סאַלאָמאָן
האַראָוויץ שמחה
הירש דוד
ווײַנגאַרט פּײַוול
ווײַנשטיין שמואל
זאַנשיין יצחק און הערשל
זילבערשטיין משה
זעמעלמאַן מיכאל

טאָפּאַל ראובן
טראַכטער שמאי
טשאַלקאָף און מאַריאַנסקי
טשאַפּניק מיכאל
טשייטין שרה און יצחק
טשערנאָמאָרעץ חיים און ברידער
יונאָוויטש יצחק און תנחום
כמיעל יחזקאל
לייב אברהם
לערמאַן ישראל
מיגדאַלאָוויטש חיים
מאַוער קאַרלאָס
מיצענמאַכער מאַרקאָס
מיצענמאַכער מאַקס
נימצאָוויטש הערשל
נעמיראָווסקי לוי
סאָכניעוויצקי יודל און נעכע
סטויער אברהם־חיים
ספּיוואַק און גרינצווײַג
פּאָזנאַנסקי ב.
פּענטשאַנסקי און דוואָרקין
פּערעלשטיין הענעך
פּרוס איסאַק
פרענגלער מאיר
פינף פון פּאַסאָ
פינקלער א.
פּאַרלעוער שמחה־בינעם
פיינלאַנד סימאָן

צוגמאַן זײַנוול און לייב
צוגמאַן נתן
קאַליקאַ אפרים
קאָסאָ זאַגמעד
קאַטשערגינסקי יצחק
קאַפּלאַנסקי אליהו
קוליגאָווסקי מענדל
קעסלער יעקב
ראָזענטאַל ש. מ.
ראָטמאַן יוסף
ראָטענבערג משה
רובאַכאַ יודל
רוזאַל יהושע פ.
רימען שמואל
שוגורענסקי שלמה
שיקאַרסקי, ברידער
שלעזינגער מיגעל
שניידער מ. ד.
שקאָפּ זיידל

מאָנטעווידעאָ

אוגוסטאָווער יעקב
אַסטראַזשינסקי אברהם און שרה
באַריל און סווירסקי
בורשטין יוסף
ביאַליסטאָצקי, ברידער
גוראָוויטש געניע
דיטמאַן חיים און בעלע
הענדלער משה
וואַלעווטשי אברהם
ווייסמאַן אַדאָלפאָ
ווייסמאַן כואַן
וויסאָקיקאַמיען יוסף
וועגברייט חיים און יצחק
טוכמאַן הערשל
טוכמאַן משה
כאַיאַ יוסף
לאַמשטיין יעקב
ליבערמאַן מאַרקאָס
מיאַזאָווניק מינדל
נאַכומאָוו־קאַצענעלסאָן פאַני
סווירסקי פּײַוול
פערבער בערל
רייכמאַן יחיאל
שטערן מאיר

קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון און לײַקאַסעס

אַזשאַקוטשאַ
בוענאָס־אײַרעס
בעלגראַנאָ
בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ
דעוואָטאָ
העלגעראַ
וואַרעלאַ
ווילזשאַ לוראָ
ווילזשאַ קרעספּאָ
ווילזשאַ רעאַל
וועלעז סאַרספילד
לאַ אינדוסטריאַל
לאַ אַמיסטאַד

לאַוואַזשעכאַ
לאַ טעקסטילערע
לאַ קאַפּיטאַל
לאַ קאַפּיטאַל דעל פּלאַטאַ
5 דע אַגאָסטאָ
על אַרבאָל דע לאַ ווידאַ
על פּאָרוועניר
פּאַסאָ
פלאָרעסטאַ
פלאָרעס נאָרטע
צווייטע האַנדל־קאָאָפּ׳
קאָנגרעסאָ
ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ

ריִאָ דע זשאַנייראָ

חברה־קדישא אין ריִאָ

אַבראַמאָוויטש דוד
אַדלער יוסף
אורבינדער אַברהם און לואיז
אייזענבערג טוביִאַס
אַלטמאַן אַהרן
אַקסעלראָד איזאַק
בעקער נתן
ברענער אַברהם און אסתר
גאָלדוואַסער יודל
גאָנדעלמאַן שיִע
גאַרבערג חיים
גויכמאַן איזאַק
גולקעס ישראל
גזשיבאָווסקי מענדל
גלעזער יעקב
דיאַמאַנטע הענעך
דיין שמעון
דינעס אַהרן און שניאור
האַכמאַן איזאַק
האַכמאַן יעקב
ווייסמאַן לואיז
וועקסלער אַלבערטאָ
וועקסלער זשוזשע, ד״ר
זוביסקי יקותיאל, ד״ר
טראַכטנבערג גדליה
טרעבילער נתן
יונקשטיין פאַליק
יתום צבי, פּראָפ׳
כאַדריצקי חנוך
לאַנדע בערל און עטל
לאַקיעטש משה
לינעצקי שרה
לעבעלסאָן ישראל
לערנער מאַרקוס
מאַנעלאָ שיִע
מאַרגוליס יוסף
מאַרעינאָ זשערמאַנאָ, ד״ר
מושקאַט איזאַק
מייזלס לואיז
מייזעלס נתן
ניימאַן שרה
סאַלטער סאָול
עלעפאַנט ישראל

פּאַלאַטניק סטאַבוּאַס
פּאַסקין אליה
פּערעלמאַן משה
פּשטשאָל לעאָן
פוקס בערל
פוקס יאַנקל
פורמאַן משה
פינקעלשטיין משה
פיש יששכר
פיש משה, ד״ר
פערענהאָף חנה און מאיר
פרידמאַן משה, ד״ר
צוקערמאַן אַברהם און ראָזע
קאַטשעלניק טוביה
קאַמלאָט נח
קאַץ איזאַק
קאַרנהענדלער משה
קוגיעל יצחק
קרעמער ראָזע און משה
ראָזענבערג נאַטאַליאַ
ראָזענטאַל נתן
ראָזענסקי שמואל
ראָזעס פינחס
ראָלניק משה
רובינשטיין יעקב
רויזענבליט חיים
רויטמאַן בנימין
רייך יונה און יוכבד
רייך יעקב און פּרוי
רעזניק אַברהם, ד״ר
שוויד סימאָן און סאָפיע
שטיינצעל נילסאָן
שטערנבוך אַברהם
שעכטמאַן אַדאָלפאָ און אסתר
שקלאָזש מלך
שפּריצער אביגדור

באַהיִאַ

שניטמאַן אסתר
דערבאַנדער איטאָ
פישמאַן חיים
פלאַמין מ.
קערצמאַן לאָלאָ
טאַבאַקאָף בערטאָ
זאַנאַווער ראובן

סאַן־פּאַולאָ

אַגיערס יחזקאל ב.
אייבעשיץ משה
אַסטראָוויעצקי סימאָן
באַלזאַם נתן
באַנד מ.
בליי אַברהם
בענעט אַברהם
ברילער חיים
גאָלדפאַרב נאַטאַן
גאָלדשטיין גרשון
גאָלדשטיין מוליע
גאַמערמאַן זיסקינד
גוטערמאַן יצחק
גייער מאַטיע
דיקשטיין אַברהם
ווינטרויב יוסף
ווייסמאַן יולעק
ווייסראָז מאַרקאָס
זילבערבערג יוסף
טאַשמאַן מרדכי
טעפּערמאַן איסאַק
טרייבער מאיר
טרעזמעלינאָ שלמה
לאַרגמאַן משה
לינקאָווסקי משה
לעדערמאַן שמעון
מאַנדעלמאַן טוביה
מושקאַט מ. א.
מינעראָוויטש איגנאַסיאָ
מירמאָוויטש חיים
נאָפּאַרסטעק י. פּ.
נײַשטעטער א.
סקילניק י. ע.
סקילניק מאַקס ב.
עלווינג מלך
ענגעלהאַרדט יחיאל
עפּעל יוסף
פּאַרטשעוו אַהרן
פּעקעלמאַן הענריקע
קאַן גאָדל
קופּפער זלמן
ראַכווערגער שמואל
רייז שלמה
רייזפעלד יצחק
שטאַקפיש און מאַנדעלסבערג

יובל־ און בוך־ קאמיטעט

ע ק ז ע ק ו ט י וו :

פרעזידענט	דוד אײַזענבערג	עקז׳־מיטגלידער	ד״ר טוביה קאמענשטײַן
וו׳־פרעזידענט	שמחה האראוויץ	״	פראפ׳ ל. שאלמאן
״	מאקסימא קופערשמידט	״	דוד גרויסמאן
״	לוויס אלטמאן	״	מארק טורקאוו
סעקרעטאר	נחום קריסשמאר	״	גרעג׳ זשעלאזני
פרא־סעקרעטאר	דוד קולאקאווסקי	״	משה קארנער
״	כוליע רובאכא	״	צפורה קעסעלברענער
קאסירער	יעקב גרינבערג	״	מאיר פרענגלער
פרא־קאסירער	יצחק באנדאר	״	מאטעס גאלדפארב
״	מאיר אלבום	״	פײַוול ווײַנגארט
רעוו׳־קאמיסיע	יהושע פ. רוזאל	״	אברהם ברענער
״	אל׳ גארעלי		
״	מאנועל ד. שניידער		

פולע רשימה פון קאמיטעט אין „בבא־בוך״

דער יובל־ און בוך־קאָמיטעט

צוזאַמען מיטן מחבר — דריקן אויס זייער האַר־ציקן דאַנק אַלע בײַשטײַערערס אין לאַנד און אויסלאַנד — אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלע־כע; די יידישע פינאַנץ אינסטיטוציעס און אי־בערגעבענע פרײַנד און לייענערס, פאַרערערס פונעם מחבר, וואָס שטייען געטרײַ בײַ זײַן זײַט, זיי אַלעמען — פאַר זייער בײַטראָג, מיטהילף און דערמוטיקונג — דעם האַרציקסטן יישר־כוח אין נאָמען פון „יובל־קאָמיטעט" —

נחום קריטשמאַר
סעקרעטאַר

דוד אײַזענבערג
פּרעזידענט

יעקב גרינבערג
קאַסירער

אינהאַלט

זײַט

דער פֿאַרשלייערטער כּישוף־ברוגעס פֿון דער באַלאַדע — — — — — — — 12

I. באַלאַדעס פֿון ערבֿ־שטורעם

באַלאַדע פֿון אַנטוישטן וואַנדערער — — — — — — — — — — — — — 27
באַלאַדע פֿון אַ קראָ, אַ פֿלעדערמויז און אַ זילבערנער לוויה — — — — — 31
באַלאַדע פֿון ייִד מיט די פֿאַלשע בריליאַנטן — — — — — — — — — — — 35
באַלאַדע פֿון קיניג וואָס האָט אומגעבראַכט אַלע זײַנע גענעראַלן — — 39
באַלאַדע פֿונעם פּרינץ פֿון די שלעפּערס — — — — — — — — — — — 45
באַלאַדע פֿון דער פּשעקופּקע מיטן קיישל גרינס — — — — — — — — — 50
באַלאַדע פֿונעם גייער איבער די וועגן פֿון קריג — — — — — — — — — 55
באַלאַדע פֿון פֿאַרבלוטיקטן היטל — — — — — — — — — — — — — — 58
באַלאַדע פֿון מאַמע און טאָכטער ערבֿ חורבן אין ביאַליסטאָק — — — — 61
באַלאַדע פֿון רידל, פֿון ערד און פֿון זיך — — — — — — — — — — — 66
באַלאַדע פֿון איינזאַמען פֿויגל — — — — — — — — — — — — — — 69

II. באַלאַדעס פֿון מיטל־אַזיע

טרויער־באַלאַדע נאָך מײַן פֿאַרשניטענער היים — — — — — — — — — — 77
באַלאַדע פֿון ייִדישן פּליט אין סאַמאַרקאַנד — — — — — — — — — — — 81
באַלאַדע פֿון מענטש מיטן שיסעלע זופּ — — — — — — — — — — — — 84
באַלאַדע פֿון ייִד מיט דער פֿאַרלאָזענער באָרד — — — — — — — — — — 88

זײַט

באַלאַדע פון פיר ייִדישע יונגען אין אוזבעקישער שענק — — — — — 96
באַלאַדע פון קאַזאַכישן מיידל מיטן קיישל בלומען — — — — — —— 100
באַלאַדע פון העלד וואָס געזעגנט זיך מיט זײַן ווײַב פאַרן גיין אויפן פראָנט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 103
קאַזאַכישע ווינטער־באַלאַדע — — — — — — — — — — — — — 106
באַלאַדע פון דרײַ געפאַנגענע ייִדישע זעלנערס, דעם שטאַבדײַטש און זײַן סוף — — — — — — — — — — — — — — — — — — 111
באַלאַדע פון די נייטאָריגנס די דרײַ — — — — — — — — — — 115
באַלאַדע פון דײַטשל אין זונפאַרגאַנג — — — — — — — — — — 123

III. באַלאַדעס פון נאָכן שטורעם

חלום־באַלאַדע — — — — — — — — — — — — — — — — — 129
באַלאַדע פונעם אומבאַקאַנטן מאַרטירער — — — — — — — — — — 131
באַלאַדע פון שיינעם פוילישן מיידל און געראַטעוועטן ייִדישן ייִנגל — — 138
באַלאַדע פון די פאַרבלאָנדזשעטע ייִדן אויפן ייִדישן פלעצל — — — 143
באַלאַדע פון ייִדישן ליד און לײַטישן ייִד — — — — — — — — — 146
באַלאַדע פון לאַנד וואָס ווייסט נישט פון קיין פלאָגן — — — — — — — 148

VI. באַלאַדעס פון מײַן חרובער היים

באַלאַדע פון צוויי קאַשטאַנביימער אין וואַרשעווער געטאָ — — — — — 153
דאָס קלאָגליד פון מײַן טאַטע אויפן גענשער בית־עולם — — — — — — 156
באַלאַדע פון וואַרשעווער געטאָקינד — — — — — — — — — — — 165
באַלאַדע פון פוילישן ייִד אויפן סאַנפּאַולער יאַריד — — — — — — — 173
אַ חתונה אין קאָרדאָבאַ, פליטים־באַלאַדע — — — — — — — — — 187
באַלאַדע פון ייִדישן סטודענט, דעם סקעלעטישן קאָפּ און זײַן נקמה — 191
באַלאַדע פון ייִדישן טוריסט אין מאָנטעווידעאָ — — — — — — — — 194
באַלאַדע פון דער פאָן וואָס האָט זיך אַליין נישט דערקענט — — — — 199
באַלאַדע פון פאַרשלייערטן עולם אין פילאַר — — — — — — — — — 204
באַלאַדע פון מײַן חרובער היים — — — — — — — — — — — — 206
באַלאַדע פון פאָעט־וואַגאַבונד און די פאַרפלויגענע גאָלדענע פאַווע — — 210
העלדן־באַלאַדע פון ישראלדיקע שלאַכטלײַט — — — — — — — — — 216
באַלאַדע פון שרהלע די פרײַווויליקע... — — — — — — — — — — — 220

פאַרשלייערטער בּישוף-ברונעם פון דער

באַלאַדע

דער גענוג זעלטענער באַלאַדישער געוויקס אינעם גאָרטן פון דער ייִדישער פּאָעזיע טיילט זיך אויס מיט זײַן אַנדערשקייט פון דער פּילזשאַנערדיקער און פילפאַרביקער ייִדישער דיכטונג — אַזוי מיט זײַן אַראָמאַט, אָנגעצויגענער אַטמאָספער, דראַמאַטישן לויף און פאַרלויף פונעם דיכטערישן סוזשעט, ווי מיט נאָך אַנדערע, באַזונדערע אַטריבוטן וועגן וואָס ס׳וועט זײַן אַ רייד שפּעטער.

הגם די ייִדישע פּאָעזיע איז אינהאַלטלעך רײַך אין באַלאַדעסקע עלעמענטן, וואָס זענען אירע חן־גריבלעך, איר ווונק־אייגל און צוציקראַפט, וואָס האַלט דעם לייענער צוגעשמידט צו זיך, געשפּאַנט און פאַראינטריגירט — פאַרנעמט דער באַלאַדע־נוסח זײַן אייגן אָרט אויבן אַן אויף דער פּאָעטישער מיזרח־וואַנט פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן.

כאָטש תוכנדיק איז די באַלאַדע צום ערשט געוועזן באַווירקט פון אויסערלעכע, נישט־ייִדישע פאַקטאָרן און רעקוויזיטן, גענומענע, אַרויסגעבאָרגט פון פרעמדע קולטורן — קאָנקרעט, באַאײַנפלוסט פון די מערב־אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן, צוגעאייגנט און צוגעפּאַסט צום ייִדישן געמיט, צוגעשניטן צום ייִדישן גוסט און געשמאַק — האָט זי זיך דאָך גלײַך אײַנגעבירגערט בײַ אונדז און מיט גאַסטפרײַנטלעכער העפלעכקייט געוואָרן טאָלערירט אין דער ייִדישער ליריק. מ׳האָט זי אין די פרעמדע קליידער און סטראָיען, באַהאַנגען מיט פאַרביקע שיקסעוואַטע סטענגעס און גרעפינישע שאַלן און וואַלן אויפגענומען, ווי אַן אַנגעלייגטער גאַסט און איר אָפּגעגעבן אַ פּלאַץ לעבן די מטטרונשע, בעל־תפילהשע, גייערשע און מוסרשע — מיסטישע און סימבאָליסטישע שטענדערס, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין די שטרעמונגען פון דער ייִדישער דיכטונג אין פוילנלאַנד פאַר און נאָך דער ערשטער וועלט־מילחמה און אויך ווײַט אויסער די גרענעצן פון פוילן.

די באַלאַדע האָט דעמאָלט אויסגענומען און אונדז געלאָקט מיט

אירע נישט צו היימישע מאַניערן און זשעסטן, מעטאַפאָרן און אַסאָ־ציאַציעס, וואָס זענען אין איר אַרײַנגעשמוגלט געוואָרן אויף אַ דיס־קרעטן אופן פון דער דרויסנדיקער, נישטייִדישער געדאַנקענוועלט. צו־זאַמען מיטן שטראָם פאָלקלאָריסטיש, אַלטייִדישן ליכט־ און שאָטן־שפּיל איבער שיל־בעלעמערס האָבן אין דער באַלאַדע אַ שפּיל געטון די טיפע פאַרבן פון רויט־גרין־געלע פרעסקן, וואָס פאַלן קרומפּלעקיק אַרונטער אויפן דיל, ווי פון קלויסטערשע וויטראַזשן, וואָס זענען אייגנטימלעך דער פּאָעטישער שטימונג פון דער וועלט־פּאָעזיע און נישט דעם ייִדישן סטיל און שטייגער.

אויפן אָרט פון די חנגשע און לאהשע דיבוק־געשטאַלטן האָבן זיך געגעבן אַ באַװײַז אין דער ייִדישער באַלאַדע, אונטערן באַנגלעכן קלאַנג פון קירכנגלאָקן, מאַנאַכן און נאָנעס, וואָס האָבן שווארץ צעפלאַטערטע אָנגעיאָגט אַ קעלט און פאַרכטיקייט, אָן אָפּשײַ, ווי פון דער הייליקער בילדערישקייט אַראָפּ, און זיך געטון אַ שטעל אַרײַן אין דער ייִדישער דיכטונג, ווי גוייִשע געסט אויף אַ ייִדישער שימחה — מע וואַרט שוין, אַז זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון זאַל, מע זאָל ענדלעך קאָנען פרײַער אָפּאָטעמען און זיך פילן ווי בײַ זיך אין דער היים.

**
*

דער לייענער אונדזערער, וואָס האָט ליב זיך אַרײַנצוכאַפּן אין אַ פרימאָרגן, צי בין־השמשות אינעם דיכטערישן גאָרטן, וועט זיך זעלטן אָנטרעפן אויף דער זײַטיקער, פאַרוואָקסענער סטעשקע, וואָס פירט צו דער פּאַלאַטקע פון דער פּאָעטישער לאַבאָראַטאָרישער שאַפערישקייט און אַוודאי נישט אויף אַזאַ באַזונדערן אָפּצווייַג און זעלטענעם זשאַ־נער ווי ס׳איז די באַלאַדע. טאָ לאָמיר איצט, טאָקע צוזאַמען מיט אים, פּרוּוון אַרײַנדרינגען און זיך דערגרונטעווען צו די קעמערלעך, צום איי־גנטלעכן מהות פון דער באַלאַדע בכלל און דער ייִדישער בפרט — דעם פאַרכישופטן ברונעם, וואָס פלינקע כישופמאַכערישע הענט האָבן אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ מיסטעריעזן שלייער, אַ שאַטקע פון געדיכטן פּאָעטישן שפּינגעוועב — מער צו כאַפּן התפעלות פונעם פעדעמדיקן האַפט, פונעם דינעם פיליגראַנישן אויסגעוועב, ווי צו געניסן פונעם אָפּ־פרישנדיקן, טיפקוואַליקן מים־חיים — זײַן תוכיקן מחייהדיקן קערן.

אַ חוץ דעם אייגענעם, אויסערלעך־פאָרעמדיקן אָרנאַמענט און לבוש־געהיל, וואָס איז דער קענצייכן פונעם באַלאַדישן זשאַנער, פאַרמאָגט די

באַלאַדע אַ לירישע בילדערישע דערציילערישקייט, וואָס אַז דער לייע־נער פאַרזוכט נאָר איין מאָל דעם באַלאַדישן טעם — פאַרבלײַבט ער שוין אַ געטרײַער פאַרערער און געניסער פון דיכטונג בכלל.

אין דער פאַרוויגנדיקער באַלאַדישער מעלאָדישקייט וויברירט אָפט אַן אייגנאַרטיקער אומהיימלעכער טאָן, וואָס שאַפט אַ ספּעציפישן, כמעט איבערנאַטירלעכן קלימאַט פון אַ בין־השמשותדיקייט וואָס איז שוין נישט טאָג און איז נאָך נישט נאַכט. ווי מיט נישט געזעענע פינגער פון אירע כישופדיקע פערזן ווערן אין דער באַלאַדע אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן רעאַלן און מיסטישן, ווירקלעכן און אויסגעפאַנטאַזירטן, נישטאָיִקן און אויסגעבענקטן, באַגערטן און נישטמעגלעכן, וואָס איז נישט צום דער־גרייכן. אינעם דראַמאַטישן קאָנפליקט און געראַנגל, וואָס איז אַ וויכ־טיקער באַשטאַנדטייל פון דער באַלאַדע, אַפילו אין דער לירישער און אידילישער, געפינט זי אָפט מאָל, כאָטש גענוג זעלטן אין אַ סך פאַלן, אַן אויסלייזערישן אויסוועג פון אַ לאַגע אָן אַן אַרויסגאַנג פון דער פאַר־מישפּטקייט. אין גרעסטן טייל ענדיקט זי זיך טראַגיש אין איר אויס־זיכטלאָזער ראַנגלעניש מיט דער באַשטימטקייט; אין איר דראַנג זיך אַרויסצוקריגן פון דער גורל־קלעם וואָס האַלט זי פאַרצוואַנגט און צוגע־נאָגלט צו איר גורלדיקער אַקס וואָס פירט זי אַרום זיך אַליין, אָט ווי ס'לעבן גופא וואָס דרייט זיך אַרום דער אייגענער אַקס אינעם פאַרכי־שופטן ראָד פונעם נאָכאַנאַנדיקן כוואַליעדיקן בײַט און אומבײַט, אינעם לויפיקן שטראָם פון דער לעבנצײַט וואָס ווייס נישט פון קיין אָנהייב און סוף, קיין פונוואַנען און וווהין.

אינעם דיכטעריש־טעמאַטישן זין איז די באַלאַדע די סאַמע אינטע־רעסאַנטע פון אַלע פּאָעטישע פאָרעמס. איר שלאַנקער עלאַסטישער גע־בוי, איר גראַ־ראָזיקער נעפּל־געהיל און וואַלדיקער דורכזיכטיקער לבוש; איר אויסערגעוויינלעכער קלימאַט; איר נישטדעפינירנדיקער טאָן און אופן טראָגן אין זיך אַ ניצוץ פון לעגענדע און מעשהדיקס. אויפן פאָן פון אַ רעאַלן סוזשעט מיט אַ מיסטישן, צי פאַטאַליסטישן אונטערשלאַק פון דער גורלדיקייט, באַשערטקייט, ווערט אויסגעוועבט דער נישטאויס־מײַדעוודיקער טראַגיזם פאַרבונדן מיט העלדישקייט, לויערנדיקער סכנה און מסירת־נפשדיקער אײַנשטעלערישקייט פון די פּערסאָנאַזשן. נישט איין מאָל באַצאָלט דער טראַגיש־העראָישער העלד אין דער העלדן־באַ־לאַדע מיטן טײַערסטן וואָס ער פאַרמאָגט — מיט זײַן אייגן לעבן, מיט זײַן פרײַקייט וואָס ביידע איז ער מקריב אויפן מיזבח פון דער סוביעקטיווער אײַנגעשטעלטער גערעכטיקייט און געזעצלעכקייט וואָס איז אָבער אומ־גערעכט און קעגן געזעץ פון די נישטדערקלעריקע געהיימע אורנאַטור־

כוחות און פענאָמענס וואָס גורטעווען אין די אַנאַלן פונעם טונקעלן לאַ־ בירינט פונעם לעבן אַזוי פונעם יחיד ווי פון אַ פאָלק.

אין די אָדערן פון דער באַלאַדע, צווישן די באַלאַדישע סטראָפעס הערט זיך אָפט דער ריזל און רוף פון זודיקן בלוט — אַ מאָל פון גאַר נאָענט, ווי אין די אייגענע אָדערן, און אָפט מאָל פון אַ ווײַטער דיס־ טאַנץ — וואָס שלאָגט זיך אָפּ ווי אַן עכאָ צווישן באַרגריזן, אָדער ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ בלאָנדזשענדיקן איבעררוף אין אַ געדיכטן וואַלד. אין ביידע פאַלן ווייסט מען נישט פון וואַנען דער עכאָ קומט, וווהין ער גייט און ווו ער ווערט פאַרלוירן אין דער חללדיקער פאַרפאַלנקייט אי־ בער תהומען און וואַלדיקער ווילדערניש און פאַרוואַקסעניש.

די ליטעראַטור איז, ווי מ׳איז עס געוווינט צו זאָגן, דער שפּיגל פון לעבן. יעדער איינער זוכט אינעם שפּיגל, קודם־כל, זיך אַליין, זײַנע איי־ גענע פּנים־שטריכן, זײַן געשטאַלט, ווי ער גופא זעט אויס, אָדער ווי ער וואָלט געוואָלט אויסזען. דער שפּיגל פון דער באַלאַדע איז אָבער נישט קיין באַזילבערטער ווי פון דער ליטעראַטור בכלל. דער זילבער־שפּיגל ווײַזט אַלץ, דאָס וויכטיקע פּונקט ווי דאָס נישטבאַטײַטיקע מיטן זעלביקן פײַערלעכן גלאַנץ און שימער. דאַקעגן דער באַלאַדע־שפּיגל — דער נאַ־ קעטער שוואַרצער קרישטאָל, ווי דער טיפרויטער, צי גראַנאַטענער — שפּיגלט אָפּ אָנעם פײַערלעכן אָפּגלאַנץ בלויז דעם פאַרנטיקן און צענט־ ראַלן אָביעקט, צי געשטאַלט, וואָס דערשײַנט אין פאָדערגרונט פון דער שוואַרץ־רויט־אולטראַמאַרין־טיפקייט ארוים און אַלדאָס איבעריקע גייט אָפּ, טרעט אָפּ, שווימט אָפּ אויף אַ הינטער, אין דער אומבאַקאַנטקייט, פאַרלירט זיך אין דער ווײַט פון דער פאַרווישנדיקער פאַרנעפּלטקייט. באַ־ לויכטן ווערט בלויז מיט אַ נישטאָיִקן, שוואַרצן, גראַנאַטענעם, ווײַנרויטן שײַן און אָפּשײַן פונעם באַלאַדישן געשליפענעם קרישטאָל־שפּיגל — די הויפּטפיגור, די טראַגישע באַלאַדישע געשטאַלט, וואָס עקסיסטירט און עקסיסטירט נישט; וואָס דערשײַנט בולט, ווי אַ באַרעליעף, און גלײַכצײַ־ טיק סילועטיש־קאָנטוריק, שאָטנדיק, ווי אַן אויסדאַכטעניש אויף דער וואַר, און ווערט דאַך געזען מיט דער גאַנצער דורכזיכטיקער קרישטאָ־ לענער שאַרפקאָנטיקייט און געשליפנקייט פונעם שוואַרצן, צי טיפבלאָ־ ען, אָדער רויטן שפּיגל פון דער באַלאַדע.

***

דאָס וויגעלע פון דער באַלאַדע, די באַלאַדעסקע פאָרעם איז אויפ־ געקומען אין אייראָפּע, ווו ס׳האָט אין דער פּאָעזיע דאָמינירט דער דער־

ציילערישער פֿאָלקטאָן, וואָס איז אייגנטימלעך דער פֿאַרוויגנדיקער לע־גענדע. זי איז געווען אַ באַליבטע פֿאָרעם ביי די גרויסע פּאָעטן־מייס־טערס, וואָס האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצוניצן דעם רייכן פֿאָלק־לאָריסטישן אוצר פֿונעם געגעבענעם פֿאָלק און אָפּגעשפּיגלט אויף אַזאַ אופֿן די העלדישע נאַציאָנאַלע געשעענישן און פֿאַרלויפֿעענישן פֿון די פֿאָלקהעלדן און אויך די איבערלעבענישן פֿון אַן אינדיווידועלן כאַראַק־טער פֿון די שטילע, באַשיידענע, ליידנדיקע פֿאָלקקינדער, די אַנאָנימע זעלנערס, וואָס זענען אומבאַהאָלפֿענע געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט די רעטענישן פֿון די טראַגישע צונויפֿפֿאַלן און ספֿינקסן פֿון לעבן און טויט. מיט דער אייביקער מיסטעריע, מיט די קאַפּריזן און צו להכעיסדיקייטן פֿון לעבן. אַפֿילו ווען זיי זענען באַזיגט געוואָרן דורך די דאָזיקע אומ־היימלעכע, אומדערקלעריקע, טונקעלע, געהיימעניש־פֿולע כוחות, ווי ס׳זיי־נען עס צייטדויער און טויטפֿאַרפֿאַל — זענען זיי אָבער אַריין ווי זיגער, פֿאַראייביקט געוואָרן אינעם היכל פֿון דער וואָרטקונסט — פֿון געלײ־טערטן קינסטלערישן וואָרט, פֿאַרקריצט אינעם מאַרמאָר־שפּיגל פֿון דער באַלאַדע.

מיט דער צייט, ווען ס׳פֿאָלק האָט אַליין דורכגעמאַכט אויפֿטרייס־לענדיקע געשעענישן, ווי מילחמות, רעוואָלוציעס, שחיטות און פּאָגראָ־מען, האָט דאָס אָרט פֿונעם פֿאָלקלאָר — פֿאַרנומען דער פֿאַקטנשטאָף פֿון די נייע העראָישע מעשים פֿונעם פֿאָלק, פֿונעם פֿאָלקהעלד, וואָס זע־נען אויף זיינע אייגענע אויגן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיקער לעבע־דיקע לעגענדע, און דער קינסטלער האָט שוין פֿון דעם געהאַט אויסצו־קנעטן זיינע באַלאַדעסקע געזאַנגען און וואָרט־מאָנומענטן — באַלאַדעס גענומען פֿונעם לעבן גופֿא.

אָט אַזוי ווי ס׳האָט עס אין אונדזער שוידערלעך־טראַגישן און וווּנ־דערלעך־ העראָישן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס איז פֿונאַנדערגעטרייסלט געוואָרן ביזן יסוד פֿון דער נשמה, אַזש אַ דריטל פֿונעם פֿאָלק — אין דער אויפֿשוידערנדיקער פֿאַנטאַסטישער ציפֿערדי־קער גרויס פֿון זעקס מיליאָן פֿולשטענדיק אומשולדיקע הייליקע נפֿשות — איז מיט אַלע מיתה־משונות געוואָרן פֿאַרשניטן און אויסגעמעקט פֿונעם ספֿר־החיים — פֿאַרשוווּנדן פֿון דער ערד־אויבערפֿלאַך אָן זכר און אָן שפּור אין די וואָלקנס רויך פֿון אַ הימלישן בית־עולם.

ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דער גיהנומדיקער גאָלגאָטע פֿונעם פֿאָלק, פֿו־נעם לייִדנטאָל פֿון אַ ייִדישער וועלט, וואָס איז אַוועק אין מאַסן־גריבער און גאַזקאַמערס, צעשטויבט און צעאַשט אויף אַלע שבעה ימען — אויף

נישט אומצוקערן זיך צוריק אין לעבן אַרײַן, נישט װעלנדיק אָבער פֿאַרשװינדן אין תהום פֿון פֿאַרגעסנקײט — האָט זיך די פֿאָלקפּײַן אַקומולירט אין דער אײביקײט פֿונעם װאָרט װאָס איז דער זכרון פֿונעם פֿאָלק. אַ גאַנצע דאָקומענטאַלע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור-טורעם איז אױסגעװאַקסן פֿון ייִדישער מאַרטירערישקײט און העלדישקײט — אין אַלע זשאַנערם פֿון ליטעראַרישן שאַפֿן — פֿון מעמואַרן, פּינקסים, טאָגביכער, יזכור-ביכער, כראָניקעס, געטאָ- און טױטלאַגער-דאָקומענטאַציעס, חורבן-דערציילונגען און קינות — לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס. אָט די לעצטע צװײ — די באַלאַדע און פּאָעמע — דריקן אױס אױפֿן פֿײַערלעכסטן אופֿן דעם גרינטלעכן מהות פֿונעם ייִדישן אומקום, פֿונעם צער און װײ, געװײן און געקלאָג, אַבֿלות און אומענדלעכן, אָנבערעגיקן טרױער פֿונעם פֿאַרפּײַניקטן און פֿונעם פֿאַראָבֿלטן פֿאָלק.

אָט די פֿײַערלעכע פּאָעטישע רעם איז געאײגנט דער ייִדישער פֿאָלק-טראַגיק, װאָס װערט שױן אױף אונדזערע אױגן, אױף די אױגן פֿונעם דור-החורבן פֿאַרװאַנדלט אין לעגענדע. און דער ייִדישער פֿאָלק-חורבן פּרוּװט און זוכט מיט געהײמע אומבאַװוּסטזיניקע כוחות, װאָס רײזלען, װי דאָס אומשולדיקע, אומזיסט-פֿאַרגאָסענע בלוט, אין די אָדערן פֿונעם פֿאָלק — צו קריגן אַ לבֿוש, אַ געשטאַלטיקונג, אַ דױערנדיקן תּיקון אין דער ליטעראַטור און הױפּטזאַכלעך אין דער דיכטונג, דורך װאַנען דער חורבן צוזאַמען מיט די פֿאַרחורבנטע פֿאָלקקינדער זאָלן קאָנען קינסטלעריש אױפֿגעריכט װערן, אױב מע קאָן זיך אַזױ אױסדריקן, און פֿאַרהיט װערן דורך דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין דער אײביקער געדעכעניש פֿונעם אײביקן ייִדישן פֿאָלק װאָס איז געהײליקט געװאָרן אין די פֿײַערן פֿונעם קרבנדיקן אומקום אױפֿן מיזבח פֿון ייִד און מענטש.

***

די באַלאַדעס, װאָס קומען אַרײַן אין דעם בוך, נעמען אַרום אַ צײַט-אָפּשניט פֿון דרײַסיק יאָר: 1938—1968, יאָרן װאָס האָבן פֿולשטענדיק געענדערט דאָס פּנים פֿון דער ייִדישער װעלט און פֿון דער ייִדישער װעלטמאַפּע. פֿון אײן זײַט איז אָפּגעװישט געװאָרן דער אַלט-ייִדישער דורותדיקער שטײגער אין אײנעם מיטן ייִדישן פֿאָלק אין אײראָפּע, און פֿון דער צװײטער — איז אױפֿגעריכט געװאָרן די ייִדישע אומאָפּהענגיקײט און ישׂראלדיקע מדינהשאַפֿט אין דער אַלטנײַער היים אױף דער אָבֿותדיקער ייִדישער ערד, װאָס איז אױסגעקעמפֿט געװאָרן מיטן בלוט

פונעם ישראלדיקן חייל — די אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך פון דער נאַכט פון לאַנגן מעסער, די האָלאָוועשקעס פון דער וועלט־שריפה וואָס איז נאָך ביז היינט רעכט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. זי פלאַקערט אויף כסדר יעדער מאָל אויף אַן אַנדער אָרט. שוין צום דריטן מאָל אין משך פון די צוואַנציק יאָר עקסיסטענץ פון דער יונגער מלוכה האָט ישראל געפילט איבער זיך די דאַמאָקלעס־שווערד דראָענדיק פאַרהויבן אין די הענט פון די אַראַבישע רוצחים וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן, ווי די דייטשן אין דער צווייטער וועלט־מילחמה, אויסצוראָטן דאָס ייִדישע פאָלק אין ישראל ביזן לעצטן ייִד. ווידער אַ מאָל האָט די ייִדישע העלדישקייט גובר געווען די גוייִשע שינאה און צום שטוינען פון דער גאַרער וועלט געפּייַערט דעם נייַעם ווונדערלעכן ניצחון איבער די אַלטע שונאים אין דער זעקסטאָגיקער מילחמה פון יוני 1967.

דער ראַשיקער לויף פון די וועלט־איבערקערערישע דראַמאַטישע געשעענישן, וואָס האָבן געמאַכט געשיכטע, שלאָגט זיך אויך אָפּ אין די באַלאַדעס געשריבענע: אין וואַרשע ערב דעם דייטשן רוצחישן איבערפאַל אויף פוילן, אין ראַטנפאַרבאַנד אויף דער עוואַקואַציע, אין נאָכ־חורבנדיקן פוילן, אין פאַריז, בוענאָס־אײַרעס, סאַן־פּאַולאָ, מאָנטעווידעאָ, ביז די ניסימדיקע טעג פונעם בליצקריג און בליצזיג פון דער ישראל־מדינה אין דער זעקסטאָגיקער מילחמה, אַרויסגערופן דורכן אַראַבישן רוצחישן איבערפאַל אויף ישראל. דאָס לעבן אַליין האָט אַזוי אַרום אָנגעצייכנט די ליניעס, די מייַלצייכנס פון די באַלאַדעס וואָס זענען געטיילט אין די פיר ציקלען: ערב שטורעם, אין מיטל־אַזיע, נאָכן שטורעם, אין מייַן חרובער היים, וואָס שליסן זיך מיטן סימבאָלישן אַקאָרד פון — לאָמיר האָפן — ענדגילטיקן ישראל־ניצחון איבער אונדזערע שונאים.

יעדער באַלאַדע האָט, אַ חוץ איר געבוירן־מעטריקע פון צייַט און אָרט פון אויפקום, אויך איר באַזונדערע געשיכטע און אָפט מאָל אומטערלישע אומשטאַנדן וואָס האָבן זי אַרויסגערופן צום לעבן. פונקט ווי די ביאָגראַפיעס פון די פּליטים האָבן אויך די באַלאַדעס דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. אַ סך האָבן אויך געטיילט דעם גורל פון זייער מחבר אין די טראַגישע שטורעמטעג און אומקומיאָרן, דורכגעמאַכט דעם נע־ונד־וועג — טייל מיטן מחבר און אַנדערע אָן אים; אַרומגעוואַנדערט אין די רעדאַקציעס פון ייִדישע, רוסישע און קאַזאַכישע צייַטונגען און זשורנאַלן; קאַפּויער געקומען אויף עפנטלעכע טריבונעס און ראַדיאָ־אודיציעס אין: מינסק, אַלמאַ־אַטאַ, קוּיבישעוו, מאָסקווע, בייַ סדר־נאַכט־טישן מיט אָנגעצונדענע ליכט און פינקלדיקע כוסות עפּלוויַין און ראַ־זשינקע־וויַין: אין אַלמאַ־אַטאַ אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס בייַם לעניג־

גראַדער רב אין שטוב, אַרומבאַוואַכט אין דרויסן מיט וואַלדביימער אין סודותדיקן שווײַגן, און אין אויסגעשטאָרבענעם וואַרשע נאָכן חורבן אין דער איינציקער גאַנצגעבליבענער פּסחדיק־אויסגעפּוצטער נאָזשיקס שיל אינעם וויסטן פינצטערן געטאָ, אויף טוואַרדע זעקס, ווו ס׳האָט זיך פריִער געפונען אַ פערדשטאַל פון דער געשטאַפּאָ און צוליב דעם אויס־געמיטן צו ווערן צעשטערט — אַרומבאַוואַכט אין דרויסן מיט מאָנסטער־שע חורבות אין זעלביקן סודותדיקן שווײַגן.

טייל זענען געוואָרן איבערגעזעצט אויף רוסיש און דערשינען אין ליטעראַרישע צײַטשריפטן און נישט געזען געוואָרן דורכן מחבר הגם דעם האָנאָראַר פאַר זיי האָט מען אים געבראַכט מיט אַ ספּעציעלן שרײַבער־שליח אין אַן אָפּשטעלשטאָט אויפן וועג פון דער עוואַקואַציע.

אויף איין באַלאַדע איז אָבער כדאי זיך אָפּצושטעלן מער בפּרט־יותדיקער, מער אויספירלעכער, נישט אַזוי ווײַט צוליב איר אויסגע־שפּראָכענער אָפּנהאַרציקייט פונעם מחבר, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט שוואַרץ אויף ווײַס זײַנע שטימונגען און זײַן שטעלונג צו דער סאָוויע־טישער פאַרקריפּלטער ווירקלעכקייט, כאָטש דאָס איז אויך אַ וויכטי־קער פּרט פאַר יענע פאַרהעלטענישן פון פּחד און שטומשווײַג — ווי דער עיקר צוליב איר אויסטערלישער מעטאַמאָרפאָזע וואָס זי האָט דורכגעמאַכט ביז איר קומען אַהער צווישן די צוויי טאָוולען פון אָט דעם בוך.

די „באַלאַדע פון די נייטאָרינס די דרײַ״ איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק, 1945, אין אַלמאַ־אַטאַ, די הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן, אין מיטל־אַזיע. זי איז אַרײַן אינעם בוך מײַנס „בלוט פאַר בלוט״, וואָס איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אינעם יאָרפּלאַן פאַר 1947 פונעם מאָסקווער מלוכה־פאַרלאַג „עמעס״ נאָך דעם ווי דאָס בוך איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך צוויי שרײַבערס, ווי ס׳פירט זיך דאָרט מיט יעדער בוך וואָס דאַרף צום ערשט האָבן די הסכמה פון צוויי שרײַבער־עדות וואָס זאָלן זיך אַרויסזאָגן, צי דאָס צוגעשטעלטע בוך איז ראוי אַרויסגעגעבן צו ווערן, צי נישט. צו מיינסט האָט זיך עס געהאַנדלט פון ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. די בדיקה האָט שוין אָבער גלײַכצײַטיק אויך געדינט ווי אַ הכשר, אַז דאָס בוך איז פּאָליטיש כשר און אויסגע־האַלטן נאָך דער ליניע און אַז ס׳ווערט נישט דאָרט דורכגעשמוגלט קיין קראַמאָלע.

אויף אַזאַ אופן האָבן זיך וועגן אָט דעם בוך מײַנעם אַרויסגעזאָגט שריפטלעך צוויי יידיש־סאָוויעטישע שרײַבערס (אגב, ביידע לעבנגע־

בליבענע נאָך דער שחיטה איבער דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס אין ראַטנפאַרבאַנד) — ש. ג—ן און י. ס—י.

אין מײַן ליטעראַרישן אַרכיוו געפינען זיך אַט די צוויי אַרויסזאָגן, וואָס כ׳האָב באַקומען — אויף מײַן בקשה — פונעם פאַרלאַג-דירעק־טאָר, סטראַנגין, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די ייִדישע שרײַבער-קרבנות אינעם טרויעריק-באַרימטן יאָר 1948.

אויפן סמך פון די צוויי פּאָזיטיווע אָפּשאַצן איז מײַן בוך „בלוט פאַר בלוט" אָנגענומען געוואָרן און דער פאַרלאַג האָט געשלאָסן מיט מיר דעם „דאָגאָוואָר", דעם שריפטלעכן אָפּמאַך אַרויסצוגעבן דאָס בוך. אויך דער „דאָגאָוואָר" געפינט זיך בײַ מיר אין מײַן אַרכיוו.

אינעם אָפּשאַץ פונעם שרײַבער ש. ג—ן זאָגט זיך צווישן אַנדערן: „מיר זעען פאַר זיך אַן עכטן באַגאַבטן דיכטער, וואָס רײַסט זיך מיט אַלע זײַנע אויסגעפּרוווטע כוחות צו אַ ברייטן שעפערישן שליאַך. און ער לאָזט טאַקע פילן זײַנע זיכערע טריט פאָרויס און זײַנע ערנסטע דערפאָלגן.

קנאַפּהיים איז אַ ליריקער, וואָס פאַרמאָגט אַ טיפן חוש צו דער נאַטור, צום קאָסמאָס, פילבאַרקייט צו סאָציאַלער אַרומרינגלונג, צו אינ־דזוער ווירקלעכקייט. אין זײַנע לידער און פּאָעמעס שפּיגלט ער אָפּ קינסטלעריש רעליעף זײַנע איבערלעבונגען פאַר די יאָרן 1939—1945, וואָס באַקומען דורך דער לײַטערונג אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן באַ־דײַט, מחמת דעם, וואָס זיי ציִען צו פּאַראַלעל-געמיינערונגען.

אַ ריי לידער זענען דורכגעדרונגען מיטן הייסן, פאַרשאַרפטן געפיל נאָך נקמה אינעם שונא, מיטן אויפריכטיקן באַגער „אַ וועלט פון אומ־גליקן באַפרײַען" („אין וועג"). ס׳איז וויכטיק אויסטיילן די גרעסערע פּאָעמע — „אויפן ווײַסן אייזעלע וויגט זיך דער אוזבעק", וואָס איז דורכגעדרונגען מיט צאַרטער ליבשאַפט צום אוזבעקישן פאָלק און אַסאָ־צירט זיך אָרגאַניש מיט טרײַהייט-מאָטיוון צום אייגענעם פאָלק, און באַזונדער די „באַלאַדע פון די נייטאָרינס די דרײַ", וואָס אָטעמט מיט אַ פלאַמיקן חשק פון די קינדער פון פאָלק צו זען דעם פײַנט אַ געשלאָ־גענעם און פאַרטריבענעם, אַ באַזיגטן. די דאָזיקע זאַך, ווי אַנדערע גע־לונגענע זאַכן, איז אָנגעשריבן מיט אמתער קינסטלערישער מײַסטער־שאַפט און עמאָציאָנעלער שילדערונג-קראַפט, ווי דער ציקל „ייִנגליאָרן", האַרבסטמאָטיוו, דעמערונג, פון ווײַטן קאַזאַכסטאַן, בלוט פאַר בלוט, ס׳איז דײַן שיינקייט מיר דערווידער, ייִדן.

ס'איז זייער וויכטיק ארויסצוגעבן אַ בוך לידער פון מ. אַ. קנאַפּהיים".

אינעם צווייטן אָפּשאַץ פונעם שרײַבער און ליטעראַטור-קריטיקער י. ס—י זאָגט זיך:

„די זאַמלונג לידער פונעם יִדיש-פּוילישן דיכטער מ. אַ. קנאַפּהיים איז כמעט אין גאַנצן געבויט אויף דער הײַנטצײַטיקער אַקטועלער טעמאַטיק: שוידער פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, פּליטה און חורבן, נע-ונד, מילחמה, דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס רוב פון די דאָזיקע טעמעס זענען געגעבן אין פּלאַן פון דערינערונגען וועגן דעם ביז-מילחמהדיקן פּערזענלעכן לעבן פונעם דיכטער און יִדישן לעבן אין אַלגעמיין אינעם געוועזענעם פּוילן (די ליידן און פריידן) אין צוזאַמענהאַנג מיטן הײַנט.

דער אויטאָר קאָן בויען אַ ליד, פאַרמאָגט אינטערעסאַנטע ריטמען און גראַמען, אָפּעריִרט אָפט מיט אַ רײַ געשיכטלעך-טראַדיציאָנעלע און ליטעראַרישע אַסאָציאַציעס, פאַרגלײַכן און עפּיטעטן. אין ערשטן אָפּטייל דאַרף מען אָפּמערקן די „באַלאַדע פון פאַרבלוטיקטן היטל", „באַלאַדע פונעם איינזאַמען פויגל", „באַלאַדע פון די נייטאָרינס די דרײַ", וווּ דער דיכטער נוצט אויס געלונגען פּרצופֿים ליד וועגן די דרײַ נייטאָרינס, וועמען ער גיט אַ נײַעם תּיקון; די לידער: אויפן ווײַסן אייזעלע וויגט זיך דער אוזבעק, דעמערונג, האַרבסטמאָטיוו, ליד וועגן שטאַרבן, ס'איז דײַן שיינקייט מיר דערווידער, צוועלף עפּלביימער. אין די דערמאָנטע לידער זענען פאַראַן עכטער ליריזם, ליריש-פילאָסאָפישע מאָמענטן אייגנאַרטיקע און פרישע.

אין די פראַגמענטן פון דער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע איז פאַראַן קאָלאָריט, שטייגער, פּסיכאָלאָגיש-באַרעכטיקטער קינדערישער פאַרדראָס און שטימונג.

ס'איז כדאַי אָפּצומערקן באַזונדער די פּאָעמע „בלוט פאַר בלוט" וואָס פאַרמאָגט הינטער זיך אַ טיפע איבערלעבונג און דאָס ליד „און וויפל איך זאָל נישט פאַרשטעלן פון זיך" („יִדן").

איינס פון די קינסטלעריש-שטאַרקע זאַכן אין דער זאַמלונג איז די פּאָעמע: „דאָס ליד פונעם יִד, זײַן גילדערנער באָרד און דער טערקישער שאַל". דאָ איז פאַראַן טעמפּעראַמענט, שינאה און פאַראַכטונג צום שונא, נאַציאָנאַלער גלויבן און שטאָלץ. דער צענטראַלער העלד פון דער פּאָעמע (אַ שוחט וואָס פאַרקערפּערט דאָ מיט זיך דעם מנהיג פון דער

עדה יידן פאַרבליבענע ביים דייטש) שטאַרבט מיט אַ נייעם גלויבן. עס דערוואַכט אין אים דער געפיל פון קאַמף און נקמה. דער גלויבן אין זיין זון וואָס איז אַוועק אין די וועלדער קעמפן קעגן דייטשן רוצח.

פון דער לידערזאַמלונג איז צו זען, אַז מ. אַ. קנאַפּהיים איז אַ דיכטער מיט אַ סך באַגאַבטקייט. די לידער פון מ. אַ. קנאַפּהיים דאַרף מען אַרויסגעבן, ווייל זיי גיבן צו עפּעס נייעס אין אונדזער דיכטונג".

צוליב מיין פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט דער רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן, וואָס האָבן אין 1946 געקריגן אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אַהיים קיין פּוילן, איז בטול געוואָרן דער אָפּמאַך און דאָס בוך האָט שוין מער נישט געזען די ליכטיקע שיין.

אַגב, איז עס שוין געווען ערב דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור און דער צוגעשטעלטער פּלאַן פון פאַרלאַג אויפן יאָר 1947 אַרויסצוגעבן די נייע ביכער איז שוין במילא נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. אויפן אָרט פון באַשטעטיקן דעם פאַרלאַגפּלאַן איז באַשטעטיקט געוואָרן דער ליקווידיר-פּלאַן פון גאַנצן פאַרלאַג „עמעס" צוזאַמען מיט די ביכער און זייערע מחברים.

אויף אַזאַ אופן האָט אויך דאָס בוך „בלוט פאַר בלוט" געטיילט דעם גורל, וואָס ס'איז באַשערט געווען די ביכער פון די יידיש-סאָוויעטישע שרייבערס וואָס זענען אין 1948 פאַרברענט געוואָרן אויפן מולך-מיזבח פון דער פאַררעטענער רעוואָלוציע — צו די פולע דרייסיק יאָר זינט דער פּערמאַנענטער אויסראָט-פּאָליטיק לגבי אירע דורכפירערס, שאַפערס און באַזינגערס.

אינטערעסאַנט איז אָבער דאָס, וואָס ביידע רעצענזענטן האָבן גע-האַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן אין זייערע אָפּשאַצן די וויכטי-קייט פון אַזעלכע לידער ווי: „ס'איז דיין שיינקייט מיר דערווידער", ווו אַ חוצן טיטל זאָגט זיך בפירוש אין ליד „צי איז דאָס נישט דאָס זעלבע מעסער / וואָס האָט געקוילעט מיינע ברידער" אין די „באַלאַדע פון די נייטאַרינס די דריי" מיט אַזעלכע אומצווייטייטיקע שורות ווי: „כ'טרעט אויף סטאַלין-גאַס. די שטיינער / בלוטיק רויט, צעגליט". אָט דאָס זאָגט אַן איבעריק מאָל עדות וועגן דער גרויסער תשוקה ביי די פאַרביטערטע יידישע שרייבערס אין רוסלאַנד דורכצוברעכן די כינעזישע מויער פון שטומשווייגן, אַז צו דער יידישער וועלט זאָל דערגיין אַן אָפּשיין פון אמת וואָס ליגט באַהאַלטן אונטערן „עמעס" פונעם סאָוויעטישן הימלאַנד. אויב זיי אַליין זענען נישט געווען בכוח אים אויסצושרייען בפני-כל-עם-

וועדה האָבן זיי זיך כאַטש באַמיט אונטערצוהאַלטן דעם מוטיקן, דעם וואָס האָט געוואַגט, זאָל זײַן אַפּילו מיט אַ בלויזער אָנצוהערעניש אָפּ־צודעקן אַ ברעג פֿונעם פֿאָרהאַנג...

ליידער איז עס שוין אָבער געווען די לעצטע שעה. מיט דער ליק־ווידאַציע פֿונעם „עמעס" איז אויך דער אמתער אמת געוואָרן ליקווידירט און אין איינעם מיט די בײדע אמתן — דער רוב מנין פֿון די ייִדיש־סאָ־וויעטישע שרײַבערס מיט זייער תשוקה און אײַנשטעלערישקייט פֿאַר דערהאַלטן די בײדע אמתן — די פֿאַרשטעלטע ייִדישע מיינונג און דאָס אָפֿענע ייִדישע בוך — די צוויי זײַלן וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דאָס לעצטע ביסל ייִדישקייט בײַ די אייביק־פֿאַרמישפּטע ייִדן הינטערן אײַזער־נעם פֿאָרהאַנג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל (נישט אויף איצט, נאָך אַ ביסל צו פֿרי) איז — דער וואַנדערוועג, וואָס די „באַלאַדע פֿון די נייטאָרינס די דרײַ" האָט דורכגעמאַכט, פֿון מאָסקווע ביז בוענאָס־אײַרעס, ביז זי איז געקומען צו־ריק אין מײַנע הענט און מיט דעם געקריגן די מעגלעכקייט צו קומען אין דער עפֿנטלעכקייט — נאָך גאַנצע צוואַנציק יאָר וואַרטן פֿאַרשטומט אין פֿאַרפֿאַלעניש.

מ ש ה ק נ אַ פּ ה יי ס

בוענאָס־אײַרעס, דעם 12טן אויגוסט, 1968

באַלאַדעס
פֿון ערב שטורעם

באַלאַדע
פון אַנטוישטן וואַנדערער

ס'קומט שטענדיק דאָס קינד מיט געוויין
און שרײַט, ס'וויל נישט ווערן געבוירן.
דער שניי וויל אַליין נישט צעגיין,
וויל בלײַבן און ווײַסן, פאַרפרוירן.

כ'האָב אויך נישט מיט גוטן געוואָלט
אַראָפּקומען אונטן אין פײַנטאָל
צו טיילן דעם גורל פון פאָלק
און ווערן אַ טייל פונעם ביינטאָל.

דאָך מיר, ווי מײַן דור, איז באַשערט
צו לעבן — דעם פײַנט צו להכעיס,
און צוזען דאָס אַלצדינג וואָס ווערט
פון מענטש־מין אין עמק־הבכה.

אַרומגיין אין וועלט־עול געשפּאַנט
און וועלן פאַרלאַטען די ריסן.
נישט טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט,
אַליין קיין שום זאַך נישט געניסן.

נישט צאָלן מיט גוואַלד קעגן גוואַלד,
פון לעבנקוואַל גאָרנישט זײַן נהנה.
דערפאַר וועמיר זוכה זײַן באַלד
די טריט פון משיח צו געגנענען.

ס'וועט קיינער נישט ווערן מער אַלט,
ס'קומט שטענדיק דאָס קינד מיט געוויין
די חיה וועט בלײַבן אין וואַלד
און ס'רשעות פון מענטש וועט פאַרשווינדן.

דערווײַל אָבער מוז מען אָן פרייד,
אָן ווײַלטאָג, אָן אַלעם פאַרגעסן.
די צײַט גיט דעם בעסטן באַשייד
פון ספקות אין הייל פון מעת-לעתן.

פון שטוב האָט געפירט מיך דער וועג
צום חדר מיט פינצטערע שטיגן.
באַגלייט מײַנע טריט, מײַנע טעג
האָט קינדערש געוויין אין די וויגן,

פאַרפעדערט-צעשויבערטע קעפ
אין אָפענע פענצטערס פון געסל;
אַנאויפהעריק נאָדל-געשטעפ
וואָס כ'קאָן עס נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן;

פאַרביטערט געשריי פון דער נויט
וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין גרענעץ.
מײַן דור האָט געזען אינעם ברויט
דאָס גליק וואָס איז גרויס ווי אַ פענעץ,

און אונטער דער פאָן זיך געשטעלט —
די פאָן וואָס האָט צוגעזאָגט געבן
אַ פרײַע, אַ גליקלעכע וועלט
ווו יעדער וועט לעבן זײַן לעבן.

געטראַכט האָב איך דעמאָלט אַז ווען
כ'וועל אויסוואַקסן, ווערן דערפאַרן —
פאַרלאָז איך די היים — די פיר ווענט
און לאָז זיך עק וועלט, דורך געפאַרן,

דורך מידבר, זומפּן און ים,
דורך אַלטע טונקעלע וועלדער,
ביז אָנשפאַרן כ'וועל אינעם לאַנד
ווו חלום און פרייד בלויז געוועלטיקט.

איך וועל זיך דערשלאָגן אַהין,
דורך אַלע סכנות — אַ זיגער.
ס׳וועט עמעץ מיך פרעגן, ווער כ׳בין,
וועל איך זאָגן: — איך בין נישט קיין היגער.

באַלד העלפט ער מיר טראָגן די פּעק.
פאַרבײַגייערס גריסן אים אַלע.
מיר גייען צופוס און אין וועג
דער מענטש איז אַ סוד מיר מגלה:

דאָס איז ער, דער מנהיג אַליין,
געקליידט אַזוי פּשוט, באַשיידן,
ווי ס׳העמדל פון לײַן, ווי דער פליין,
ווי ס׳לאַכן, דאָס גריסן, דאָס ריידן.

דאָ לויפט נאָך אַלץ באַרוועס די פרייד
פון פאַרחלומטע שפּיל־קאַטאַרינקעס.
אויף איטלעכער שוועל איז געגרייט
אַ קריגעלע וואַסער — נעם, טרינק עס...

כאַטש הערשן אויף וועלט וויל דער רוט,
קיין זאַך קאָן צו אים זיך נישט גלײַכן;
אין וועלטרינשטאָק גיסט זיך אַלץ בלוט —
אַזש רויט זענען, רויט אַלע טײַכן;

דער ווינט ברעכט און רײַסט צווײַג און בלאַט,
געראַנגל פון דעמבעס וואָס פאַלן...
דאָס לאַנד דאָ לעבט רויִק און זאַט,
מוזיק שפּילט אין ליכטיקע זאַלן.

דאָס פאָלק נעמט מיך אויף ווי אַ גאַסט,
מע זעצט אויבן אָן מיך אַנידער, —
און איך לייען־פאָר, ווי עס פּאַסט,
פאַרבלוטיקט־פאַרוואָגלטע לידער —

די האַרבסטע, די ביטערטסטע, וואָס
דערציילן פון וואַנדערוועג שווערן.
ס'רופט איינער זיך אָן מיט פאַרדראָס:
— מיר ווילן נישט הערן פון טרערן.

ווער דאַרף זיי, די לידער פון אַנגסט,
פון אומקום, פון ברעגלאָזן טרויער?
אַ מאַרשליד, אַ פריילעכס דערלאַנג,
אָן זאָרגן, אָן זין און אָן דויער.

כ'זע־איַין אַז זיי זענען גערעכט:
ווער דאַרף דאָ די שטראָפרייד פון נביא —
דאָס טויבע געקלאָג אין די נעכט
וואָס ס'קלאָגט אין איר עלנט די סאָווע?

זיי זאָגן מיר: — מנע, ס'טוט אונדז לייד,
ווייסט, לידער, נישט קאָנען דאָ בלײַבן,
דאָ מוז מען די שיינקייט און פרייד,
וואָס איז נישט צו קריגן, באַשרײַבן.

כ'וועל נעמען מײַן שטעקן אין האַנט
און לאָזן זיך טרויעריק שפּאַנען,
צו זוכן דאָס גליקלעכע לאַנד
וואָס איז נישט צו קריגן, באַשרײַבן.

וואַרשע, 1939

באַלאַדע

פון אַ קראָ, אַ פלעדערמויז און אַ זילבערנער לוויה

אויף מײַן פענצטער שטייט אַ קראָ
און פיקט די ווערטער־זשאַרנעס פון מײַן ליד.
איך זיץ דערלעבן שווער און מיד,
ווי אין זײַן טרויער ס׳זיצט אַן אָבל.
איך זע ווי ס׳לעכערט שוין די קראָ
מיט שאַרפן שוואַרצן שנאָבל
דעם שאַרבן פון מײַן ליד,
און כ׳קאָן איר גאָרנישט טון.

אַ פלעדערמויז — די אָוונטשרעק
קרײַזט אַרום אין פלאַטער
נידעריק איבער מײַן קאָפּ,
וואָס ווערט מיט איין מאָל גראָ,
און כ׳קאָן איר גאָרנישט טון.

איך זוך אַ וועג צום חלום וואָס איז ווײַט
און ווייס נישט
אַז איך בין אין אים פאַרוועבט,
אַז כ׳הער מיט זײַן געהער
וואָס ער אַליין נאָר הערט
און זע מיט זײַנע אויגן
וואָס ער אַליין נאָר זעט:

אַ שיינע זילבערנע לוויה,
ווי אַ שטאָלצע קיניגלעכע פּאַווע,
שפּאַנט אום גאַס אויס, גאַס אײַן

אין שוואַרצן טויטגעשפּאַן
איינזאַם, שווייַגיק, אָן געוויין —
אַ טויטנגאַנג אַ לעצטער
איבער טויטע גאַסן
פֿייַערלעך געלאַסן,
מאַיעסטעטיש,
קאַלט —
אַ פּראָסט.

פֿון הינטן שפּרינגט און היפּעט נאָך
די שוואַרצע קראָ
מיט הוילן פּינצטערן געקראָ
אויף איר גרויסן בראָך.

פֿון פאָרנט פּלאַטערט,
קרייַזט אַרום
שאָטנדיק און שטום
די אָוונטשרעק —
די פֿלעדערמויז,
און שטיל און שאַ!
קיינעם גייט נישט אָן
און ס׳פֿרעגט נישט קיינער:
ווער און וואָס?

אפשר איז עס אַ מענטש,
אַ מענטש פֿון פֿרייד און טרערן?
און אפשר איז עס אַ ליד
וואָס וויל נישט, מע זאָל עס הערן?
און אפשר גאָר אַ סוד
וואָס וועט קיין מאָל שוין נישט ווערן
אויסגעזאָגט?

איך זוך די גרענעץ
צווישן וואַך און שלאָף.

איך וויל פון חלום-געוועב אַרויס
און כ׳ווייס נישט
אַז דער חלום איז שוין אויס ...

פון אַלע חלום-גריבער
הפקרע, פינצטערע,
מיט אָפענע תהומיקע מײַלער
איז געוואָרן —
איין גרוב.

כ׳האָב די פלעדערמויז
אַרויסגעיאָגט פון שטוב,
די קראָ פון מײַן פענצטער פאַרטריבן
און אַליין,
מיט זיך אַליין געבליבן —
עלנט ווי די קבר-ערד.
כ׳האָב אַפילו נישט געהערט
ס׳יללהווען און כליפּען
פון בלייכע אָבל-ליפּן;
ס׳באַגלייט-געקלאַג,
דעם ווייגעשריי
נאָך דער זילבערנער לוויה
וואָס איז אומגעריכט פאַרשוווּנדן
מיט אַלע בייזע שטורעמווינטן
אין אָנקום פונעם טאָג.

די חלום-זעונג פון דער אוּנטשרעק
האָט זיך פלוצעם פון מיר אָפּגעטון,
אין ווייסטע וועלדער ווו אַוועק,
אַנטלאָפן
און געלאָזט מיך מיט דער אָפּגעדעקטער שרעק
אין מײַן שטייניקן אַליין,
און כ׳ווייס נישט אָט אַזוי ביז הײַנט
אין וועמען איז דאָס אַלץ,

מ ש ה   ק נ אַ פ ה י י ס

דאָס גאַנצע לײַב און לעבן מײַנס
געווען געווענדט?

צי איז דער בייזער חלום,
דער פּאַרויסזע,
די וואָרענונג
מיטן לעצטן שפּליטער שײַן
אַליין אַנטרונען פון מײַנע הענט,
צי איך האָב אים אַרויסגעיאָגט
פון שטוב
וואָס גרייט זיך זײַן מײַן גרוב?

וואַרשע, 1937

באַלאַדע

פון ייִד מיט די פאַלשע בריליאַנטן

פאַרנאַכטלעך. פאַרוויגט ווי פון גלעקער
פאַרגייען די מויערן אין טונקל;
אַ רום — אַ קאַצאַפּ און אַ יעקע
פאַרנאַרן אַ ייִד אין אַ ווינקל.

אַ געסל, אַ ליידיקס — אַ פּחד,
ווי ס'וואָלט ווער די מענטשן פאַרטריבן.
דער קאַצאַפּ נעמט אַראָפּ די פּאַפּאַכע:
— אָט דאָס איז פון קייסער געבליבן...

דער ייִד האַלט דאָס גליק אין דער האַנט —
צוויי גרויסע בריליאַנטן, ווי אויגן...
אים האָט זיך זײַן קינדהייט דערמאָנט,
וואָס איז אַזוי אײַליק פאַרפלויגן.

אין אַ שויב אויף אַן אייבערשטן גאָרן
אַ זונפלעמל לעשט זיך און צינדט;
אָט לויפן, אַנטלויפן די יאָרן —
פון ייִד ווערט אַ ייִנגל, אַ קינד,

וואָס זוכט אינעם רינשטאָק זײַן מזל,
אַ מציאה, אַן אוצר אין מיסט,
ווי נאָכן אייגענעם עקל — אַ מײַזל
דרייט זיך און יאָגט זיך אומזיסט.

און איין מאָל נאָך צוועלף בײַ דער נאַכט —
צוויי גליפלעמלעך הויך אויף די שטיגן:
— אַן אוצר!... און נישט לאַנג געטראַכט
אַ תפילה געזאָגט מיט אַ ניגון,

אַז ס׳זאָל נישט דער אוצר אַנטרינען —
דאָס היטל אַ וואָרף געטון קודם
און פון אוצר אַ קוויטש מיטן דרינען —
ס׳האָט אַ קאַץ גאָר געקוקט פונעם בוידעם.

וואָס האָט זיך דער אוצר, דער פאַלשער —
די צוויי קעצישע אויגן דערמאָנט אים?
ער וויגט זיך איצט ווי אַ פאַרחלשטער
מיט די צוויי גרויסע בריליאַנטן.

— ס׳אַ שאַדע ראַב ייִד, ס׳זאָל אַרײַנפאַלן
אַזאַ אוצר אין די הענט פון אַ גוי —
טענהט דער דײַטש — כ׳האָב אַן אײַנפאַל,
לאָמיר עס מאַכן אַזוי:

א י ר וועט אויסציילן דרײַהונדערט,
די אַנדערע דרײַ וועל איך געבן.
איין שותפות פון גאָט איז באַשערט אונדז
זאָ וואַר מירביידע לעבן.

אין פלאַטער, אין פיבער פון פרייד,
פון מזל, פון גליק, פון פאַרמעג —
די נאַכט טיילט אים אָפּ פון די לײַט
וואָס שווימען אין חושך אַוועק.

דרײַהונדערט גילדווינים ממתקים!
נעציטערט, געציילט ביז אַ גראָשן.
אַ בליק... אין די שלייפן נעמט האַקן —
די בריליאַנטן זענען קאַלט, אויסגעלאָשן.

וואָס האָט זיך געטון מיט דיר, שוטה?
געלאָזט זיך די אויגן פאַרבלענדן.
גענומען דאָס געלט און געטרויט עס
דעם ווינט... ווו זיך קערן און ווענדן?

„פון רוסלאַנד האָט זײ דער פֿאַרשװין
געשמוגלט די בריליאַנטן די צװײ,
די שענסטע פון דער צאַרישער קרױן,
פון באַטיושקאַ צאַר ניקאָלײַ".

אַזױ ט'אים דאָס דײַטשל פֿאַרשמײַעט,
פֿאַרחושט און פֿאַררעדט אים די צײן.
דאָס גליק קאָסט אַ ביסעלע טײַער,
דאָס גליק װאָס מע קױפֿט זיך אַלײן.

דער ייִד אָנגעשפּאַרט אױף זײַן שטעקן
שטײט פֿינצטער בײַם שײַן אױפֿן ראָג.
אױס רוס, דעם קאַצאַפּ און אױס יעקע —
גײ זוך דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג.

װאָס און בײַ װעמען זיך פֿרעגן?
ס'האָט נאַכט אַלע װעגן פֿאַרשפּאַרט.
צי באַװײנט ער דאָס געלט — זײַן פֿאַרמעגן,
צי דעם חלום װאָס האָט אים גענאַרט,

פֿאַרפֿירט, אַז עס קען דער קאַצאַפּ,
צי דער דײַטש די ישועה אים ברענגען?
זײ קאָנען אים געבן אַ כאַפּ
און אױפֿן לאַמטערן אים הענגען,

ס'זאָל קײנעם אַפילו נישט אַרן,
װי ער װאָלט צום הפקר געהערן.
אױ, װיפֿל מע זאָל אים נישט נאַרן,
מוז ער מיטן חלום זיך נערן.

ס'איז גרינגער מיט אים איבערטראָגן
דעם עול פון די מיטנװאָך-טעג.
נאָר װאָס װעט ער ס'װײַב זײַנס איצט זאָגן?
צעפּטרט, צעטרענצלט ס'פֿאַרמעג...

ס׳איז ליידיק די גאַס און ס׳איז שפּעט.
עס שטייט נאָך אין אומגליק דער ייִד.
ער קוקט אויף די גלעזלעך און זעט:
צוויי קעצישע אויגן צעגליט...

וואַרשע, 1936

באַלאַדע

פון קיניג וואָס האָט אומגעבראַכט אַלע זײַנע גענעראַלן

דער קיניג אין רויטן פרימאָרגן־ראָק
גענעצט און פײַפט אַ לידל, אַ פראָסט,
באַקוקט די פיגורן אין סטיל פון באַראָק
און געפינט שוין אויפן טיש די טאַץ מיט דער פּאָסט.

דער קיניג טוט אָן זײַנע גאָלדענע ברילן
(אויך אַ קיניג קען קורצזיכטיק זײַן)
און לייענט דעם פאַרטרוילעכן בריוו אַז מע וויל אים
דערלאַנגען אַ בעכער פאַרסמטן ווײַן.

ציטערט דער צווייטער בריוו אין זײַן האַנט —
מיט זיבן זיגלען פאַרזיגלט שטרענג:
„הויכקייט און פירער פון אונדזער לאַנד,
דײַן לעבן, זײַ וויסן, אויף אַ האָר הענגט!...

געזאָגט האָט אַ יונג, אַ פאַרשײַטער, אין מאַרק,
אַז איר ווייסט נישט, פאַרגעבן, וואָס איר רעדט,
אַז בלוטגיריק זענט איר, באַגרענעצט און קאַרג,
עס גייט אײַך נישט אָן וואָס מאָרגן וועט

געשען מיטן פאָלק און מיט אײַך אַליין;
אַז נאָר די מפּלה וועט אײַך געהערן...
ווי קאָן אַזאַ איינער — שמאָלקעפּיק, קליין —
נאָך וועלן איבער אונדז אַ פירער ווערן?

דער עולם האָט געקוואָלן פון די קלוגע רייד
און געהאַלטן, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צײַט,
מע זאָל אים, דעם קיניג, מודיע זײַן,
ער זאָל זיך פּאַקן און לאָזן אין וועג אַרײַן״.

באַפעלט דער קיניג: — שוין, תיכף ומיד
זאָל ווערן געביטן די ערנוואַך!
ער טוט אויס די ברילן און ציטערט ווי אַ בלאַט:
— זאָל ווערן דער ערשטער גענעראַל געבראַכט!

באַלד גיט ער אַ טראַכט אַז מע דאַרף זיך באַזינען,
ס׳וואָלט אַ סברה געווען אָפּצוּוואַרטן באַגינען.
נאָר אַ סכנה קומט אַלע מאָל שטיל ווי אַ קרעט...
ווען מ׳וועט זיך אַרומזען, וועט זײַן שוין צו שפּעט.

דער קיניג כאַפּט אויף אַ שעפּטש, אַ געררודער
הינטער זײַן טיר: — איך ראָט דיר... ווי אַ ברודער...
דער קיניג שפּרינגט אָפּ און עס שלײַכט זיך אַרײַן
דער ערשטער גענעראַל מיט די גאָלדענע ציין.

שטייט דער גענעראַל אין דרײַען געבויגן,
מ׳האָט אים נאָר וואָס פון שטוב אַרויסגעצויגן,
מיט אַ כאַפּטע ווײַבער געזעסן און געפּלאַפּלט,
ווער אויף דער צײַט איז און ווער ס׳האָט געמפּילט.

געהערט, אַז דער קיניג באַדאַרף אים צו האָבן,
האָט ער געבעטן, מע זאָל אים אויפן אָרט באַגראָבן...
ער איז דאָך אין אורלויב גאָר, צופעליק הי,
אפשר וואָלט מעגלעך געווען באַלד אין דער פרי...

פאַרשטייט שוין דער קיניג דעם שעפּטש, דעם געררודער
הינטער זײַן טיר: — „איך ראָט דיר, ווי אַ ברודער״...
דער קיניג — ווי אויבן באַשריבן — ווערט בלייך.
ווי אַ שאָטן האָט זיך יענער אַרײַנגעשלײַכט.

— הער אויבער און חשובער לייטענאַנט!
ווי ס׳לעבן פונעם קיניג איז אײַך ליב און טײַער,
ענטפערט, צי ווייסט איר, וואָס טוט זיך אין לאַנד?
איז אמת, אַ בונט האָט אַרומגעכאַפּט ס׳לאַנד ווי אַ פײַער?

דער קיניג וויל וויסן אָט תיכף ומיד
ווער ס׳האָט געגרייט אויף זײַן לעבן אַן אַטענטאַט?
און ווער איז דער יונג וואָס אין מיטן מאַרק
האָט געזאָגט, אַז כ׳בין בלוטדאָרשטיק, גײַציק און קאַרג?!

— איך ווייס נישט... איך הער עס צום ערשטן מאָל.
ס׳איז רויִק דאָס לאַנד און ס׳איז שטיל אין די גאַסן,
און וואָסער איז דאָ און ס׳איז גרוים אין שפּיטאָל.
איך מיין אַז עס פּאַסט נישט אַ קיניג זאָל שפּאַסן...

באַפעלט דער קיניג: — שוין, הײַנטיקע נאַכט
זאָל דער ערשטער גענעראַל ווערן אומגעבראַכט!

ס׳איז מיטאָג. זײַן הויכקייט פאַרזוכט נישט דאָס עסן,
ער קאָן אין די בריוו אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן.

באַפעלט דער קיניג: — אַזוי ווי איך רעד
זאָל מען ברענגען דעם צווייטן גענעראַל דעם פּאָעט!
ער פאַרקנעפּלט דעם שלאַפראָק אויף אַלע קנעפּ,
און ס׳הערן זיך טריט ווי אויף הילצערנע טרעפּ...

דער צווייטער גענעראַל אין צעקנייטשטן הוט
איז גראָד איצט, ווי קיין מאָל, אין גוטן מוט.
ער שטייט פאַרן קיניג, ווי אַ סטרונע, שטײַף
און ס׳גלוסט זיך אים שטאַרק אַזאַ פײַף טון... אַ פײַף...

— איז זאָגט מיר, איך בעט אײַך (ס׳איז קאָנספּיראַטיוו).
ווער האָט געשריבן די פאַרטרוילעכע בריוו?
און ווער איז דער יונג, וואָס אין מיטן מאַרק
האָט געזאָגט, איך בין בלוטגיריק, גײַציק און קאַרג?

דער גענעראַל דער פּאַעט פֿאַרנייגט זיך טיף:
— כ׳זאָל נישט וויסן פֿון קיין שלעכטס, ווי איך ווייס
נישט פֿון קיין בריוו,
זאָל מיר דערלויבט זײַן צוצוגעבן צום לעצט,
ס׳איז אַוודאי אַ שפּיצל פֿון אַ נאַרישן ליץ.

באַפֿעלט דער קיניג קורץ און שאַרף:
— נעמט אים און טוט מיט אים דאָס וואָס מע דאַרף!...

פֿאַרנאַכט איז. עס טונקלט. די זון נעמט פֿאַרגיין.
מיטן אייגענעם שאָטן ער שרעקט זיך צו זײַן.

באַפֿעלט דער קיניג רויִק און קאַלט:
— מע זאָל ברענגען אין פּאַלאַץ דעם גענעראַל,
וואָס איז שוין נישט יונג און איז נאָך נישט אַלט,
אָט דער, וואָס איז קעגן טעראָר און געוואַלט.

— צי איז אײַך איז באַוווּסט און צי איז אײַך באַקאַנט,
צי קענט איר דעם יונג וואָס העצט אויף דאָס לאַנד
אויב יאָ, זאָל ער ווערן געבראַכט דאָ אַהער,
אויב נישט, זענט איר — אַ פֿאַררעטער, ווי ער...

— אָ, קיניג, ביסט וווּיל געבוירן און דערהאַבן!
איך פֿיל שוין און ווייס שוין מיט וואָס דאָס שמעקט.
אַזוי ווי ביז איצט קאָן עס ווײַטער נישט בלײַבן,
באַפֿרײַ מיך פֿון פּאָסטן און איך וועל אַוועק.

באַפֿעלט דער קיניג און ס׳ציטערט זײַן בריל:
— זאָל ווערן געטון אָט אַזוי ווי ער וויל!
זאָל ער אַהיימגיין צום ווײַב אויסגעפּוצט
און אָט דער רעוואָלווער וועט אים קומען צו נוץ.

באַפֿעלט דער קיניג גאָר אומגעריכט,
מע זאָל ברענגען אַהער דעם גענעראַל מיטן פֿליך,
דער וואָס קריכט איבער די שענקען און רעסטאָראַנען
און פֿאַרהאַנדלט זײַן מאַכט פֿאַר אַ גלעזל שאַמפּאַניער.

— אַדוני קיניג, אַלמעכטיקער האַר!
באַפעל איז — באַפעל. נאָר ס'געהער נישט צו מיר.
איך גלייב, אַז דײַן לעבן איז באַדראָט פון געפאַר,
נאָר דו װענד זיך ליבערשט צום הויפּט-קאָמאַנדיר.

באַפעלט דער קיניג מיט שוים אויפן מויל:
— דעם הונט, דעם פאַררעטער — די קויל!

ס'איז אָוונט. דער קיניג וויל שלאָפן גיין,
און האָט מורא צו ליגן... צו זיצן... צו שטיין...

— ס'איז אַ וויטיק צו מיר און אַ שאַנד און אַ קלאָג! —
שרײַט דער קיניג און קלינגט מיטן גלאָק:
— זאָל ווערן די רגע אַהערגעבראַכט
דער גענעראַל וואָס האָט פאַרלוירן די זעלנער אין שלאַכט!

און דער קליינער, דער פּעמפּיק, וואָס אָן ציין איז געבליבן,
און דער הויכער, דער דאַרער, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין רעגן —
אפשר ווייסן זיי ווער ס'האָט די בריוולעך געשריבן?
אפשר האָט ווער פון זיי — דעם יונג אָנבאַגעגנט?

— אויב דער יונג וועט נישט זײַן דאָ ביז זייגער זיבן —
האָט דער קיניג באַפוילן דעם צענטן געבאָט —
זאָלן אַלע גענעראַלן, וואָס זענען געבליבן,
לייגן די קעפּ אויפן עשאַפאָט! — — —

דער קיניג האָט געוואַרט, מע זאָל אים קומען זאָגן,
מיט יעדער מינוט איז געשטיגן זײַן נייגער,
און — אַזוי איז געשען ווען ס'האָט אויסגעשלאָגן
די זיבעטע שעה אויפן ראָטהויז-זייגער.

טראַכט דער קיניג: נו, מילא, פאַרפאַלן...
דער עיקר, מע דאַרף נישט בײַ זיך זײַן געפאַלן.
אײַ, שפּעטער, אין קריג, וועט מען דאַרפן זיי אַלע...
דאָס לעבן פון קיניג איז בילכער פון אַלע גענעראַלן.

— — — — — — — — — — — — —

וואָסערער לץ, זאָגט, האָט עס אויסגעטראַכט,
וואָסערער נאַריונג האָט עס באַשריבן,
אַז אין איינער אַ שיינער לבנה-נאַכט
איז אַ קיניג אָן די גענעראַלן געבליבן?

דער יונג, וואָס האָט קעגן דעם קיניג געהעצט,
איז נישט געווען קיין נאַר, נישט קיין לץ.
דאָס ליד האָט ער באַשריבן אויף אַלע ווענט
און אַליין איז ער געבליבן ביז היינט נישט דערקענט.

נאָר דער קיניג שמייכלט אין די וואָנסעס אַריין
און רייבט זיך פאַר נחת די בלוטרויטע הענט.
ער וועט שוין אין דער געשיכטע אַריינגיין — דורך פיין,
און ס'לאָזט זיך דער פורהאַנג אַרונטער:
The End.

וואַרשע, 1939

באַלאַדע

פון פּרינץ פון די שלעפּערס

אויף דער שוועל פון אַ בויד אויפן מאַרק
דרעמלט דער פּרינץ פון די שלעפּערס.
פון מאָנומענט אין אַלטן פּאַרק
איז אַראָפּ צוריק אויף די טרעפּ ער.

פּאַרלאָזט האָט דער פּרינץ דעם אָלימפּ
באַהאַנגען מיט נומערלעך און בענדער.
דער גורל געפירט האָט אים בלינד
אין אַ צימער מיט הענגערס און שטענדערס.

דער פּרינץ איז אַראָפּ אויף אַן ערד
וווּ אַלץ, קרום און גלײַך איז פּאַרמישט שוין.
דאָס אַקעראַײַזן קלינגט ווי אַ שווערד
און רויבפייגל שוועלבלדיק פּישטשען.

ער האָט נישט דעם וועלטטאָל דערקענט
און פרעמד זעט אים אויס דער יאָרהונדערט.
די רעכט ליגט אין גזלנישע הענט
וואָס ווערן באַערט און באַוווּנדערט.

אַראָפּגענומען ס'העמד וועם פון לײַב —
נישט נייטיק מיט דעם זיך באַהאַלטן.
אויב גלוסט ווער דעם גוטן פרײַנדס ווײַב —
געפינט מען דעם מאַן ווי אַ קאַלטן...

פּאַרלאַנגען דײַן צירונג און געלט —
געהער צו די פשוטע זאַכן.
מיט כוח מע נעמט וואָס ס'געפעלט...
דער באַרג אויפן קאַרק ליגט פון שוואַכן.

צום גלוסטעניש איז גאָר נישטאָ
קיין גרענעץ — מעג פול זײַן די שיסל
מיט רענדלעך — דעם טראָפ אויף דער דנאָ
פאַרגינט מען נישט יענעם, זײַן ביסל,

דאָס טרוקענע ברויט זײַנס, זײַן קאָפּ.
מיט כלערליי פאָרטלען און טריקן
מע פּרוּווט און מע זוכט, גרייט אַ קלאַפּ
צו געבן, דערדריקן, דערשטיקן —

אַרויסקריגן ס׳לעצט מיט געוואַלט
אויב ס׳לאָזט זיך מיט גוטן נישט נעמען.
די ערלעכקייט גראָ ווערט און אַלט
אין מענטשלעכן ווילדוואַלד־גיהנום.

עס גייט נישט אין האָבן צו זעט,
פון שענסטן און בעסטן, דעם זאַטן.
הנאה ר׳האָט דאַן ווען ער זעט
ווי זײַן קרבן גייט אוים הינטער קראַטן.

ער הערט היפּאָקריטישע רייד
פון פאַלשע נביאים... קאַפּויער
געטון ווערט אין לעבן... די פרייד
פון פאָלק ווערט פאַרוואַנדלט אין טרויער.

אין טעג, ווען אין טרויער איז ס׳פאָלק
נאָך העלדן, אין קאַמפן געפאַלן —
גייט מען — באַהאַנגען מיט גאָלד —
אויף בעלער אין ליכטיקע זאַלן.

דעם אַנזען ווערט צוגעטיילט דעם,
וואָס באַזיצט די מאָראַל פון דער דזשונגל;
וואָס רוימט אָפּ פון וועג, אומפאַרשעמט,
די קעגנערם געהיים, אין דער טונקל.

און ער, דער פאַרבלאָנדזשעטער פּרינץ,
דער העלד פון די אַלטע ראָמאַנען,
געלעבט מיט חלומות, מיט ווינט,
דעם גאַנג פון די שטערנס פאַרשטאַנען —

האָט דאָ זיך געלאָזט, ווי אַ קינד,
פון אָפּנאַרערס, שווינדלערס — פאַרנאַרן
אין צימער — אַ בודע פאַר הינט —
צו דינסט פון גראָביונגישע הארן.

ס׳איז הײַנט אַזאַ באַל און ער וועט
דאָ האָבן אַ פולע גאַרדעראָבע
מיט מאַנטלען מיט פוטער געבעט
פון הערן און דאַמעלעך גראָבע.

ער זעט נישט קיין פּנים, קיין מענטש,
נאָר מאַנטלען, צילינדערס, קאַלאָשן...
מיט פעטע באַרינגלטע הענט
זיי וואַרפן אים צו די פאַר גראָשן.

זיי גייען אַרײַן אינעם זאַל
און לאָזן אים איבער זייער שאָטן —
דעם מאַנטל, דעם הוט און דעם שאַל —
וואָס איז אין גאַנצן אין זיי געראָטן.

עס רופט אים, דעם פּרינץ, און פאַרבעט
דאָס לאַכן, די פרייד פון די זאַלן.
ער גייט נישט אַרײַן, סײַ ווי וועט
דאָס ליכט שפּעטער אים בלויז באַשטראַלן.

ער ווייס, אין דעם דור איז זײַן אָרט
צווישן מאַנטלען, הוטן און שאַלן.
ס׳וועט די זיסע מוזיק נאָך פון דאָרט
אַמאָל צו די פיס זײַנע פאַלן.

זיי טאַנצן דאָרט, טומלען, ווי געגדז,
מיט סערפּענטין און קאָנפעטי פאַרשאָטן.
זיי פאַרגעסן אין רויש פון די טענץ
אַז ס׳הענגט אויפן האָק זייער שאָטן —

צעקנאָדערט, צעקנייטשט און צעקרומט,
ווי אין יאַטקע ס׳געשאָכטענע עוף...
אַ פאַלטן אויף שטום-לשון רופט:
— קום, ליבער פרינץ, הענג זיך אויף!...

און — אָט גייען די מאַנטלען אַראָפּ,
איינציקווייז — שאָטן נאָך שאָטן,
זיי צעלויפן זיך פון גאַרדעראָב
און ס׳לויפן נאָך שטעקנס און הוטן...

ער הענגט — אַ געקוילעטער האָן,
ער קאָן זיך נישט רירן, נישט שרייען...
אַ שאַל פלאַטערט אויף ווי אַ פאָן,
זיי חוזקן אָפּ פון אים, שפּייען

אין פּנים: — אַ רוח אין דיין...
דו תליון, דו הענקער געמיינער!
איצט, ברודערל, הענגסט שוין אַליין
און אַראָפּנעמען וועט דיך נישט קיינער.

— אוי, ווו וועל איך נעמען אַ, גאָט,
אויף אומצוקערן דעם שאָדן!
אַכיבע ביי דעם וואָס מיך האָט
פאַרוואַנדלט אין אַ מאַנטל, אַ שאָטן.

ער טענהט צום אייגענעם האָק,
און בעט זיך, ער זאָל אים באַפרייען,
און פּלוצעם — אַ טומל — אַ קלאַנג —
שיכורע קולות, געשרייען:

— העי, גאַרדעראָביער!
ז׳עם מאַנטל!... דעם הוט!... די קאַלאָשן!...
און צו וועמען געהער די טרער
וואָס וויל נישט ווערן פאַרלאָשן? —

צום פרינץ פון די שלעפּערס אין מאַרק
וואָס האָט זיך פאַרבענקט נאָך די מענטשן...
פאַראײנזאַמט ער שטײט צ׳ריק אין פּאַרק
אַ שטאָלצער אויף זײַן מאָנומענט שוין.

וואַרשע, 1936



באַלאַדע

פון דער פּשעקופּקע מיטן קיישל גרינס

ווי נאָר ס'הייבט אין מאַרק אָן צו טאָגן
באַווײַזן זיך ווײַבער־געשטאַלטן
צעשויבערט, מיט קוישן און וואָגן,
מיט טומל און גוואַלדן וואָס האַלטן

דאָ אָן בײַ די רייען געשטעלן
וואָס קריגן איצט לעבן און פאַרבן
פון כלערליי אויבסן וואָס ס'שטעלן
די סעדעכעס אוים אינעם האַרבן

און שאַרפן באַגינען, אין גראָען,
ווען ס'רײַסט פון זיי שטיקער דער ווינטער.
זיי פּלאַטערן אום, ווי די קראָען,
אין זייערע שאַלן און טיכער

אַרום די געפלאָכטענע קוישן
מיט עפּל, מיט פלוימען און באַרן — —
ס'זאָל ווער זיי נישט אין די געדרוישן
באַשווינדלען, באַגנבענען, נאַרן.

פון זײַט פאַלט אַ שאָטן פון טרויער,
ס'וואַקסט אוים מיט איר קויש די אַלמנה
נישט ווײַט פון אַרײַנגאַנג אין טויער.
איר קול נעמט באַלד רײַסן און מאָנען

ווי איבער אַ קבר... די קופּקע
פאַרדוקט זיצט, אַרויפגעשאַרצט אויפן
קאָפּ קופּער־האָר פון דער פּשעקופּקע:
— כאַפּטס, ווײַבער! באַ מיר זאָלט עץ קויפן!

וואָס מײַדט עץ אַ וויסטע אַלמנה?
מאַדאַמעשי, זעטס נאָר די בינטן!...
די רייד, ווי אַ פײַער־סכנה,
צעטראָגן אין לופטן די ווינטן.

די פּשעקופּקע שרײַט, רופט די קונים
מיט אַ הייזעריק קול ווי אַ ווילדע.
די מייערן, פּיעטרושקעס שטוינען
צום ליאַרעם אַרום, צום געפּילדער.

ס'אַ חלום געוועזן מיסתמא —
אין פעלד דאָרט די בלומען, די קרײַטער...
זיי פּרוּוון פון נעפּל דערמאָנען
זיך וואָס ס'איז געשען מיט זיי ווײַטער...

איצט ליגן זיי דאַ אינעם קוישל,
מע גיסט אויף זיי וואַסער פון קובל;
ווי גוט איז געווען אָן אַ מושל
אונדז, פּיעטרושקעס, אוגערקעס, ציבל!

אין אָפענעם פעלד זיך געכאָוועט,
געוואַקסן, געשמעקט אינעם רעגן...
אַז ווײ איז צו אָט אַזאַ כבוד,
אַז ווײ אונדז צו אונדזער געלעגער.

אין שטרויבינד פאַרפלאָכטן, געבונדן...
פון וואַנען וועט קומען דער רעטער?
מ'מוז ליגן אין געהאַקטע ווונדן
צוזאַמען מיט קנאָבל און רעטעך.

ס'איז זיי שוין די שבחים דערעסן,
פאַרדאַכטיק די רייד אירע ליבע.
— זי וויל אונדז פאַרקויפן צום עסן! —
איין מייער דעם צווייטן גיט איבער.

ס'נעמט רינצלען די הויט אויף דער ציבל,
די פּיעטרושקע בלייך ווערט און בלאַס אַזש
און בלאַנבלאַ פאַר שרעק ווערט דער ריבל —
כאַטש גיי, נעם און מאַך אים אַ מאַסאַזש.

ווי אויף אַ באַזאַר — גייען פרויען
פאַרביַי איר: יאָ קויפן, נישט קויפן...
זיי קאָנען איר מויל נישט געטרויען
וואָס זי לאָזט עס פריַי אַזוי לויפן.

די גרינס־הענדלערין אין דער קופּקע
זעט אויס ווי פון אַנדערע וועלטן.
זיי שרעקן זיך פאַר דער פּשעקופּקע,
זי זאָל זיי אַ מאָל נישט פאַרשעלטן.

דאָס פּנים צעיאָכמעט, צעצונדן,
די האָרבינטלעך, שאַרף ביַי די זיַיטן,
זיך רייַסן אַפער רויט ווי צונטער.
ווי ס'וואָלט אויפן שפּיץ קאָפּ איר רייַטן

אַ שרעטל — די קופּקע אוי, וויי איר...
מע דאַרף פאַר רויטהאָריקע וויַיבער
זיך היטן אַזוי ווי פאַר פייַער,
כאַטש נעם און פון באַזאַר פאַרטרייַב איר...

מאַדאַמען אין ברייטע כאַלאַטן
באַגלייטן מיט בליקן, ווי מעסערס,
די פּשעקופּקע מיט די סאַלאַטן:
זיי מיינען נישט דאָס, עפּעס בעסערס.

זיי זוכן מציאות... דער עיקר,
בינטן — גרויס ווי די גאַרבן!
זיי ווייסן נישט, וויי, אַז אויך בריקעוו
און מייערן, גרינס — קאָנען שטאַרבן.

זיי ציטערן איבערן גראָשן,
זיי זאָלן זיך נאָר נישט גענאַרן.
די פּשעקופּקע דרשנט איר דרשה,
און ס׳גרינוואַרג — עס זאָל זיי דאָס אַרן,

פאַרקערט, קאַרטשען אײַן זיך אין גאַנצן,
זיי ווילן נישט קיינעם געפעלן;
מע וועט אפשר זיי נאָך פאַרפלאַנצן
צוריק אין די ערדישע צעלן.

אַרום ווערן פּוסט, אָפּגעליידיקט
די הילצערנע באַזאַר-געשטעלן.
די מאַרקקעץ, ווי לצים, פוללײַביק
צעזעצן זיך שוין אויף די שוועלן.

און ס׳זעט די אַלמנה ווי ס׳ווערן
די גרינסן אין קיישל פאַרשרומפּן.
פון פוילקן ריח, פון שווערן,
וואָס קומט ווי פון קברים — פאַרדומפּן,

באַפאַלט איר אַ שוואַכקייט, אַן איבל
אַזש ס׳נעמט זיך מיט איר היך-העך וויגן
דער קויש מיט די מייערן, ציבל,
דער מאַרק מיט די שטעלן ווי שטיגן.

אַלץ דרייט זיך מיט איר אין אַ רעדל,
פאַרבײַגייערס קוקן און שווײַגן.
אָט טאַנצט איר אַנטקעגן אַ שדל
מיט הענטלעך פאַרלייגט אין צוויי פײַגן.

און דײַטשלעך, געפּאַנצערט אין שטאָלן,
שפּרינגען אַרויס פון אַ רענצל
און גייען מיט פײַף און בהלה
אַנטקעגן אַ חתונה-טענצל.

זיי וואַקסן אויס פּלוצעם מיט דרענגער
און קנוטן — מלאכי־חבלה.
דער מאַרק ציט זיך אויס, ווערט אַלץ לענגער —
אַ קאַסטן — אַ שוואַרצע עגלה.

די נאַכט קריכט אַראָפּ פון די דעכער,
די לצים און שדים — אַוודאי.
וואָס העלפט מיר מײַן שרײַען אַלץ העכער,
זיי זענען שוין אין מײַן באַלאַדע

אַרײַן... גיי, פאַרייאָג זיי מיט שטעקנס —
ווערסט זיי אַזוי גיך נישט פאַרטרײַבן.
אוי, זאָלן פון בלוט כאָטש קיין פלעקן
נאָך זייערע טריט דאָ נישט בלײַבן.

וואַרשע, 1939

באַלאַדע

פון גייער אויף די וועגן פון קריג

דער גייער גייט שוין לאַנג אין וועג —
שטאָט אײַן, שטאָט אויס, שלינגט מײַל נאָך מײַל.
אים דאַכט, דער וועג איז ווי די טעג —
אָן סוף, אָן ברעג. איז וואָס ס׳געאײַל?

געטריבן פון דער קריגמאַשין —
ער גייט באַגלייט פון חורבן־קלאַנגען
אָן זין, אָן ציל, אָן אַ וווּהין —
אין קריגנעץ, ווי אַ פיש, געפאַנגען.

דער גייער — דאָס בין איך אַליין
וואָס גיי איצט מיטן טויט געאָרעמט.
צעשטרײַט פאַרלאָזט דאָס בעט, די היים
אין מורא פאַרן שוואַרצן אָרון.

— דו האָסט גערופן צום בויקאָט,
דיך וועט מען פון די ערשטע שיסן.
אין חלום כ׳האָב געזען ווי מ׳האָט
די האָר פון קאָפּ דיר אויסגעריסן.

דו מוזסט אַוועק — זאָגט ס׳ווײַב מײַנס קיל —
דו האָסט אין ליד דײַנס ס׳פאָלק געוואָרנט...
אין רויך שטייט שוין די שטאָט געהילט,
אין פלאַם וואָס גרייכט דעם העכסטן גאָרן.

כ׳בין אָן אַ וואָרט פון שטוב אַרויס.
אַ קוש, אַ בליק, אַ טרער — דאָס שיידן.
איך האָב מיט זיך גענומען בלויז
מײַן ליד, ס׳זאָל מיך אין וועג באַגלייטן.

צי קאָן עס העלפֿן אין אַ נויט?
צי וועט דאָס ליד מיך שיצן קאָנען?
ווען ס'פֿאָכעט מיט זײַן שווערד דער טויט,
איז ס'ליד מיט מיר אין גלײַכער סכנה.

דאָך קאָן עס זײַן אַ טרייסט אַ מאָל,
זאָל זײַן די שטרוי — ווען איינער טרינקט זיך...
די זון לעבט אויף דעם ביינערטאָל
און ס'ליד אויף ס'נײַ מיט פֿרייד צעזינגט זיך.

נאָר איצט איז מיך נישט און נישט ס'ליד —
אונדז ביידע מער נישט צום דערקענען.
דאָס סכנה־פֿײַער ברענט די טריט
אונדז, ברענט און הערט נישט אויף צו ברענען.

נישט איין מאָל האָט שוין אויפֿגערויט
אין ליד מײַנס העל אַ שריפֿה־אָפּשײַן.
כ'האָב פֿאַרן שטומען גאַנג פֿון טויט
געהאַט אַ מאָל דעם גרעסטן אָפּשיי.

איצט וואַלגערט ער זיך דאָ אַרום,
ווי אַ געשפּענסט, אויף אַלע וועגן —
אין טראַנטעס, קנאָכיק, אויסגעקרומט...
כ'בין אָפּט שוין לעבן אים געלעגן.

פֿון טויטשווייס — נאָס אָוועקגעשפּאַנט,
ווי ס'לעבן וואָלט מיך צו זיך רופֿן.
אין בראָכוואַרג ליגט אַ דאָרף ביים ראַנד.
כ'זע פֿײַער, רויך און טויטע גופֿים.

אויף הפֿקר בלײַבט אין פֿעלד ס'געביין.
ווער זאָל הרוגים דאָ באַוויינען?
כ'וועל אפֿשר באַלד אויך זײַן אַליין
צו גאַסט בײַ זיי, די ליבע שכנים,

װאָס זײַנען גלײַך מיט מיר אַװעק,
געלאָזט זיך אין איין העמד אין װאַנדער.
זיי שפּאַרן זיך שוין אײַן דעם װעג,
די טויטשרעק, אַלצדינג מיט אַנאַנדער.

כ׳נעם זייער אויסזען מיט זיך מיט
און שטויב פון זיך אַראָפּ די שטויבן.
געלײטערט װערט אין מיר ס׳געמיט,
איך פיל דאָס לעבן מײַנס דערהויבן,

אַן אויפגעהויבנס פונעם מיסט.
די פייגל — הער איך — זינגען שירה.
איך שפּאַן אַװעק — צו שפּאַנען ביז
כ׳װעל ערגעץ זיך אין װײַט פאַרלירן.

אין שײַער שמעקט מיט פרישן היי,
דער עפּל איז אין סאָד שוין צײַטיק.
ס׳איז אומעטום די ערד — אַ היים
און ס׳ליד — אַ טרייסט אין אַלע צײַטן.

קוים װעט אויך דאָ מײַן דאַרער גוף
אין װאַנדערװעג פאַרפאַלן װערן, —
פאַרנעמט, איר הימלען הויך מײַן רוף,
און זאָלן אויך די שטערן הערן,

צו קאָנען שפּעטער אין מײַן שטוב
דעם סוד פון טויט דער מאַמען זאָגן,
אַז כ׳ליג װוּ אין אַ מאַסנגרוב
און ס׳ליד מײַנס װעט מיך שוין באַקלאָגן.

הינטער לוצק, סעפּט׳ 16, 1939

באַלאַדע

פון פאַרבלוטיקטן היטל

דאָס היטל, וואָס כ׳טראָג אויף מײַן קאָפּ,
איז איינעמס, אַ פרעמדנס, נישט מײַנס.
ס׳פאַלט איבער די אויגן אַראָפּ
און פאַרשטעלט מיר די ליכטיקע שײַן.

איך ווייס נישט צי ס׳לעבט נאָך דער העלד,
צי דאַרף ער נאָך האָבן דעם הוט?
בײַם וועג ס׳איז געלעגן, אין פעלד
דאָס היטל מיט שפּורן פון בלוט.

מײַן היטל פאַרלוירן איך האָב
ווען ס׳האָט אונדז געטריבן די שרעק.
מ׳האָט דעמאָלט אַפילו דעם קאָפּ
געקאָנט איבערלאָזן אין וועג.

און אָט, כ׳האָב געפונען אַ צווייטס
כאָטש ס׳איז נישט געגוי אויף מײַן מאָס.
מיר דאַכט זיך, אַז עמעצער שרײַט
און שעלט מיך אָן אַ פאַרוואָס.

דאָס שעלט מיך אַוודאי מײַן העלד
גלײַך כ׳וואָלט אים פאַרשוועכט נאָכן טויט.
אָט גייט ער אַרום אויף דער וועלט
צוריק אין זײַן אייגענער הויט.

אין פלאָנטער איך שלעפּ מײַנע פיס...
זעט אויס, איך האָב יענעם געקענט.
געגאַנגען צוזאַמען ער איז
מיט אונדז, ווען די הייך האָט געברענט,

צו פּוס טאָג און נאַכט, אָן אַ סוף,
אַ לעדער — דער גומען און צונג —
אַזוי טרוקן... אָן עסן, אָן שלאָף,
צו חלשן נאָר נאָך אַ טרונק...

ווער ווייס וויפל הונדערטער מײַל —
באַהאָגלט פון קויל און שראַפּנעל.
דער דײַטש ברענט די טריט אונדז, ער אײַלט,
דער בליצקריג זאָל טאַקע זײַן שנעל...

דאָס בחורל האָט זיך מיט אונדז —
די גרופּע וואָס האַלט אָן די טריט —
געהאַלטן בײַנאַנד, ווײַל ס'אַ קונץ
צו גיין און נישט ווערן דאָך מיד.

זײַן אויסזען איך זע אַזוי קלאָר,
דאָס פּנים, די באָרוועסע פיס,
באַוואָקסן, צעשויבערט די האָר...
די סכנה צעוואָיעט זיך וויסט,

— אַוויאָנען! גערויש און געבריל...
דאָס האַרץ ווערט פאַרצאַפּלט פון שרעק.
ס'לאָזט יעדער זיך לויפן ווי ווילד —
וואָס ווײַטער צו זײַן פונעם וועג,

פונעם זעלנער־טאַבאָר, פון שאָסיי...
זיך דערשלאָגן אַהין צום אָקאָפּ.
כ'הער געשריי און געוויין: — אוי, וויי!
שמע־ישראל! מאַמע־קרוין! אוי, מײַן קאָפּ!...

טייל לויפן אין קאָרן... מע פאַלט...
די שטאָלפייגל קרײַזן אַרום
געניט איבער קעפּ, און אָט באַלד —
פאַלן באָמבעס... געטראַסק און געברום...

כ׳באַהאַלט זיך... מיסתּם אַזוי האָט
ער אויך זיך באַהאַלטן, מײַן העלד.
נאָר אים איז געווען אַ שאָד
זײַן פאַרלוירן היטל אין פעלד.

אַרויסגעשאַרט ר׳האָט זיך געשווינד,
צו כאַפּן זײַן היטל, דער נאַר!
באַדויערדיק בלויז ס׳איז אַצינד —
ר׳האָט באַצאָלט מיטן לעבן דערפאַר.

ס׳איז שטיל. כ׳קריך אַרויס פונעם גרוב
באַגאָסן מיט אַנגסטן, מיט שווייס:
איך פיל, ווי ס׳וואָלט ווער מיך געשטופּט:
— לעב! כ׳לעב, נאָר כ׳געדענק נישט ווי כ׳הייס.

עפּעס ווײַזט זיך מיר אויס, כ׳בין נישט איך,
כ׳בין יענער וואָס לעבט שוין נישט מער.
איך טראָג אויך צעריסענע שיך
און כ׳האָב מורא פאַרן טויט — איך בין ער.

איך וועל קומען צו יענעם אין שטוב
ווען דער שטורעם וועט איבערגיין;
נישט אויסזאָגן דעם סוד אַז אין גרוב
געלעגן איז שוין מײַן געביין.

דאָס ווײַב וועט טאַנצן פאַר פרייד...
כ׳וועל אויסטאָן דאָס היטל און דאַן —
וועט בלײַבן איר בליק ווי פאַרשטיינט:
— אַ טעות! דאָס איז נישט מײַן מאַן!...

זי וועט דריקן דאָס היטל צו זיך
און קושן די פלעקן, דאָס בלוט...
אַנטוישט פון דער פרייד וועט זי גיך
מיך היימען פאַרלאָזן איר שטוב.

לוצק, סעפּט׳ 22, 1939

באַלאַדע

פון מאַמע און טאָכטער ערב חורבן אין ביאַליסטאָק

אין ביאַליסטאָק, אָנהייב מילחמה.
אין לופט שמעקט מיט פּולווער, מיט שרויט.
צעפּלינדערטע גאַסן און קראָמען —
געהילטע אין שאָטן פון טויט.

די רויטע אַרמיי איז געקומען,
דער דײַטש אין געאײַל איז אַוועק.
די שטאָט ליגט געבונדן אַ שטומע
מיט האַלדז צו דער שחיטה געשטרעקט.

דער אונטערגאַנג קריכט אין די ביינער
מיט ליד און געצימבל באַגלייט.
און ס׳פילן אַפילו די שטיינער
דעם צער פון דער פרייד וואָס פאַרגייט.

די געסלעך פון ביאַליסטאָק זענען
געהויקערט, פאַרשרומפּן, פאַרשפּאַרט.
פאַרענדערט נישט מער צום דערקענען —
זיי ווייסן שוין וואָס זיי דערוואַרט.

פון איבערגעשראָקענע פענצטערס
צעשויבערטע קוקן אַרויס
פאַרשלייערטע שאָטנס-געשפּענצטערס
וואָס גייען פאַרצאַפּלטע אויס.

גערויש און געקלאַנג פון געווערן.
באַלד שיטן זיך טריט אויף די טרעפּ.
די מענטשן מיט זידלרייד ווערן
פון די בעטן אַרויס געשלעפּט.

ס'איז פּרײַטיק צו נאַכטס און אַ מאַמע
כישופט מיט הענט איבער ליכט.
זי פירט זיי פונאַנד און צוזאַמען,
באַהאַלט אין די הענט דאָס געזיכט.

ס'שטייט הינטערן פענצטער דער אָוונט
ווי נעכטן — אי וואָכיק, אי פרעמד.
וויי, ס'קאָן נאָך אַ פרעמדע מחשבה
פאַרשעמען דעם שבת. די ווענט.

— נעם, טאָכטער, לעג-צו ביידע לעדן,
דער שבת זאָל זײַן אָן אַ פּגם.
דער שבת-פלאַם איז נישט פאַר יעדן,
פאַר אונדז בלויז איז הייליק זײַן פלאַם.

די מאַמע זאָגט צאינה-וראינה,
די ברילן בײַם שפּיץ נאָז זי האַלט.
די שבת-ליכט פלעמלדיק ברענען,
דער פלעמלשיין הייבט זיך און פאַלט...

די מאַמע אַריבער די ברילן
קוקט פרום צו דער טאָכטער אַהין:
— אין חופּה-וועלאָן וועט זיך הילן
דײַן שיינקייט, דײַן צניעות, מײַן קינד.

צעשײַנט זיצט די מאַמע אין שייטל:
— איך זע שוין דײַן חתן אין קיטל...
היט, גאָט, פון געדאַנקען פאַרשײַטע
מײַן בלוט און מײַן פלייש — שרה-גיטל.

די צעפּ — צוויי געפלאָכטענע חלות
מיט מיידלשאַפט יונגער פאַרפלאָכטן.
די טאָכטער — אַט פילט זי דעם חלום
אַט פילט זי זיך גלײַך ווי געשאָכטן.

פון וואַנט קוקט אַרונטער דער זיידע
דורך שטויב פון פאַרגאַנגענע יאָר.
זײַן שמייכל שעפּט נחת פון ביידע —
פון שייטל און מיידלשע האָר.

— פאַרוואָס ביסטו, מאַמע, פאַרעקשנט?
אַז נאָר דו באַשווערסט און פאַרווערסט...
איך וויל ווי דער בוים זיך צעוואַקסן
פאַרוואָרצלט, ווי ער איז, אין ערד.

— וואָס דאַרפסטו נאָך, טעכטערל, טענהן?
וואָס טויגן דיר אַלע פאַרוואָסן?...
די שבת-ליכט שמעלצן פון תענוג:
— באַלד וועט ער קומען, דײַן חתן.

— מאַמע, פאַרשטיי מיך, איך האָב עס
גענוג שוין דעם צימעס, דעם ווײַן,
די זמירות, די לאָקשן מיט באָבעס...
דער חתן דײַן גייט מיר נישט אײַן.

די טאָכטער בלײַבט שטיין פאַרן שפּיגל
פאַרשעמט פאַרן אייגענעם בליק.
די ליבע קאָן אַנטוען פליגל
און פירן אין היכל פון גליק.

— דו קריכסט בידים אין אומגליק...
איך זע עס, איך פיל עס בעפאָר.
דײַן אויפפירעכץ, קינד מײַנס, פאַרטונקלט
דײַן מאַמען די עלטערע יאָר.

די מאַמע דערפילט ווי עס ווערן
די פעדעם פון דורות צעריסן.
דאָס טעכטערל מאַכט זיך נישט הערן
די מאַניקע רייד פון געוויסן.

ס׳פאַרלויפן דער מאַמען די אויגן:
צי איז עס פון בושה די טרער?
דער שאָטן אויף וואַנט אויסגעצויגן,
איר דאַכט זיך — דער שאָטן איז — ער.

— ווילסט ברעכן, חלילה, דעם גדר
פון ייִדישקייט, פרומקייט און פרייד?
כ׳וועל איפּדעוואָך גלייַך, בלי־נדר,
דיר קויפן אַ סאַמעטן קלייד.

— איך וויל נישט, איך דאַרף נישט קיין קליידער.
ער נעמט מיך ווי כ׳שטיי און איך גיי.
— ס׳קאָן שאַטן, מייַן קינד... חבלי־לידה...
— נישט דעמאָלט ווען מ׳איז זיך געטרייַ.

— מייַן קינד, ס׳וועט דער טאַטע אין קבר
נישט האָבן צוליב דיר קיין רו,
און איך אַליין, טאָכטער, זע, גרוי ווער...
— וואָס קאָן איך דיר העלפן דערצו.

— איז וואָס וועל איך זאָגן אַז קומען
אַהער וועט דער חתן דאָ באַלד?
— שרה־גיטל איז יונג און פאַרנומען...
— און איך... די מאַמע... בין אַלט...

— ווי קאָן מען אַ מאַמע פאַרלאָזן?
— נישט איך און נישט דו ביסט אַ קינד.
דער ווינט האָט געעפנט די לאָדן...
אין שטוב רייַסט אַרייַן זיך דער ווינט.

די נאַכט הויערט הינטערן פענצטער.
דער ווינט לעשט די שבת-ליכט — אַכט.
דער מיידלשער חלום דער שענסטער
איז שטאַרקער פון ווינט און פון נאַכט.

נאָר ווו קען ער פירן ווען ס׳זענען
די וועגן מיט שניי הויך פאַרשיט;
ווען ס׳וועלן אויף שײַטערס נאָך ברענען
דער שבת, דער חלום, דאָס ליד...

ביאַליסטאָק, דעצעמבער, 1939

באַלאַדע

פון רידל, פון ערד און פון זיך

איך שטיי אויף מײַן אייגן שטיק פעלד,
דעם רידל פאַרדריקט אין דער האַנט.
מיר דאַכט ווי כ׳וואָלט איצט מיט דער וועלט
זיך פנים-אל-פנים באַקאַנט.

געפילט האָט נישט קיין מאָל מײַן טראָט
די ווייכקייט פון אָפענער ערד.
דאָס מאָגערע גרינס פון דער שטאָט
צו מאָל — האָט צו מיר נישט געהערט.

דער טאָג און אפילו דאָס העמד
אויפן לײַב איז געווען נישט מײַנס.
כ׳האָב געטראָטן נישט-זיכער און פרעמד
אויף שטומען געפלאַסטערטן שטיין.

דער ווינט האָט נישט איין מאָל געיאָגט
אַראָפּ מיט אַ רוגזה מײַן דאַך.
איך הער נאָך ס׳געוויין און געקלאָג
נאָך לוויות וואָס ציִען בײַ נאַכט.

אַ גערטל, אַביימל פאַרשעמט
געווען איז אַמאָל נאָך מײַן טרוים;
דער בוים — דעם וואָס איך האָב געקענט —
איז אַ תליה געווען, נישט קיין בוים.

צום ערשטן מאָל האָב איך אין האַנט
געהאַלטן אַ רידל צעפלאַמט:
פאַרשאָטן מיט ערד האָב איך דאַן
אַ חבר — געפאַלן אין קאַמף.

דעם רידל צום צווייטן מאָל כ׳האָב
געקריגן מיט פיבער און אַנגסט.
געבויגן איך שטיי און איך גראָב
אָקאָפּעס — אַ קבר אַ לאַנגס.

אַ וואָלקן־פּראָצעסיע, איך זע,
פּאַרטונקלט דעם הימל, די שײַן...
ס׳געדריי פון דער וועלט־קאַרוזעל
געכאַפּט האָט אונדז אַלע אַרײַן.

אַראָפּ וועט אַ האָגל, אַ שלאַקס —
אַ רעגן פון בלײַ און פון בלוט.
דאָס קבר ווערט גרעסער און וואַקסט...
עס פעלן אוים רידלען און — מוט.

דער שוואַכער און מידער פאַלט אָפּ.
אַ רידל פון האַנט גייט צו האַנט.
צי בלויז נאָר פאַר זיך יעדער גראָבט
אַ קבר, צי אויך פאַרן לאַנד?... — — — —

איך טרײַב פון זיך אָפּ יענע שרעק
וואָס האָט זיך אַ ווײַל אומגעקערט.
די ערד ליגט צעאַקערט — עס שמעקט
דאָס נאַקעטע לײַב פון דער ערד.

מײַן טרייסט ליגט אין דעם וואָס איך ווייס:
דאָס שלעכטס קאָן נישט האָבן קיין האַפט!
מיר דאַכט זיך, די ערד איז איצט הייס
און אָטעמט מיט לעבן, מיט קראַפט.

פאַרקנסט מיט דיר, ערד, כ׳בין אויף ס׳נײַ —
אויף לעבן־באַנײַ, נישט אויף טויט.
מײַן יעדער טראָפּ שווייס זאַפּסטו אײַן,
מיט זון, מיט די זוימען און טוי.

דער רידל איז פֿאָרזיכטיק, כ'היט,
ס'זאָל די ערד נישט געשען עפּעס שלעכטס.
איך נעם זיי אַרײַן אין מײַן ליד —
דעם רידל, די ערד מיט איר קרעכץ.

און אײדער דער שטורעם געניט
וועט ערגעץ מיך טון אַ פֿאַרטראָג
זאָל בלײַבן פֿאַרקריצט אינעם ליד
דער רידל, די ערד און דער טאָג.

ביאַליסטאָק, סעפּטעמבער 1, 1940



באַלאַדע

פון איינזאַמען פויגל

כ׳האָב נישט געוווּסט אַז ס׳האָט דער רייַך
מיך אינעם צעטל אײַנגעשלאָסן
פון די וואָס דאַרפן ווערן גלייַך
אין סאַמע ערשטער ריי דערשאָסן.

ווי נאָר קיין וואַרשע וועט אַרייַן
דער דייַטש מיט טויטנקאָפּ אויף אָרעם
דאַרף איך דאָרט צווישן יענע זייַן
וואָס דאַרפן פאַר זיך גראָבן קברים.

אין בוך „די אָסטיודען אין קריג"
איז דאָ מייַן נאָמען צווישן נעמען
פאַרמישפּטע צום טויט — איך קריג
אַ קויל — באַלוין פאַר אָנטייל נעמען

אין קאַמף, בויקאָט אין שריפט און וואָרט
צו שאַנד דעם שיינעם דייַטשן נאָמען:
— פאַרנעמט, זייַט מוחל, אייַער אָרט
בייַם קבר אויבן אָן, ווילקאָמען!

מייַן בליק געווענדט איז צו זבאָנשין*
געווען, ווּהין די פליטים שטראָמען,
געטריבן נאַקעטע אַהין,
און כ׳האָב געטראַכט פון לאַנד פון טמאַן,

* פוילישע גרענעצשטאָט, וווּהין די דייַטשן האָבן פאַרטריבן אין 1938 די דייַטשע ייִדן, אָפּשטאַמיקע פון פוילן

אַז ס'טאָר מײַן פּוס נישט דײַטשלאַנדס שוועל
אַריבערטרעטן אין מײַן לעבן;
פֿאַרשאָלטן זאָל איך זײַן אויב כ'וועל
אַ האַנט פֿון הילף דעם שונא געבן.

אַט באַלד שלאָגט אוים דער זייגער צוועלף,
די קריגמאַשין ברענגט מיט זיך כּרת.
מיט שאַרפֿע ציין די סטײַע וועלף
וועט זיך אַ לאָז טון פֿון די נאָרעס.

כ'בין מודה, כ'ווייס נישט צי כ'האָב גוט
געטון צי שלעכט — ווער קען עס וויסן?
געלערנט האָב איך דאָך, קיין בלוט
זאָל איך נישט מיט מײַן האַנט פֿאַרגיסן.

ווײַל ס'בלוט פֿון הבל זידט און שרײַט
ביז הײַנט און ערט נישט אויף צו שרײַען.
פֿון שאַנד און שטראָף ווערט נישט באַפֿרײַט
זײַן, הבלס, ברודער־מערדער — קין.

אין חלום זע איך ווי איך פֿאַל
אַ יונגער נאָך — אין מיטן בליִען.
איך קאָן צו מאָל נישט, ווי די שוואַלב,
אַ הייב טון זיך אין הייך און פֿליִען.

און אפֿשר האָב איך זיך באַדאַרפֿט
פֿאַרטײַען הינטער שונאס רוקן
מיט האַסט דעם חלף — לאַנג און שאַרף —
אין רוקן פֿונעם פֿײַנט פֿאַררוקן?

ס'איז שולדיק, כ'ווייס, די בלאָע שוואַלב,
וואָס כ'האָב נישט ס'בלוט פֿון דײַטש פֿאַרגאָסן,
און אויך, וואָס ער האָט נישט צעהאַלבט
אויף צווייען מיך, מיך נישט דערשאָסן.

די לעצטע נאַכט-שעה, צוועלף אַ האַלב,
געלאָזט כ׳האָב ווײַב און קינד, די מאַמע.
מײַן חלום אויך — די בלאָע שוואַלב
געבליבן איז מיט זיי צוזאַמען

אַ ציטערדיקע אויפן בוים
אין ווינקל הויף בײַם פענצטער — אָפן.
אַליין כ׳בין מיטן לעבן קוים
ווי כ׳שטיי און גיי פון שטאָט אַנטלאָפן

פון ווינט געטראָגן, ווי אַ בלאַט
פון בוים — אויף דר׳ערד אַראָפּגעיאָגט און
אַוועק. וווּהין? אויף נע-ונד,
מיט דאַרנוועג פון אַ געפּלאָגטן.

וואָס גייט עס וועמען אָן אַצינד
פאַר וואָס זי איז — פון אַלע זיבן —
די בלאָע שוואַלב, ווי ס׳בלײַבט אַ קינד,
אַליין אין וויסטן הארבסט געבליבן?

ווי האָט זי עס נישט פאַרגעפילט
דעם אָנקום פון די וואָלקנס גראָע?
ווי יעדער קינד, מיסתּם, פאַרשפּילט
איז זי געווען, די שוואַלב, די בלאָע.

אַזוי צי אַנדערש, ווי ס׳געשעט,
איך עפן אויף פאַרטאָג די אויגן.
צו קאָפּנס פון מײַן קאַסטנבעט
אין פרעמד דאָ כ׳זע דעם בלאָען פויגל.

ער האָט מיך לאַנג — אַ צײַט אָן סוף —
מיט זײַן געזאַנג אין די פאַרטאָגן
געוועקט און אײַנגעוויגט אין שלאָף
ווען כ׳פלעג אין וויגל וויינען, קלאָגן.

כ׳האָב אָפּט אַ קרישקע ברויט, אַ בלאַט,
אַ בוימבלעטל אים צוגעטראָגן
צום שנאָבל. טייל מאָל אויך געהאַט
האָט ער צו זינגען און צו זאָגן

פון מיר, ווען כ׳האָב געטון אַ כאַפּ
אין מײַנע הענט אים און צעבלאָזן
די בלאָע פעדערלעך, באַטאַפּט
די פיסלעך, ס׳קעפּל און אין גראָז אים

געפירט צו שטעלן טראָט נאָך טראָט,
געפּרוווט די פליגלען זײַנע שפּרייטן —
איך זאָל פון אים דערגיין דעם סוד
פון פליִען, מעסטן לענג און ברייטן.

איצט בין איך דאָ אַליין אין פרעמד,
ווי ער, אַן איינזאַמער, פאַרוואָגלט.
מיר דאַכט זיך, ער האָט מיך דערקענט
און שטייט בײַם בעט ווי צוגענאָגלט.

איך זעץ זיך אויף, און ער — פון שרעק
איז גלײַך צוריק אַרויסגעפלויגן;
אַ יאָג צום פענצטער און אַוועק,
אַרוים אין דרויסן איז דער פויגל.

איך שטיי בײַם פענצטער, רוף אים, פײַף.
כ׳זע, ס׳מויל פון ברונעם — שמאָל, פאַררינגלט.
אַט דעקט זיך אָפּ אַ פלויט אין ווײַט.
דער פויגל מיט זײַן לויטער דין קול

שנײַדט נידעריק אַדורך די לופט...
בלײַבט שטיין פאַרטראַכט דאָרט אויף אַ צווײַג און
פאַרלאָזן אין דער פרעמד ער רופט
אין האַרבסטיק האַרבן שווערן שווײַגן.

ס׳גײט אויף בײַם ראַנד דער מאָרגנשײַן,
מײַן בליק כאַפּט אויף דעם בליק פון פויגל.
איך װײס, מײַן פּײַן איז אויך זײַן פּײַן.
די פרײד איז ערגעץ װוּ פאַרפלויגן,

און מיט דער פרײד איז אויך אַװעק
די יוגנט — מײַנע בלאָע פײגל.
אין העק איז אויך די זון — אַ פלעק,
און דו — אַ פויגל אין אַ שטײַגל.

כ׳װײס, פויגל אײנזאַמער, דו װעסט
דאָ איבערװינטערן נישט קאָנען.
פאַרטראָגן װעט דער װינט דײַן נעסט...
דער פרעמדער בלײַבט דאָ פרעמד אויף תמיד.

װוּ דו, בין איך אויך װען געװען
אויף זיבן שלעסער אײַנגעשלאָסן.
דאָרט צװישן פּײַכטע קעלערװענט
איז פרײַ מײַן בענקשאַפט אָפּגעפלאָסן.

יאָ, דאָ האָב איך אַ שטוב, אַ דאַך
און אויפן טיש — אַ ברויט, אַ מעסער.
נאָר יענע הונגערצײַט, מיר דאַכט,
איז אַלץ פון לאַבן ברויט נאָך בעסער.

דו האָסט אין װעג זיך נישט געלאָזט,
געבליבן שטעקן אינעם לאַנד דאָ.
אָט די, װאָס האָבן דיך פאַרלאָזט,
זײ װעלן זיכער װוּ שוין לאַנדן.

דאָ בלאָזט און שמײַסט דער האַרבסטװינט איצט
און בלעטער פאַלן אָפּ אויף װעגן.
ס׳איז קײנעמס לעבן נישט באַשיצט,
ס׳קאָן קײנער פרײַ זיך נישט באַװעגן.

ס׳איז הפקר מיטן בוים די נעסט —
אָן שוץ אַקעגן ווינט און רעגן.
נישט הײַנט איז מאָרגן, פויגל, וועסט
זײַן שפּײַז אין רויבערישע נעגל.

און וואָס איז ווערט אַ מענטש וואָס מ׳האָט
בײַ אים זײַן חלום צוגענומען?
דאָס ווייסט נאָר ער, דאָס ווייס איין גאָט:
ער קאָן שוין מער צו זיך נישט קומען.

דער פויגל שטומט. ער זיצט פאַרקלערט.
עס וויגט זיך קוים דאָס דאַרע צווײַגל.
ער קוקט, ווי מ׳קוקט אויף קבר־ערד
און בענקט נאָך זײַן פאַרלאָזן שטײַגל.

ביאַליסטאָק, סעפּטעמבער 12, 1940

באַלאַדעס
פון מיטל-אַזיע

טרויער־באַלאַדע
נאָך מײַן פאַרשניטענער היים

מיר דאַכט זיך, שוין יאָרן ווי כ'האָב
פאַרלאָזן די היים, דאָס געלעגער.
אין חלום איך זע ווי מע גראָבט
אוים קברים אַ סך אויף די וועגן.

ווי שאָטנס אַרום גייען אום
געשטאַלטן צעשויבערט, וואָס וועלן
זיך אויסשטעלן רייענווײַז שטום,
ווי ס'וועט זיי דער שונא באַפעלן,

אַרײַנשפּרינגען לעבעדיק אין
די קברים, די אָפענע גריבער.
אַנטלאָפן פון מאַסנגרוב כ'בין
און זיי, די קרבנות, כ'האָב איבער

געלאָזט ווו אַ וועלט גייט צו גרונט —
געטראָגן פון הפקרן וויכער.
צו מאָל נישט געזאָגט צו זיי: — קומט!
ווער ס'קאָן זאָל זיך ראַטעווען, גיכער!

אין פעלד כ'בין געבליבן אַליין,
דערלאָפן צום ראַנד פון אַ וועלדל.
און ס'גייט מיר ביז הײַנט נאָך ס'געוויין,
נישט אַנדערש, נאָר ווערן איך וועל דול.

צו גלײַך מיט דער היים כ'האָב געלאָזט
אין פּײַן און אין אומגליק מײַן מאַמע.
איצט בושעוועט נויט דאָרט און פראָסט,
דער טויט מיטן הונגער צוזאַמען.

עס ווײַזט זיך מיר אויס, כ׳בין שוין אַלט.
די היים — וויל נישט ווערן דערווײַטערט.
אַ ברויט און אַ בעט — דאָס איז אַלץ
וואָס וואָלט מיר דאָס לעבן פאַרלײַכטערט.

איך הער נישט דעם אייגענעם קלאַנג,
אָן טענות בין איך, אָן פאַרלאַנגען.
דאָס מעסער בײַם שונא איז לאַנג,
און נעכט קומען פינצטערע, לאַנגע.

דער טאָג דאָרט — געבונדן, פאַרפײַנט —
ליגט שוואַרץ ווי די ערד און צעטראָטן
פון אָט דער מינוט ווען דער פײַנט
די שוועל פון מײַן היים האָט באַטראָטן.

די אויגן פון דײַטש זענען פרעך
בײַם זוכן דאָס גוטס פונעם אַלמער.
זײַן יעדער באַוועג — אַ פאַרברעך,
עס בלײַבט נאָך זײַן טראָט — אַ בית־עלמין.

נישטאָ דאָרט קיין שטיין אויף אַ שטיין,
צעוואָלגערטע ביימער אָן צווײַגן.
כ׳באַנעם אַלץ און קען נישט פאַרשטיין
ווי קאָן איך זײַן רויק און שווײַגן?

איך פיל ווי ס׳וואָלט ווער מיך געווערגט,
אָט לעצטע מינוטן צום אויסגיין.
ווי כ׳וואָרף נאָר אַ בליק — זע איך בערג
און כ׳קאָן פון די בערג נישט אַרויסגיין.

איך נעכטיק אין טייהויז פאַרשטעקט
אין ווינקל מיט פליטים פון פוילן.
מיר ליגן אויף ראַגאָזשעס־זעק,
אויך מיר, ווי די זעק, דאַכט זיך — פוילן.

ס׳איז כישופדיק שיין סאַמאַרקאַנד,
די ליימענע שטאָט מיט די טאָלן.
נאָר ס׳שאַרן זיך נענטער צום ראַנד
פון אָפּגרונט די פּליטים. שפּיטאָלן

פאַרפּאַקט זענען, פול ביז דער שוועל
מיט היימלאָזע פּוילישע ייִדן,
וואָס גייען דאָ אויס גרין און געל
פון פלעקטיפוס. ווי אויף יאַרידן

זײַ האַנדלען, פאַרטוישן אויף ברויט
קאַמאַשן, אַ שאַל, אַ פּאָר הויזן.
כאָטש אָנעסן זיך פאַר טויט —
אַהין קומט מען סײַ ווי אין בלויזן.

כ׳גיי אום דאָ אין ים פון געוויין
און שטעק זיך נישט אָן — סאַראָ וווּנדער!
איך זע אין קאָנוווּלסיעס מײַן היים —
אין שטורעם אַ שיף וואָס גייט אונטער.

כ׳בין ווײַט איצט אויף טויזנטער מײַל
פון וואַרשע ווו איך בין געבוירן.
מיט הילף אין די נעכט לויף איך, אײַל
און ווער מיט דער הילף ווו פאַרלוירן.

איך לויף אַלץ און ווער גאָר נישט מיד,
געשרייען אין לופטן פאַרצאַפּלען.
אַנטקעגן — דער האַקנקרייץ גליט,
שפּיזט דורך, ברענט מיר אויס די שוואַרצאַפּלען.

ווי אונטערגעהאַקט כ׳פאַל צו דר׳ערד,
איך שוידער אויף מיט אַ געוווי — פון
דעם גורל וואָס מיר איז באַשערט,
איך ווייס: ס׳קאָן אַ בלינדער נישט לויפן.

אַט וועט מען מיך צושטופּן באַלד
צום ראַנד שיף פון תהום — טיף, אָן גרונט ער...
נישט איך, נאָר דער האַקנקרייץ פּאַלט
מיט טראַסק אינעם אָפּגרונט אַרונטער.

פון ערגעץ אַ קול גרייכט מיך: — קום!
— הנני! — זאָג איך צו די ווינטן.
— מײַן זון, הייב זיך אויף, קער זיך אום!
— צו שפּעט... ווער וועט פירן אַ בלינדן?

— אַט באַלד וועט אויף ס׳נײַ ווערן טאָג,
צוריק וועט זיך ס׳ליכט צו דיר קערן.
איך עפן די אויגן און זאָג:
— דער טאָג וועט שוין מיר נישט געהערן,

נישט מיר אין דער פרעמד, נישט מײַן היים,
נישט אונדזערע ליכטיקע טרוימען.
באַגלייט פון געשריי און געוויין
איז וואַרשע אַוועק אינעם קוימען.

און איך — אָן מײַן היים — וועל שוין מער
צוריק זיך אַליין נישט געפינען.
אַ טייל פון איר שטויב כ׳בין, כ׳געהער
דעם אַש אירם — דער איינציקער סימן.

דעם ליד מײַנס, דעם גלי־פונק, כ׳באַשווער,
אין אַש ס׳זאָל נישט אויפהערן גליִען
און לײַכטן, ווי אין אוניוועסרם
די שטערן, אין אייביקן קיום.

כ׳וועל טובלען די טריט, ווי באַשערט,
אין שטויב, צווישן בראָכוואַרג און ציגל.
און איצט, האַלבע נאַכט, מיט מײַן טרער
די טרויער־באַלאַדע כ׳פאַרזיגל.

סאַמאַרקאַנד, יאַנואַר 5, 1942

באַלאַדע

פון יידישן פּליט אין סאַמאַרקאַנד

די נאַכט אין סאַמאַרקאַנד
באַלײַכט מיט שײַן, מיט געלן
דעם בוים, דעם פלויט, די וואַנט,
שיט זילבער אויף די שוועלן.

בײַ טאָג איז דאָ אַ שענק,
אַ „טשײַכאַנאַ" — אַ טײַהויז.
נאָר קומט די נאַכט — ווערט ענג,
נעם, צי זיך אוים און גיי אוים!

פאַר איינעם אָן אַ היים
פאַרהאַקט איז טיר און טויער.
די שטאָט פון געלן ליים
וואַרפט אָן אַ שרעק, אַ טרויער.

דער פליט זיצט אין גאַס —
אַ פרעמדער אויף אַ שטיגל
און ס'דאַכט זיך אים אין שפּאַס
אַז ס'שטיגל איז זײַן וויגל,

וואָס שטייט ווו וועלטנווײַט
פאַרגעסן און פאַרלאָזן
אין זײַן פאַרגאַנגענהייט —
פאַרוואָקסן הויך מיט גראָזן.

די סאַמאַרקאַנדער נאַכט
פאַרבלענדט אים זײַנע אויגן
מיט זילבערגאָס פון דאַך.
געשטאַלטן נישט געשטויגן

איצט גייען אין אַ טאַנץ
אַרום זײַן שטיגל-וויגל.
ס'לבנהלע צעגלאַנצט,
צעגרינט — אַ כּישוף-שפּיגל.

די גאַס דאָ איז זײַן היים
אויף אויפזײַן און אויף שלאָפן.
ווער קומען ווער צו גיין:
— מײַן שטוב איז פֿאַר דיר אָפן,

אַט זע, ס'שטייט פֿרײַ מײַן בעט,
מײַן ווײַב דאָרט שלאָפט אין צווייטן,
און איך... פֿאַרוואָרפן העט
אין שלאַכטפעלד בין, אין ווײַטן...

די בלומען, וואָס דו זעסט,
דאָ וועלקן נאָך פֿון דאַן אָן
ווען כ'האָב פֿאַרלאָזט מײַן נעסט,
ווען כ'בין אַוועק פֿון דאַנען...

איצט ליג איך אויפן פראָנט —
פֿון ווײַב מײַנם אָפּגעריסן...
אַז כ'בין געווען דאָ נאָנט,
דאָס דאַרף זי נישט צו וויסן.

ס'איז מיר, ווי דיר, באַוווּסט
דער זין פֿון בלוטגעשלעגן...
דאָס אָרט איז סײַ ווי פּוסט
אין בעט וווּ כ'בין געלעגן,

איז נעם און טו זיך אויס,
כ'מוז גלײַך צוריק זיך יאָגן... — — —
דער פּליט בלײַבט אין הויז
און הערט דאָס בלוט זײַנם קלאָגן.

דער זעלנער, וואָס געבראַכט
האָט אים צום ווײַבס געלעגער,
אוועק איז אין דער נאַכט
און אים געלאָזט פאַרלעגן.

דער פליט שוידערט אויף
אין לבנה־שײַן פאַרשפונען,
ער זעט ווי ס׳שלאָפט די פרוי
און ס׳וועלקן געל די בלומען

און קאַלט און ליידיק שטייט
דאָס מענערבעט, דאָס צווייטע
און נישט־געבעטערהייט
ער זעט זיך צווישן ביידע.

דאָס בלוט זײַנס שטראָמט — אַ קוואַל
וואָס הערט נישט אויף צו ברויזן...
ער קערט זיך אָפּ, ער פאַלט...
ער אײַלט אַרויס אין דרויסן.

די אַלטשטאָט איז פון ליים,
פון געלן ליים געקנאָטן.
פון אונטער דר׳ערד געהיים
וואַקסט אויס אַ פלעק, אַ שאָטן.

דער פליט קאָרטשעט זיך,
שרומפּט אײַן — אַ פּעקל ביינער.
דער שאָטן שאַרט זיך, קריכט
פאַרבײַ... נישטאָ שוין קיינער.

ער בלײַבט אויף שטיג אַליין,
די גאַס איז פּוסט און אָפן —
זײַן הפקרדיקע היים
אויף אויפזײַן און אויף שלאָפן.

סאַמאַרקאַנד, אַפּריל 20, 1942

באַלאַדע

פון מענטש מיטן שיסעלע זופ

איך שטיי אין דער ריי מיטן קענדל אין האַנט —
אַ גאַסט פון עוואַקאָ-פונקט אין סאַמאַרקאַנד.

מיט איטלעכן צוג, וואָס קומט אָן דאָ אַהער
צו פאָרן, אַלץ לענגער די פּליטים-ריי ווערט

ביים פענצטערל-אויג פון דער קיך ביים וואָקזאַל —
צו קריגן אַ מיטאָג אָן שמאַלץ און אָן זאַלץ.

מע הערט מאַנעווורירן אַ לאָקאָמאָטיוו.
די ריי ציט זיך לאַנג אינעם באַנגעסל טיף.

מע וואַרט דער וואָקזאַל-זייגער שלאָגן זאָל צוועלף.
דאָ שטייען נישט מענטשן, נאָר זע: ס׳זענען וועלף!

פון אויגן קוקט גרין זיי דער הונגער אַרויס
אין שרעק קוים, ווי ס׳טרעפט, ס׳ביסל עסן פעלט אויס.

מע שטופּט זיך מיט קענדלעך געשטרעקט ביז דערשעפּט
מע קריגט זיך צו ענדלעך צום לעפל וואָס שעפּט

פון קאָכיקן קעסל די וואַסערזופּ אָן
פאַרמוטנעט, אָן גרויפּן, און ברויט אויף אַ צאָן.

איז שטיי איך אין גאַס מיטן שיסעלע זופּ
און כ׳מיין, אַז איך בין איצט ביי זיך אין דער שטוב —

אויף מיילן אויף טויזנטער וויַטע פון הי
(עס טרעפט מיט אַ מענטש אַזאַ זעלטענער פּלי).

די צײַט, וואָס ליגט צווישן — פון גרויל און פון שרעק,
איז ערגעץ פאַרשווינדן, איז ערגעץ אַוועק.

מיט דאַמף פונעם הייסן געקעכץ איז באַהויכט
דער שפּיגל, די שויבן, די שוואַרצאַפּלען אויך.

דאָס שיסעלע בלאָ איז און בלאָ איז דער טאָג.
דער ריח פון עסן צום קאָפּ טוט אַ שלאָג.

איך הער נישט דעם רויש פונעם נאָנטן וואָקזאַל.
ווער זאָגט, ס'איז אַ גאַס? — ס'איז אַ ליכטיקער זאַל,

מיטביימער-גירלאַנדן בײַ זײַטן צעשטעלט,
מיט געסט פון דער פרעמד, פון דער ווײַט, פון דער וועלט.

אויך איך אַזאַ גאַסט בין. פאַרבעטן מיך האָט
דער עלטסטער, דער חשובסטער גרײַז פון דער שטאָט.

ווער זאָגט, אַז דאָס מלבוש, וואָס כ'טראָג ביז דער האַלב —
אַ פעל וואָס קריכט אויס איז — אַ פעל פון אַ קאַלב?

עס איז גאָר אַ סמאָקינג — אַן אָוונט-קאָסטיום,
מע טראָגט אים אין טרויערטעג פײַערלעך, שטום,

און אויך אויף אַ שימחה מיט טישן געדעקט,
מיט ווײַנען, מיט טײַערע מאכלים וואָס ס'שמעקט...

כ'פאַרגעס, אַז איך בין אין אַ שטאָט סאַמאַרקאַנד
מיט קעמלען און אייזלען אין אַרבאָס* געשפּאַנט;

אַז כ'האָב זיך אין פראַכט-עשאַלאָנען געשלעפּט
מיט קינדער און אַלטוואַרג, מיט בעטגעוואַנט, טעפּ...

* אַ הויכער וואָגן אויף צוויי גרויסע רעדער

מיט מאַמעס, וואָס האָבן געשריגן, ווען ס׳האָט
דער פּײַנט אונדז מיט באָמבעס פאַרפאָלגט יעדער טראָט.

כ׳פאַרגעס, אַז איך האָב מײַן געלעגער געטיילט
מיט גופים פאַרלײַזיקט — צעקראַצט און צעשיילט.

איך בין איצט אַ פּרינץ. מיך געשיקט האָט אַ לאַנד,
וואָס איז ווי אַ וווּנדער פאַר אַלע באַקאַנט.

מײַן נאָמען? — אַ פּרינץ מעג פאַרגעסן ווי ר׳הייסט.
איך פּיל נישט דעם ווינט אויף מײַן פּנים וואָס בײַסט...

דאָס שיסעלע וואַרעמט, די וואַרעמקייט דרינגט
אַרײַן אין די ביינער מיט איטלעכן שלונג.

כ׳פאַרגעס אַז אַ פּוס טוט מיר ווײ; כ׳האָב אַ וווּנד
און כ׳גיי ווי עס גייט אַ געשלאָגענער הונט.

כ׳בין שטאָלץ און פאַרריסן — ווער איז צו מיר גלײַך?
מע רעדט צו מיר איידל, מע רעדט צו מיר ווייך.

מע קוקט אויף מיר מאָדנע, אַזוי ווי פאַרגאַפט,
גלײַך כ׳וואָלט זיך געיחוסט מיט עפּעס אַ גראַף.

און אַלע אַרום ווילן הערן מײַן וואָרט
פון לאַנד מײַנס, וואָס זוכט אויף דער וועלט אַלץ אַן אָרט.

אין גאַנצן דערשוויצט כ׳בין — באַגאָסן מיט שוויים.
און פּלוצעם — כ׳דערמאָן זיך מײַן נאָמען ווי כ׳הייס.

עס פלאַצן די לאָמפּן, עס וויגט זיך דער טיש...
און קוים וואָס דאָס שיסעלע מײַנס כ׳האָב דערווישט.

דער דאַמף איז פאַרשווינדן צו גלײַך מיט דער זופּ.
כ׳בלײַב שטיין ווי דערזען כ׳וואָלט מײַן אייגענעם גרוב.

דאָ אַנשטאָט די גראַפן, די זעלטענע געסט —
אַ סטײַע מיט הינט האָט געקוקט ווי איך עס.

אַ געלער קודלאַטער מיט אײַטער אין אויג,
אין דרײַען האָט טיף זיך פאַר מיר דאָ פאַרנויגט.

אַ קונדעל אַ גראָער מיט ווײדל פאַרדרייט,
ער שאַרט זיך הכנעהדיק צו צו מײַן זײַט.

צוויי הינטלעך צעבײַסן זיך מיט אַ געהויל.
איך פיל ווי עס שטיקט מיר דער ביסן אין מויל.

דאָס שיסעלע סטאָיעט און פרירט אין מײַן האַנט
כ׳בין צ׳ריק בײַם וואָקזאַל פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

ס׳קערט אום זיך דער ווייטיק פון פוס מיט דער וווּנד.
וואָס פאַר אַ מחותן מיט מיר — איז דער הונט?

איך כאַפּ דאַן מײַן שטעקן, פאַרטרײַב זיי מיט קלעפּ...
קיין הונט זאָל נישט קוקן ווי הינטיש איך לעב.

סאַמאַרקאַנד, מײַ 1, 1942



באַלאַדע

פון ייִד מיט דער פאַרלאָזענער באָרד

פאַר מרדכי אַלעי אין בני־ברק

געקומען צו פאָרן איז קיין סאַמאַרקאַנד
אַ ייִד פון טאַשקענט מיט אַ טלומיק אין האַנט.

אין טלומיק אַ ברייטל, אַ טלית און תפילין —
די היימבענקשאַפט און אויך דעם הונגער צו שטילן.

אַ פּליט פון וואַרשעווער געטאָ וואָס ברענט,
געלאָפן פון ביאַליסטאָק ביז קיין טאַשקענט.

אין קאָפּ רוישט נאָך אַלץ אים דאָס קראַכן פון ווענט.
דאָס אומגליק האָט אַלע צעטרייסלט, פאַרבלענדט.

ווער ס'האָט ערשט דעם בורא דורך ניסים דערקענט
און ווער — אים פאַרלייקנט, געלעסטערט, פאַרשעמט.

נאָך אַלע סכנות, פרעניות, שלעק,
וואָס ער האָט געליטן, געמיטן אין וועג,

האָט ער זיך אַ נדר געגעבן נאָך דעם,
ווי ער איז אַ גאַנצער אַרוים פון דער קלעם,

אַז ער וועט זיך, מערטשעם, פאַרלאָזן אַ באָרד,
און וואָס ס'זאָל נישט זיין — ער וועט האַלטן זיין וואָרט.

ער טראָגט זי, די באָרד, נאָך פון ביאַליסטאָק אָן
ווען ס'לעבן, דעם ייִדס, איז געשטאַנען אין קאָן.

ער האָפט אַז די באָרד וועט אים בײַשטיין אין נויט,
באַשיצן אים קעגן געלויער פון טויט,

וואָס טשאַטעוועט איצט אויף די פּליטים באַהאַלטן
און ווײַזט זיך אין כלערליי אָפּשרעק-געשטאַלטן.

דער וואַרשעווער ייִד מיט דער באָרד, דער געדיכטער,
מיט טלית און תּפילין אין זאַק אומגעריכט ער

זעט פאַר זיך אַ טייהויז אין אַלט-סאַמאַרקאַנד,
אין ליימענעם געסל אין געלן בײַם ראַנד

פון פאַרביקן מאַרק מיט די קעמלען-געשפּאַנען,
מיט סטעפּרייד וואָס ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען,

מיט אייזלען באַלאָדן מיט זעקלעך און פעסלעך;
מיט שווינדלערס וואָס נאַרן אַרײַן אין די געסלעך,

מיט טרעפערס און בעטלערס וואָס שטרעקן די האַנט,
מיט עוואַקויִרטע וואָס טאַפּן אַ וואַנט

אין פרעמד, אין פאַרוואָרפעניש, הויל, אָן אַ העמד —
אַנטלאָפן פון בלוטיקן פײַנט, וואָס פאַרלענדט,

אין בלויזער פּיזשאַמע, פון אויבן דעם פעלץ,
מ'זאָל שפּעטער נישט דאַרפן בײַם פײַנט גיין אויף שמעלץ.

נאָר זיי, די אוזבעקן, וואָס ליגט זיי דערײַן?
זיי גיט נישט קיין טשעפּ גאָר דאָס אומגליק, די פּײַן;

די פּליטים וואָס פאַלן ווי פליגן אין גאַס,
דער טיפוס וואָס בושעוועט נישט אויף קיין שפּאַס,

די טויטע וואָס ליגן באַדעקט בײַ דער וואַנט
אין שיינעם, געלליימיקן אַלט-סאַמאַרקאַנד.

אים דאַכט זיך אַז ס׳יאַטל דאָרט, ס׳יונגע אוזבעקל
אַן אויג וואַרפט גנביש אויף אים, אויף זײַן זעקל.

ער האָט דאָך דאָ ס׳הייליקסטע וואָס ער פאַרמאָגט,
דעם טלית, די תפילין, דאָס ליכט פונעם טאָג —

דעם איינציקן איבערבלײַב זײַן פון דער היים
וואָס באָדט זיך אין בלוט דאָרט אַצינד, אין געוויין.

דאָס טייהויז זעט אויס אים צו זײַן אַן אָאַזיס
אין מידבר, ווי פול, ווי דאָס זאַמד, דאָ דער האָס איז

צום רוס, צום קאָלכאָז און צום גאַנצן רעזשים;
צום פרעמדן, אַנטרונענעם און אויך צו אים,

דעם פּליט וואָס קוים איז פון פײַער אַרויס —
פאַרהאַקט איז פאַר זיי דאָס אוזבעקישע הויז.

דער ייִד מיטן זעקל גייט שטיגל נאָך שטיגל
אַרויף און בלײַבט שטיין אין דער טיר מיטן ריגל

פאַרגאַפט פון בוקעט אָריענטאַלישע פאַרבן.
ער זיפצט אָפּ באַרויִקט: — דאָ אויסער געפאַר בין.

דאָס טייהויז איז פול מיט אַן עולם אוזבעקן
נאָר שלום־עליכם זיי ברייט אָפּצושטעקן.

אין העלע געבלומטע כאַלאַטלעך געקליידט
זיי זיצן בײַ פולע פּיִאַלקעם * מיט טיי

און ברומען זיך אונטער אַ ניגונדל פריילעך,
ווי ייִדן וואָס שטאַמען פון שלמה המלכם

* פּיִאַלקע — טיי־שעלכל

אַמאָליקע אַלטע תנכישע צײַטן.
דער וואַנדעריִיד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון ווײַטן

אַהער, זעצט זיך צו בײַ אַ טישל און וואַרט
אויף טיי — אײַנצוטונקען דאָס ברויט וואָס איז האַרט.

ס׳גייט אום דער טשײַכאַנטשיק* מיט טשײַניקלעך טיי,
באַדינט און דערלאַנגט, אויפֿן ווונק זיך פאַרשטייט.

נאָר אים מײַדט ער אוים בלויז, דעם ייִד מיט דער באָרד:
— נישטאָ בײַ מיר, גיי, נישט קיין טיי, נישט קיין אָרט...

פאַרנעם זיך פון דאַנען נו, גיך, טראָג זיך אָפּ!...
און טרײַבט ווי אַ הונט אים מיט זידלרייד גראָב.

דער ייִד כאַפּט זײַן זעקל אין מורא פאַר קלעפּ
און לויפֿט מיט אַן אימפּעט אַראָפּ פון די טרעפּ.

אַזוי אין די אַנדערע טשײַכאַנאָס איז מען
זיך נוהג מיט אים מיטן זעלביקן פּיזמון.

ער זעצט זיך צום סוף צו אין מאַרק אויף אַ שטיין,
עסט אָפּ און בענטשט אָפּ און לאָזט ווײַטער זיך גיין.

ער טרעט און ער קנעט דעם צעליימיקטן באָדן
דערשוויצט, אין די אייגענע שוויסן געבאָדן.

דער דאָרשט ברענט — אַ פײַער אַזש ס׳טריקנט אין קעל אים.
עס געלן די פּלויטן, די ליימשטיבלעך געלן.

קלאַפּט אָן אין אַ טיר מיט אַן אײַזערנעם רינג:
— אַ צימערל זוך איך... אַ בעט... איר פאַרדינגט?...

---

* באַלעבאָס פון טײַהויז

מיט אויגן דערשראָקן ביז זינען־פּאַרליר,
אַ קוק אויף דער באָרד און אַ טראַסק מיט דער טיר:

— דאָס אומפּלייט וויל גאַרנישט זיך אויפהערן ראַיען!...
אָט דאָס איז דאָך, קינד מײַנס, דער גרויסער ניסיון...

ער טרייסט זיך אין עלנט, אין זײַן נע־ונד
נאָך איטלעכן דורכפאַל וואָס ער האָט געהאַט.

וואָס וויל ער, וואָס קען ער צו זיי נעבעך האָבן?
דער טיפּוס האָט טויזנטער דאָך שוין באַגראָבן.

די זון באַקט און בראָט ווי אַן אויוון און בריט...
דער פּוילישער ייִד מיט דער באָרד איז שוין מיד.

ווו זאָל ער אַהינטון זיך איצט מיט דער באָרד?
מע טרײַבט אים מיט שטעקנס פון איטלעכן אָרט.

אָט גייט ער פאַרבײַ פאַר אַ שערהויז און וויל
פאַרקירצן די באָרד וואָס זעט אויס טאַקע ווילד.

ס'באַגעגנט אים אויך דאָ אַ קללה, אַ שפּײַ.
דאָס זעלבע אין איטלעכער האָר־שערערײַ.

ווי גיפטיקע שלאַנגען בײַ אים דאָרטן וואָלטן
געגעסטיקט אין באָרד, זיך געראַיעט אין קאָלטון

פאַרשאָלטן — וויל קיינער פון זיי מיטן שערל
נישט צורירן זיך צו זײַן באָרדס מינדסטן הערל,

גלײַך ס'וואָלט נאָך געקאָנט אויף אַן אמת אַ בים טון.
צו טיילן דעם גורל פאַרמישפּט, כ'זע, ביסטו

צו טראָגן אויף זיך נאָך די נע־ונד־קייטן,
אוועקגיין צוריק צו די הונדערטער פּליטים,

װאָס שטיקן זיך ענג אין עװאַקאַ־פּונקט, װוּ עס
גייט אום דאָרט און הוליעט דער טויט, ווי מע שמועסט,

ס׳גיהנום אַליין איז אַראָפּ אויף דער ערד
און שלאָגט מיט זײַן שווערד גרוים און קליין אומגעשטערט,

און דאָ אין עװאַקאַ־פּונקט האָט ער זײַן שטאָב,
פון דאַנען דערלאַנגט ער אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ

מיט לאַנגער, מיט דאַרער, מיט קנאָכיקער האַנט
די פּליטימשע עדה אין גאַנץ סאַמאַרקאַנד,

די װײַנטרויבן־שטאָט, װאָס איז ביטער און שיין
און רשעותדיק שלעכט ווי דער שונא אַליין.

ס׳פאַלט צו דער פּאַרנאַכט מיטן קעמלען־געקלאַנג
און מיט אַ צעפלאַקערטער זון אין פאַרגאַנג.

באַגאָסן מיט זונפלאַם דער ייִד מיט זײַן באָרד
צוריק קערט זיך אום מיטן זאַק, מיט דער קוואָרט.

פאַרהאַנדלט דאָס בלעכענע קענדל ער האָט
אין מאַרק דאָ, אין אַלטשטאָט בײַם אומקער אין שטאָט.

ער פרעגט בײַ זיך באַנגלעך: — צי ווייסטו וווּ גייסטו?
זײַן באָרד פלאַטערט אום אַ צעשויבערטע, דרייסטע.

ער גייט צום וואָקזאַל ווי מיט זעלנערשע טריט
און ניגונט זיך אונטער: — אַ ייִד בלײַבט אַ ייִד.

דו שמײַס אים, דו שלאָג אים און טרעט מיט די פיס
צו מאָל נישט צו וויסן אַליין פאַר וואָס ס׳איז

געקומען די שטראָף אים, פאַר וואָסערע זינד —
ווען ער פילט זיך ריין ווי אַן אומשולדיק קינד?

ווי דאָרט אין טאַשקענט וועט ער אויך דאָ געהיים
אַרײַנכאַפּן זיך אין אַ ייִדישער היים.

די עלטערן גייען אַוועק אין פֿאַבריק
און ס'קינד בלײַבט אין שטוב ביז זיי קומען צוריק.

ער גיט אַ וואַקס אויס בײַ דער טיר ווי אַ שאָטן.
ס'האָט גערן אים ס'קינד ווײַל ער ווייס ס'איז פֿאַרבאָטן

דער לימוד וואָס ס'לערנט דער רבי מיט אים,
דער ניגון, דעם רבינס, איז זיס ווי זײַן שטים,

דערוועקט אין די קינדער אַ נייגער צום אות
צום שטאָם־אות פֿון ייִדישן אַלף־בית וואָס

זיי לערנען זיך אויס בײַ אים — רעדן און שרײַבן...
זיי וועלן שוין ייִדישע קינדער פֿאַרבלײַבן.

ער וועט זיך אויך דאָ אַזוי פֿירן ווי דאָרט...
צופֿרידן ער גלעט מיט דער האַנט זיך די באָרד.

ער מײַדט דעם עוואַקאָ־פּונקט אויס אויפֿן וועג
באַגלייט פֿונעם חלום פֿון בעסערע טעג.

ווען ס'וועט שוין די באָרד אים נישט זײַן מער קיין לאַסט —
אַ כּבוד, באַשיינונג פֿאַר אים, ווי עס פּאַסט

אַ הדרתדיק פּנים פֿון איינעם וואָס האָט
דערפֿילט אַז די האַנט וואָס אים פֿירט איז פֿון גאָט.

ער שאַרט זיך אַרײַן מיט זײַן אָרעמען זעקל
אין בלינדן וואָקזאַל, ווי אַ שאָטן, אַ פֿלעקל,

און שטעלט זיך אַוועק, ווי אַ סלופּ, בײַ דער וואַנט
דאָ איבערצונעכטיקן אין סאַמאַרקאַנד.

אַדורכשטיין די נאַכט אויף די פיס ביז עס וועט
דער חלום אים לייגן צו זיך אין זײַן בעט

און אײַנרעדן אים, אַז אין גיכן, אָט שוין
וועט ער פאַר די ליידן באַקומען זײַן לוין.

אַ וועלט וועט באַוווּנדערן אים און זײַן באָרד,
וואָס ער האָט זײַן נדר געהאַלטן, זײַן וואָרט.

אַ גאַנצער איז ער פון דער שריפה אַרוים,
געקומען צוריק אין זײַן היים און ווי גרוים

דער וווּנדער פון גאָט איז, נאָר גומל צו בענטשן
און ווײַטער אַליין גלייבן אין גוטסקייט פון מענטשן.

סאַמאַרקאַנד, אַפּריל, 1942

באַלאַדע

פון פיר ייִדישע יונגען אין אוזבעקישער שענק

פיר ייִדישע יונגען פון פּוילישן לאַנד
בײַ גלעזער מיט ביר אין דער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

ווי פּוילישע זעלנער געפאַנגען געווען,
באַפרײַטע זיי קומען אַצינד פונעם פלען.

נישט ווײַט שוין צו נײַ־יאָר. פאַרטראַכט זענען זיי.
אין פּוילן איז ווינטער — קעלטן און שניי.

ס'איז ס'לאַנד דאָרט פאַרקאָוועט אין קייטן, אין אײַז.
נאָר דאָ — סאַראַ וווּנדער! ס'איז זומערדיק, הייס.

אין דער זוניק־אוזבעקישער שטאָט סאַמאַרקאַנד
געקליידט זענען מענער אין פאַרביק געוואַנד —

געשטרייפט און געבלימלט. די פרויען אין שלעפּ.
רויטבלומיקע הויזן, טורבאַנען אויף קעפּ.

זיי גייען ווי שוועבנדיק, גרינגע אין טריט.
די עלטערע פרויען פאַרדעקן ס'געזיכט

מיט אַ שוואַרצער פאַראַנדזשע פון שטײַפלעכן טיול.
די זון שײַנט און וואַרעמט אַזוי ווי אין יול,

און פאַרגייט אויך צו זיי דאָ אין ווינקל אַהער,
צו די ייִדישע ייִנגלעך וואָס זיצן פאַרקלערט,

געפאַנגען אויף ס'נײַ פון דער בענקשאַפט וואָס נאָגט...
דער שטורעם, וואָס האָט זיי געטון אַ פאַרטראָג

אין זילבער-געפריר פון סיבירער באַגין,
געזאָגט האָט זיי פראָסט: — איר קאָנט גיין, גאָספּאָדין!

אין וואַטענעם שפּענצער געלאָזט זיך אין וועג,
דער „פּראָפּוסק" געווען איז דאָס גאַנצע פאַרמעג.

איצט טרינקען זיי ביר אינעם ווײַנטרויבן-לאַנד,
אין געלן אַזיאַטישן אַלט-סאַמאַרקאַנד.

די גאַס איז מיט זון און די שענק איז מיט זון.
אַ ריח און היץ פון אַ שוויצבאַד אַרום.

עס באַקט זיך דער ליימיקער וועג אויף דער זון.
נאָר זיי זענען מיט זיך ווי ערגעץ פאַרטון.

דאָס שוימיקע ביר זיי צעוואַרעמט, צעצינדט,
זיי קוקן זיך אום און זיי זעען אַצינד:

די שענק איז מיט סלופּעס. בײַ איטלעכן סלופּ —
דרײַ בענקלעך, אַ טיש — אַ באַזונדערע שטוב.

די שענק — אַ פאַרפולטע מיט רויך און מיט רייד,
מיט לשונות-געמיש, וואָס מע שלינגט און מע קײַט.

עס זיצן אוזבעקן — אַ פּוס אויף אַ פּוס
און קנאַקן געדולדיק אַ נוס נאָך אַ נוס.

און שרײַיִק זייריידן פון מיסחר און פרײַז
פון דיניעס, פון ראָזשינקעס, פלוימען און רײַז.

די זון האָט פון גאָלדגעל געפאַרבט זיך אויף רויט,
פאַררויטלט אויף טישן דאָס ביר און דאָס ברויט.

אַ גראָער אַרמענער פון בלאָען קאַווקאַז
דערציילט פון די שלאַכטן בײַ זיי אויף דער גאַס.

קירגיזן, געקומענע גלײַך פון וואָקזאַל,
צעלייגן זיך ברייטלעך אין היימישן זאַל.

ציגײַנער, אַ פּאָרל, מיט רינגען פאַרשטעקט.
צוויי אַלטע קאַזאַכן מיט ליידיקע זעק.

אַן איינזאַמער באָרדיקער שלאַנקער טאַדזשיק
זיצט שטום, ווי געליימט, מיט פאַרגליווערטן בליק.

דער פרעמדער פּאַרנאַכט פאַלט דאָ צו אומגעריכט
און טונקלט זיי אָפּ דאָס פאַרברוינטע געזיכט.

דער אָטעם פון קעמלען אין בלעכענעם קלאַנג
פון גלאָק אויפן האַלדז אינעם לאַנגזאַמען גאַנג

פאַרקריכט אין דער זויערער אוזבעקישער שענק
און לייגט זיך צו פוס ווי אַ הונט בײַ די בענק.

עס בראָט דער שאַשליק זיך אויף גליִיקן קויל,
דער ריח מאַכט אײַליק די ציינער אין מויל.

עס זידט אויף די שפּיזלעך דאָס שעפּסענע פלייש
מיט ציבעלע-פּריטשן פון אויבן געריײַשט.

עס שוימען זיך זילבערדיק קופלעס מיט ביר.
דער אָוונט שטייט שטום אין דער נידעריקער טיר.

עס הענגען די נאַפטלאָמפּן רויטלעך צעברענט,
צעוואַרפן דאָס ליכט און די שאָטנס אויף ווענט.

עס זיצן צעפלאַמטע די פיר יונגע קעפּ,
ווי ס'וואָלט זיי אַ חלום פאַרשפּינט און פאַרוועבט

מיט יענע וואָס גייען דורך נעפּל, געפּאַר...
און ס'בענקט זיך זיי אויך שוין נאָך זעלנער-געשפּאַר

אין צוגן פֿאַרפֿולטע וואָס אײַלן מיט הילף;
נאָך זעלנערשע קרויט-באָרשטשן — וויפֿל מע וויל...

די שלאַכט גייט נישט ווײַט פֿון דער גרענעץ פֿון לאַנד...
און ס'גיט זיי דער חלום אַ ביקס אין דער האַנט

און נעמט זיי און פֿירט זיי און ווײַזט זיי דעם וועג,
דעם זעלנערשן רומוועג, די טעג פֿון געשלעג —

די הויפּטשלאַכט די גרויסע, ווו ס'וועלן מיט איר
צוזאַמען אַ לײַכט טון די נעמען, די פֿיר...

און ס'ווערט זיי, די יִדישע יִינגלעך, אַ שאָד
די שיינקייט, דער רעש און די פֿאַרביקע שטאָט,

און ס'ווערט זיי מיט איין מאָל ביז ווייטיק אויך קלאָר,
אַז דאָס איז די צווייטע זײַט בלויז פֿון דער וואָר.

די אמתע וואָר איז דאָס שלאַכטפֿעלד און דאָרט,
דאָרט זענען זיי נייטיק, ס'איז דאָרט זייער אָרט...

און איינער דעם צווייטן דערלאַנגט זיך די האַנט —
גאַנץ פֿרי צו פֿאַרלאָזן די שטאָט סאַמאַרקאַנד.

סאַמאַרקאַנד, דעצעמבער, 1941

באַלאַדע

פון קאַזאַכישן מיידל מיטן קיישל בלומען

אין אַלמאַ-אַטאַ אין אַ שיף און
אַ שווינדזוכטיק געסל, אַ ליימיקס,
וואָס פירט צו די באַרגיקע טיפן
און וועגקנייטשן גרינלעך פאַרשליימיקט. —

קומט גלײַך מיטן בלאָען פרימאָרגן
אַ מיידל מיט טיפגרינע אויגן,
ווי זי וואָלט דעם פאַספאָרגרין באָרגן
בײַם איינזאַמען וועגבוים געבויגן.

די זון באַקט און בראָט, ווי אַ פײַער,
די ליימיקע דעכער, ווי קוכנס,
אין הייך טראָגן בערג אַלאַטײַער
די שנייטיכער, ציכן מיט פוכן.

ס׳קאַזאַכישע מיידל ברענגט בלומען
אין קיישל — אין גאַס צו פאַרקויפן.
זי שטייט און זי וואַרט אַז ס׳זאָל קומען
איר חתן אַהיים אָנצולויפן,

ווי ס׳קומען די יונגען, די העלדן
נאָך שלאַכטן צוריק — מיט מעדאַלן.
זי ווייסט, אַז צו מיינסט קומט אַ מעלדונג:
פאַרן פאָטערלאַנד... העלדיש געפאַלן...

דאָך גלייבט זי, איר יינגל וועט קומען...
שפּיזט יעדער מאַן דורך מיט די אויגן
וואָס ס׳ווייעט פון זיי מיט אַן אומעט
פון שטומע פאַרנאַכטיקע סטויגן.

איר בליק פול מיט בענקשאַפט־שיגעון:
ווער ווייס ווו ער איז איצט, איר ריטער...
זי זעט נישט, אַרום איר נעמט גראָען
און נאַכטשאָטן פאַלט צו די טריט איר.

אַ טונקעלע פעסטונג — די בערג־קייט
ליגט שטרענג הינטער איר, ווי אויף שלעסער;
פון פאָרנט לויפט אָפּ אין דער לערקייט
דאָס געלע קאַזאַכישע געסל.

דאָס מיידל אַליין מיט די קווייטן,
וואָס גליווערט ביז שפּעט אינעם געסל,
דערמאָנט אין אַ סטויג אינעם ווײַטן
קאַזאַכישן הארבסט־סטעפּ פאַרגעסן.

אַוועק אויף זײַן רײַטפערד דער שניטער —
איר יונג מיטן מעסער, דעם קרומען —
פאַרשווינדן גאַלאָפּ איז דער ריטער
אַליין, אָן די סטעפּפערד־טאַבונען.

אויך דעמאָלט איז לאַנג זי געבליבן
אין שײַן, אין פאַרנאַכטיקן, גראָען
און באַנג פונעם וועג אויפגעקליבן
ס'געטופּ פון די פערדישע טלאָען.

פאַר וועמען, זאָג, האַלטסטו עס גרייט דאָ
דײַן מיידלשע בענקשאַפט, די בלומען?
צי דאַרפסטו דען וועמען באַגלייטן,
צי דאַרף צו דיר עמעצער קומען?

דער דעמער פאַרווישט אַלע וועגן,
פאַרלעשט זיי, ווי קיין מאָל געוועזן...
און פּלוצעם — ווער הינקט עס אַנטקעגן?
אַ קריג־אינוואַליד אויף פּראָטעזן.

ער פּאַכעט צו איר מיט דער קוליע —
אַ רויבפויגל ווילד — פון די סטעפּעס.
צי וויל ער זיך געבן אַ טוליע...
צי גאָר דאָס אַ סימן פון קלעפּ איז?...

עס הויערט און פינצטערט די בערג־קייט.
ווער קאָן אויף זיי האָבן פאַריבל?
די מויד כאַפּט זיך אויף פון פאַרקלערטקייט.
— דערקענסט נישט?! — צעשרייַט זיך דער קריפּל —

דייַן חתן... איך קום פון די פראָנטן...
אַ העלד... זיך געשלאָגן פאַר זיבן...
— ווו האָסטו די פיס? — זי דערמאָנט אים.
— די פיס?... אויפן שלאַכטפעלד געבליבן...

זי וואַרפט אים אין פּנים די בלומען
געבראַכטע אין גאַס צום פאַרקויפן —
און גלייַך ווי פאַרכאַפּט פון אַ שטורעם
אַראָפּ צו די בערג נעמט זי לויפן.

אַלמאַ־אַטאַ, יוני 26, 1943

באַלאַדע

פון העלד וואָס געזעגנט זיך מיט זײַן ווײַב פאַרן גיין אויפן פראָנט

אין פרעמדן הינטערלאַנד
אין ווײַטן און פאַרשנייטן,
מײַן ווײַב האַלט בײַ דער האַנט
דאָס קינד, שוין גרייט זיך שיידן.

שטיי איך אויפן פעלד,
דאָס פעקל אויף דער פלייצע.
— וואָס דאַרף מען אים, דעם העלד? —
שרײַט מײַן ווײַב אַלץ, שרײַט זי.

די בריק, וואָס פירט אויף צ׳ריק,
האָב איך אַליין צעריסן.
ווו ס׳ליגט דער וועג צום גליק —
כ׳וועל סײַ ווי שוין נישט וויסן.

ס׳קאָן זײַן, ס׳זאָל מײַן געביין
נאָך זײַן ווי זאַמד צעריבן.
דעם שווערן וועג פון פײַן
אַליין כ׳האָב אויסגעקליבן.

די שרעק איך יאָג און טרײַב
אַרויס פון דער באַלאַדע.
נאָר ס׳פילט זי שוין מײַן ווײַב
און מײַן קינד — אַוודאי.

ווי וועסטו קאָנען, זאָג,
אין שלאַכט אַרײַן זיך לאָזן?
מיר דאַכט זיך, כ׳הער ווי ס׳קלאָגט
דײַן לעבן צווישן גראָזן.

דײַן מאַמע האָט געהילט
דיך אין אַ זײַדן העמדל.
ביסט שטענדיק צוגעקילט
ווי דײַן פעטער מענדל.

און אויפן פראָנט מע דאַרף
אויף גיך אָקאָפּעס גראָבן,
און אַ געהער אַ שאַרפס
ווי דאָס געווער מוזסטו האָבן.

מע מוז דאָך לייגן אַכט
בײַם אויספילן באַפעלן,
און דו — נישט דרייסט, פאַרטראַכט,
דיך שרעקן פרעמדע שוועלן...

זאָגט אַזוי מײַן ווײַב
און ס׳קינד הייבט אָן צו וויינען.
אַ פראָסט נעמט דורך מײַן לײַב,
עסט אײַן זיך אין די ביינער.

— איך בין נישט בלינד, נישט טויב...
מײַן צונג בלויז ווי געבונדן.
דאָרט רויטלט זיך אַ שויב
פון מערב-פלאָם צעצונדן.

מײַן פּנים גלעט דער ווינט
און ווישט אַראָפּ דעם וואַנזין:
— פאַרנעם זיך מיטן קינד
און רויק זײַ אין גאַנצן... — — —
— — — — — — — — — — —

אַט כ'לויף מיט ביקס-באַגנעט,
מײַן פערד יאָגט ווילד, צעלאָזן.
איך פיל שוין ווי כ'באַטרעט
די ערד וואָס כ'האָב פאַרלאָזן...

אויב כ'וועל נישט קומען מער
צוריק צו דיר, צו קיינעם —
געפאַלן כ'בין ווי ס'קער
מיט אַ טויט אַ שיינעם...

כ'נעם מיט דאָס ליד מיט זיך,
איך לאָז עס דיר נישט איבער —
אַז אַ העלד בין איך
געוועזן און דרייסט — אַ גיבור —

מע זאָל עס וועגן מיר
אַזוי אויך נאָך מיר, מיינען
און אויבעט צוליב דיר,
אַז דו — דו זאָלסט נישט וויינען.

אַלמאַ-אַטאַ, אַפּריל, 1943

קאַזאַכישע ווינטער־באַלאַדע

דער מיליטער־הויף — פול מיט וואַגנס
און מיט קאַזאַכן אָנגעפּעלצט.
—האַרמאַטן־פּלייש! — קאַזאַכינס קלאָגן —
דאָס אַלץ וועט ווערן שמעלץ...

ווי אין אַ גאָרטן שטייען ביימער
אין פעסטונגהויף וואָס איז מיט דראָט
אַרומגעצוימט אַז ס'זאָל נישט קיינער
אַליין אַוועק אין שטאָט.

די ביימער טראָגן היטלעך ווייַסע,
די וועגן האָט פאַרוויַסט דער שניי.
אַזוי דערציילט די צייַט אַ מעשה
פון פּליטים־קינדער צוויי.

ער און זי — ס'איז קלאָר פאַר אַלע —
קוים אַכצן זומערס אים און איר.
ווו לאָזן זיך עם חתן־כלה
אין ווינט, אין שניי, אין פריר?

דער הויף איז לאַנג. פול יונגוואַרג. פּעקלעך.
און פּליטערלעך־באַשיטעכץ — שניי.
קאַזאַכן. שליטנס. פערד מיט גלעקלעך
און רייַטפערד. פרישער היי.

געמיש פון קליידער, פאַרביק, בונטיק.
אַ צי־האַרמאָניע שפּילט צעפלאַמט
אַ בענקליד טרויעריק — אַנגרונטיק,
אַ ליד פון טרויערלאַנד,

פון זייער לאַנד, וואָס ליגט פאַרלוירן,
דורך גרענעצן פאַרוואָרפן ווו.
דאָרט ליגט די היימשטאָט פון געבוירן
וואָס גיט זיי נישט קיין רו.

די פנימער פון פראָסט פאַררייטלט,
און זידלרייד דאָ עמעץ שיט.
דער טויט גייט אום מיט קרייד און קרײַדלט,
ער ציילט זײַן נײַעם שניט.

נאָר קיינער האָט אים נישט אין זינען,
דעם טויט, אין ווײַטן הינטערלאַנד.
וואָס גייט קאַזאַכן אָן די שנאה
מיט זייער קאַזאַכסטאַן?

דאָס פאָרל זעט דעם פרעמדן עולם,
ווי רינדער, אָנגעיאָגט פון סטעפּ.
ס'קאָן קיינס פון זיי בײַ זיך נישט פועלן
אַז ס'סטעפּפאָלק ווערט געשלעפּט

פאַרצוקט צו ווערן פונעם מולך
אויף שלאַכטפעלד העט, ווער ווייס ווו ס'ליגט.
מ'האָט זיי געבראַכט דאָ אין אַ הולך —
אַ שרעק!... אַרומגעפליקט

פון קאַראַ-קום*-לאַנד, לעבן כינע,
ווו אַלץ לעבט פרידלעך, אין עק וועלט,
אַרומגערינגלט, ווי אַ בינע,
מיט בערג אַרום — באַשטעלט.

די פאַרמעטהויט צעקנייטשט, צעשפּאָלטן,
מיט גאָרגלדיק געררייד פאַרשווימט.
געשטעל פון מאַלפּעס, ווי זיי וואָלטן
אַראָפּ נאָר וואָס פון בוים.

* זאַמדיקע וויסטעניש וואָס הייסט „שוואַרצער הונגער"

די פּיס אין לאַפּטשעס, ס׳לײַב אין שמאַטעס,
ווי ס׳פּנים פונעם מידבר — — טעמפּ.
ווי סאַקסאַולן* — זין און טאַטעס
מיט פּיס און הענט פאַרקרעמפּט.

מיט בערד פון קופּער און פון סמאָלע,
אין שטרײַמלעך, שאַפּנפּעלן — ווילד;
מיט אויגן פלאַכע, שפּעלטלעך שמאָלע —
זיי פרעגן זיך וואָס וויל

מען דאָ פון זיי, פון די אולן,**
וואָס האָט דער פראָנט צו טון מיט זיי?
האַרמאַטן, אויסשפּירערס, פּאַטרולן...
געַנוג זיי ס׳שעלכל טיי.

קאַזאַכן, טאָטערס, רוסן, יידן —
מ׳באַווײַזט זיך נישט צו טון אַ קער —
דער האַנדל גייט ווי אויף יאַרידן
מיט אַלץ וואָס האָט אַ ווערט.

דער „שוואַרצער מאַרק", דער גוט באַקאַנטער
וואַקסט פּלוצעם אויס פון אונטער דר׳ערד.
געדולדיק רוען אויסגעשפּאַנטע
די קעמלען, אָקסן, פערד.

די ווײַבער אין די סאַמעט־פּאַלטנס
פון רויט און גרין און געל, געשטרייפט.
פון האַנט צו האַנט מע קויפט באַהאַלטן
קאַמאַשן, טיי און זייף.

מע טוישט אויס בראָנפן אויף אַ ברייטל
און פּוטער — אויף אַ ביסל זאַלץ
מע קריגט דאָ אַלץ, ווי אין אַ קלייטל,
אַ הערינג, פלייש און שמאַלץ.

---

* אויסגעטריקנטע פאַרקוילטע דאָרנביימער אין סטעפּ

** דערפער

דאָס יוגע פּאָרל פון די פּליטים —
מיט שטוינען קוקט זיך צו צו אַלץ,
צום לאַכן, וויינען בײַם באַגלייטן...
דער שטריק איז אויפן האַלדז

פון לאַנד פאַרוואָרפן, און וואָס גיכער
זיי רײַסן זיך אין שלאַכט, צום קאַמף.
נאָך וואָס די זעקלעך, רענצלעך, טיכער?
אַ ביקס גיט אונדז אין האַנט,

צו העלפן שנײַדן פון אים שטיקער,
פון שונא — וויפל ס׳גייט אַרײַן,
פאַרזעצן אים אין האַרץ די שטיקע
פאַר גאָר דעם ים פון פּײַן.

די טענער פון דער צי־האַרמאָניע
שוין אויסגערונען אין אַרום.
עס רוישט דער ווינט בלויז אין די קליאָנען
און ס׳שיט דער שניי, שיט שטום.

פון הויף אַרויס פאַרדריקט אין רייען
זיי שפּאַרן דורך זיך — שפּאַן נאָך שפּאַן,
זיי גייען קעגן דער זאַווייע,
אַנטקעגן ווינט־בוראַן*.

געבליבן איז אין הויף ווי פריִער
דער ווײַסער אָנשיט פונעם שניי.
מע הערט — אין בלייכער שעה, דער פריִער
בלויז ס׳טריטיקע געגיי.

דער שטורעם רײַסט זיך זיי אַנטקעגן
מיט הויפנס שניי, מיט ווינטגעוווי,
פאַרמישט, פאַרשיט, פאַרשפּאַרט די וועגן —
אַ ים פון ווײַס און בלוי.

---

*ווירבלווינט

פון אַט דעם שטורעם ביזן צווייטן
פיל מײַלן טויזנטער צעשיידט.
ווער ס׳פילט אַז ס׳שרעקן אים די ווײַטן,
און ווער — ס׳לאָקט די ווײַט.

אין בלויער לופט פון אַ באַגינען,
זי ווייסט: ס׳וועט פאַלן דער באַפעל...
יאָ, יעדע שלאַכט, וואָס ווערט געווינען,
קען גוט איר דרייסטן העלד.

דאָס בלוי געשטרייפט מיט ערשטע שטראַלן,
אַ הונט ווי רײַסט זיך מיט געהויל...
און קוים וועט ער, איר יינגל, פאַלן
ווי פונעם שונאס קויל...

זי וועט די ווונדן אים פאַרבינדן,
פון בלוט אים וואַשן יעדער פלעק...
די לעצטע הײַזעלעך פאַרשווינדן
מיט רויך און שניי פאַרדעקט.

אַלמאַטינער פעסטונג — פעטראָ־פּאַוולאָווסקער
קאַזאַרמע־באַרקעס, 1944



באַלאַדע

פון דרײַ געפֿאַנגענע ייִדישע זעלנערס,
דעם שטאַבדײַטש און זײַן סוף

ס׳איז ווינטערנאַכט. שניישטורעם. חושך און וויוגע
אין פוילישן לאַנד. אויפן שלאַכטפעלד — הרוגים.

אומענדלעכער טרויער... „הייל-היטלער״- געהוילן...
דאָס שטאַבהײַזל, ס׳דײַטשע — מאַסקירט און פאַרהוילן.

דרײַ ייִדישע זעלנערס דאָ שטייען געפֿאַנגען
אַנטקעגן אַ דײַטש פון אַ העכערער ראַנגע.

אַנטקעגן אַ כאָפּטע פון דײַטשן-באַנדיטן —
דרײַ ייִדן — סאָלדאַטן אין קייטן געשמידטע.

דער שונא איז זײַטיק בײַ נאַכט זיי באַפאַלן.
ווי ס׳טרעפט אויפן פראָנט אין געפאַרפולע פאַלן —

אַ כאַפּ צום געווער און אַ כאַפּ צו דער קאָרבע...
דער שונא איז אָבער באַפאַלן זײַן קרבן,

אַזוי ווי אַ טיגער נאָך פינצטערן לויער.
דער שווערער געראַנגל האָט לאַנג נישט געדויערט.

די ייִדישע זעלנערס מיט פײַער געשניטן
זיי האָבן די צענדלינגער דײַטשע באַנדיטן.

פון רעכטס און פון לינקס און פון פאָרנט עס שפאַרן
די דײַטשן, אַלץ נענטער זיי קריכן און שאַרן

זיך... פּויזען און פאַלן און פּויזען אַלץ ווײַטער...
און גלײַך גיט איין זעלנער אַ האַסטיקן שלײַדער

אַ פײַער־גראַנאַט אינעם דײַטשן געזעמל.
אַ הייב און אַ פאַל און: — עך, יינגלעך, מיר זעמיר...

ער זאָגט נישט, דערזאָגט נישט... דער זעלנער דער צווייטער
אין לופטן ער צייכנט אַ האַלבקרײַז — אַ שלײַדער...

געשווינדל פון דײַטשישע זעלנערשע קליידער,
געשווינדל פון פנימער ברודיק־פאַרשײַטע ...

און ווידער אַן אָפּהילך פון ערד און פון פײַער.
פון גופים וואָס פאַלן פאַרמישט מיט געשרייען...

דער לעצטער גראַנאַט טוט אַ פלי און אָט פאַלט ער...
איצט איז זיי געבליבן ס׳געווער בלויז דאָס קאַלטע

צו לאָזן אין גאַנג אויפן צענדלינג דעם לעצטן,
וואָס כריפּעט צעיושעט, וואָס זידלט און לעסטערט

אַ זיך, אַ דעם טויט, אַ דאָס זעלנערשע לעבן,
אַ זיי דאָ, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן.

— העי, ברידערלעך מײַנע, זײַט שטאַרק און האַלט אויסעט!
אַרום און אַרום ליגן דײַטשן און גוססן...

נאָר פלוצעם פון הינטן צו זיי מ׳איז פאַרקראָכן —
און דערמאָלט דעם ווידערשטאַנד זייערן געבראָכן.

איצט שטייען די יידישע זעלנערם געפאַנגען
אַנטקעגן דעם דײַטש פון אַ העכערער ראַנגע.

אין דרויסן איז ווינטערנאַכט, שניי־זאַווערוכע.
אין שטאַבדײַטש צעצינדט זיך דאָס בלוט זײַנס, די „יוכע”.

זײַן פּנים פאַרגרינט איז, פאַרשווימיקט, דערצאָרנט:
— קוים וועט איר נישט געבן קיין ענטפער קיין קלאָרן —

איך ווינטש זיך צו מאָל נישט צו זײַן אײַער שאָטן —
כ׳וועל הייסן אײַך ברענען, אײַך לעבעדיק בראָטן!...

ער שרויפט אין זיי אײַן זײַנע אויגן ווי שפּיזן:
— ווו שטייט אײַער שטאַב? וויפל ציילט די דיוויזיע?

אַ ווײַלע אַ שטילשווײַגן —— נישט צום באַגרײַפן,
עס קלאַפּן די שלייפן ווי פערדטלאַ-געלייפן.

— נו, ענטפערט, צום טײַפל! — דערהערט זיך אַ ריטשע —
וואָס גיכער — אַלץ ווינציקער וועט איר זיך מוטשען!

עס שווײַגן די יידישע זעלנערס פאַרביסן,
זיי שטייען פאַרשטיינערט מיט בליקן פאַררים.

— פאַרדאַמט!... דאָנערוועטער!... פאַרשלאָטענע זרע!...
בײַ מיר וועט איר רעדן! אָט באַלד וועט מען הערן!

אָט באַלד וועט איר וויסן וואָס ס׳הייסט אַזוינס שווײַגן!
אָט גלײַך וועל איך הייסן אַ פײַער צעלייגן!

—אַ שײַטער! אַ שײַטער! אַ שײַטער גלײַך מאַכן!...
העי, וואַכלײַט!... די וואַך ווו?!... ווו זענען די וואַכהינט?!

די טיר האָט געטון זיך אַ האַסטיקן פּראַל אויף,
די שנײַנאַכט אַ בלענד האָט געטון ווי אַ חלף.

צי האָט עס דער שטורעם די טיר אויפגעריסן?
און שפּיציקע שטאַב-אויגן שטעכן ווי שפּיזן.

אַ בלענד און אַ פלאַטער פון ווײַסע כאַלאַטן
מיט דײַטשיש-טראָפּעישע האַנט-אויטאָמאַטן.

דער שטורעם אַליין אין זײַן נאַכטווײַסן אויסזען
אַרײַן איז אַהער פֿון פֿאַרפֿרוירענעם דרויסן.

נאָך איידער דער דײַטש קראַמפּט זײַן האַנט אין פּיסטויל אײַן
פֿאַלט איבערן קאָפּ אים אַ האָגל פֿון קוילן.

דער שטאַבדײַטש טוט האַסטיק אַ פֿאַל הינטערווײַלעכץ
און ס'לאָזט זיך זײַן גוף אַראָפּ שווער — אַ נבלה.

די אַנדערע דײַטשן די הענט הויך פֿאַררײַסן
מיט „היטלער־קאַפּוט" און „פֿאַרשפּילט ביסטו, פּרײַסן".

וואָלט עמעץ געריכט זיך? צי וואָלט מען עס גלייבן?
דרײַ ייִדישע יונגען — צוריק ווי די לייבן.

געטון איז שוין אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקענט טון.
פֿאַרכאַפּט שוין די נייטיקע שטאַב־דאָקומענטן.

זיי לאָזן אַ צעטל: „מיר וועלן נאָך קומען —
די ווײַסע כאַלאַטן — די האַנט פֿון נקמה".

זיי הערן אין חושך „הייל־היטלער"־געהוילן
און ציִען צוריק זיך און ווערן פֿאַרהוילן.

ס'ווערט שטאַרקער די וויוגע, די שניי־זאַווערוכע.
דער טייל טראָגט זיך פֿאָרויס ווי לייבן, ווי רוחות,

אויף ערדן פֿאַרפֿרוירענע איבער הרוגים
דורך ווינטערנאַכט, שניישטורעם, חושך און וויוגע.

אַלמאַ־אַטאַ, דעצעמבער, 1944

באַלאַדע

פֿון די נייטאָרינס די דרײַ

פֿרילינג. מײַ. די לופֿט פֿאַרשיכורט
אין פֿאַרשיקטן העק.
אָט דאָס ווילדלאַנד — איין פֿאַרשיק־אָרט
איז פֿון עק ביז עק.

געלע זאַמדיקע אַולן,
מידבר קאַראַ־קום —
שוואַרצער הונגער. סאַקסאַולן
אויף דער וואַך אַרום.

טיף אין הינטערלאַנד פֿאַרוואָרפֿן,
ווײַט אין קאַזאַכסטאַן.
אין דער טרויעריקער וואָר פֿון
שטומשווײַג — שאָרכלאָז כ׳שפּאַן.

כ׳טרעט אויף סטאַלין־גאַס. די שטיינער
בלוטיק־רויט, צעגליט.
אינעם זונפֿאַרזינק נאָך איינער
זינקט מיט זון אויך מיט.

ווער דאַרף אים, דעם דיכטער האָבן
מיט זײַן פֿרילינגליד?
העט ווו ליגט זײַן היים באַגראָבן,
דאָ — דאָס ליד זײַנס בליט.

בליט עס בלויז פֿאַר זײַנעטוועגן
אָט ווי ס׳גראָז וואָס גרינט?
מיטן וועג ס׳קומט מיר אַנטקעגן
ווי דער פֿרילינגווינט.

ס׳שמעקט מיט קומילך, פריש געמאָלקן
פון דער אָונטמעלק.
אויפן הימל בלאַנקען װאָלקנס —
אָונט אויף דער װעלט.

שטיבלעך לײמיקע פאַרגעלטע
גליװערן דאָ אײַן.
פּלוצעם כ׳זע אַ הויז צעהעלטע
שויבן — פול מיט שײַן.

כשטיי און גאַף און שטוין: פון װאַנען
האָט געיאַװעט זיך
דאָ, װוּ טויט און חושך שפּאַנען —
ליכט, אַ הויז מיט ליכט!

אַנדערש נישט, נאָר ס׳איז מיסתמא
אַן אויסדאַכטעניש.
מיך פאַרנאַרן װיל דער סמך־
מם צום שדים־טיש —

פאַר מײַן ליד װאָס װיל נישט שפּילן
לויט װי ס׳איז כדאַי —
אויף באַפעל, קאַפּריז און װילן
פונעם אַשמדאַי.

ס׳װועט אַ שפּיל טון די קאַפּעליע,
מ׳װועט מיך הייבן הויך
ביז אַרויפצו צו דער סטעליע
אויב נישט העכער אויך.

און פון סאַמע הייך נאָך איידער
איך װעל טון אַ בליק
װועט מען געבן מיך אַ שלײַדער
ביזן תהום צוריק.

אַלץ אַרום מיט נאַכט פאַרוויִעט,
חושכדיק פאַרשפּינט.
ווי דעם פלאַטערל צום פײַער —
ציט עס מיך אַהין.

ס׳שלאָפט די גאַס, גאַנץ אַלמאַ־אַטאַ,
די פאַרשיקשטאַט שלאָפט —
אָן פּופּייקע־ראָק פון וואַטע
וואָס דערמאָנט די שטראָף

אָפּצוקומען ס׳גאַנצע לעבן
בײַ דער שוועל פון סטעפּ.
ס׳דאַכט זיך מיר, איך הער אַ שטעפּן,
ניימאַשין־געשטעפּ.

ס׳זיצן נייטאָרינס און נייען,
ווערן גאָר נישט מיד.
יונגע ביימלעך זיך פאַרגייען
אינעם ערשטן צוויט.

ס׳טראָגן אָן די נאַכט־סטעפּ־ווינטן
קילקייט פון די בערג.
סנאָפּעס שטערנליכט זיך צינדן
אָן ווי פײַערווערק.

כ׳וואָלט אָן אַנדערש מאָל געפלויגן
צו די הימלען הויך.
איצטער אָנגעשפּאַרט, געבויגן
כ׳שטיי אין שײַן פון הויז.

ווי זשע קום איך גאָר פאַר פרעמדע
פענצטערס שפּעט בײַ נאַכט?
וואָס זשע איז אַז ס׳שטעפּן העמדער
פרויען — פריש און וואַך?

אַ געזאַנג פֿאַרצויגן עמעץ
האָט דאָ אינעם בלענד:
די דרײַ נייטאָרינס פֿון פּרץ...
כ'האָב זיי גלײַך דערקענט.

ווי אַזוי קיין אַלמאַ־אַטאַ
קומען זיי אַהער?
כ'האָב אַ מאָל פֿאַר זיי געהאַט אַ
גרייטע מיטלײַדטרער.

נישט קיין חופּה־קליידער נייען
הײַנט די נייטאָרינס.
זעלנערשע שינעלן־רייען
גרייטן שלאָגלערינס.

נישט קיין מידע רויטע אויגן,
נישט קיין ליפּן בלאָ.
ווי זיי וואָלטן מיטגעפֿלויגן
אָן אַן איבערשלאָג —

יאָגט מען פֿון זיך די נשמה
שיִער נישט אַרויס.
אײַנגעגנייט איז די נקמה
אין שינעלן־שטויס.

זיי באַוויינען נישט די יאָרן,
וואָס פֿאַרלויפֿן סתם,
כאָטש געעלטערטע געוואָרן
דאָ אין קאַזאַכסטאַן

זענען ביעזשענקעס * פֿון פּוילן
אינעם ניי־אַרטעל.
ס'קנײַפּט דער הונגער. שיך אָן זוילן.
נאָר די פֿינגער שנעל

* פּליטים־פֿרויען

לויפן בײַם פאַרריכטן, שטעפן
זעלנערוועש פון פראָנט.
כוח, מוט די מיידלעך שעפן
פונעם ליד וואָס מאָנט

צו דערלאַנגען קלעפּ דעם שונא,
שלאָגן, יאָגן אים.
— ס׳לעבן ס׳אייגענע נישט שוינען! —
הילכט די ראַדיאָ־שטים.

וואַסערזופּ אין דער מענאַשקע —
זופּ און זאָג: — ס׳איז גוט!
ס׳ווערן זעלנערשע רובאַשקעס
מיט די פלעקן בלוט

אויסגעהיילט דאָ פון די ווּנדן,
ווי דער אינוואַליד —
היידאַ, מאַרש! פאַרפאַקט, פאַרבונדן
און מיט טרער און ליד

אָפּגעשיקט צוריק אויף פראָנטן
דורכן נײַ־אַרטעל.
צווישן העלדן מע דערמאָנט אים
ווי אַ שלאַגלער־העלד.

נאָר די מיידלעך דרײַ, די העלדינס —
ווער דערמאָנט זיי דאָרט?
ווער וועט אויפן פראָנט דאָרט מעלדן
וועגן זיי אַ וואָרט?

ס׳גייט זיי נישט אין קיין מעדאַלן,
ווער באַדאַרף עס, ווער?
אויף־אָפּ אײַלן די פּעדאַלן —
זייער היים געוווער.

אַנאָנימע, אָן אַ נאָמען
בלײַבן העלדינס דרײַ.
ס׳וועט אַ דיכטער בלויז דערמאָנען
זיי אין ליד געטרײַ,

מיידלעך ייִדישע פון פוילן,
נייטאָרינס די דרײַ.
פאַר די מאָרדן, פײַן און גרוילן
צאָלן אָפּ געטרײַ.

ס׳צאַקען נאָדלען. ס׳לויפן שטאָפן
דורך די פינגער שנעל...
ווי זיי וואָלטן מיטגעלאָפן
שנעל מיט דעם שינעל.

קוים פון פלאַם אַרויסגעריסן
זיך... פון טויט, פון דײַטש.
זייער לײַב ביז בלוט צעשמיסן
האָט די דײַטשע בײַטש.

פון די אָפּגעברענטע היימען
אין געאײַל אַוועק.
לאַנג נישטאָ קיין שפור פון אימה,
פון דער אומקומשרעק.

שפּעטע נאַכט-שעה. הײַזלעך שלאָפן
נאַכט אָן סוף, אָן ברעג.
בײַ דער ניימאַשין איז אָפן,
ליכטיק יעדער וועג.

זעען זיי ווי ס׳לויפן רייען —
נײַ און פריש באַקליידט.
ס׳רײַסן-אויף הורא-געשרייען,
שלאָגן דורך די ווײַט.

פּלוצעם שטיל ווערט אַלץ אין דרינען.
אינעם זאַל אַרום
שטייען שוין די ניימאַשינען
שווײַגנדיק, פאַרשטומט.

פול דער צעך איז פונעם נאַכטשיכט,
פנימער צעפלאַמט.
ס׳מעלדט דער ראַדיאָ מאָרגן־נאַכריכט,
הערט מען אוים געשפּאַנט.

טירן סקריפּען. הינטגעהוילן.
ערשטער האַנענקריי.
די דרײַ נייטאָרינס פון פּוילן
קערן זיך אַהיים.

דרויסן קילט. עס בלאָען בעזן.
טראַכטן זיי פון דעם?
ניין, ווער וויים וואָס ס׳וואָלט געוועזן
דאָרט מיט זיי אין קלעם.

אָפּגעטון האָט זיך דער שלאָף פון
זיי, די מיידלעך דרײַ.
ווי נאָך קאָן מען רויִק שלאָפן
ווען ס׳געווויסן שרײַט?...

ס׳שמעקט מיט קומילך פריש געמאָלקן
פון פרימאָרגן־מעלק.
ס׳שווינדט פון הימל לעצטער וואָלקן —
פרילינג אויף דער וועלט.

כ׳האָב אַ נאַכט געוואַרט פאַרבאָרגן,
נאַכט איז שוין פאַרבײַ.
כ׳זאָג די נייטאָרינס: — גוטמאָרגן!
שמייכלען אַלע דרײַ.

— איר זענט איצט דאָך מיך אַוודאי...
— מילא... ס׳איז כדאַי...
כ׳לאַד זיי אײַן אין מײַן באַלאַדע
פון די נייטאָרינס די דרײַ.

אַלמאַ־אַטאַ, מײַ 2, 1945

באַלאַדע

פון דײַטשל אין זונפאַרגאַנג

דאָס רויכיקע בראָכוואַרג פון ציגל און שטויב
איז ליגן געבליבן — פאַרגליווערטער דרויב,

געבערגלט זיך גרודעסווײַז אויף טראָטואַר
מיט גלאָווניעס פאַרשוואַרצטע פאַרריסן און שטאַר.

אין דעמערונג-שײַן האָט נישט קיינער דערקענט
די מויערן, גאַסן, די שטאָטישע ווענט.

אַ ריח פון שוועבל, פון טויטגאַז — ציקלאָן.
די שטאָט האַלט די זון, ווי אַ קינד — אַ באַלאָן.

אַ נאַקעטער קוימען. אַ האַלבער סופּיט.
גאַנץ איז געבליבן דער לאָמפּ אין דער מיט.

עס פּרעפּלט פאַרלוירן אַן אַלטער בעל-מום.
אַ קלונג פון אַ קלויסטערגלאָק פאַלט און פאַרשטומט.

די שטאָט איז פאַרדרענגט און זי רוקט זיך צונויף.
די רײַכסווער-אַרמיי איז צעקלאַפּט און אַנטלויפט.

מיט איר יאָגט דאָס דײַטשל מיט פיבער אין בליק.
די גאַס איז צעפלאָנטערט. נישטאָ קיין צוריק.

פאַרבלוטיקטער וועג פון אַ בלוטיקן שניט:
ס'אַנטלויפט די אַרמיי און דאָס דײַטשל אין מיט.

די בהלה קריגט פליגל און פלאַטערט זיי נאָך
און פאַכעט אַנטקעגן — אַ פינצטער געפּאַך.

דאָס דײַטשל וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך דער ערד —
באַרויבן, באַצווינגען, פאַרכאַפּן וואָס מער —

אין פּחד אײַלט גיכער אַרויס פונעם כּרך,
וויל גיכער אַרײַנטרײַבן ס׳פערד אין דער נאַכט.

די נאַכט איז דאָרט ווײַט און די שטאָט ציט זיך אויס,
אַ גאַס אין אַ גאַס קריכט אַרײַן און אַרויס;

אַ פור אין אַ פור — אַ פאַרפלאָכטענע קייט,
און ס׳היפּען נאָך דײַטשן, ווי קראָען, בײַ זײַט.

אַ בליק אויף צוריקוועגס, אַ הייב און אַ בויג...
שוין שפּיזן די ליפּעס דעם דײַטשל אין אויג.

אים דאַכט זיך, אַט ברעכט זיך דער ברוק אײַן ווי אײַז.
אַן אויסשפּיר, אַן ערשטער גיט זיך אַ באַווײַז

און יאָגט אים אַריבער דעם זיכערן וועג —
די זאַטע, די פעטע, די בלוטיקע טעג.

דער רינג איז געשלאָסן, דער רינג איז פאַרמאַכט.
די שטאָט איז פאַררינגלט אין רינג פון דער וואַך.

נישטאָ קיין אַרויסגאַנג שוין מער פונעם רינג:
— עך, האַרעלע, דײַטשל, נו, גיב נאָר אַ שפּרינג

אַראָפּ פונעם וואָגן... די אַרבל פאַרשאַרץ!...
דאָס דײַטשישע פּנים ווערט שרומפּיק און שוואַרץ.

די לייצן פאַרקראַמפּט און דאָס בײַטשל פאַרדריקט:
„אַט דאָרט, נאָך אַ ביסל... אַט דאָרט איז די בריק”...

— ווּהין? וווּ אַנטלויפט איר? דער וועג איז פאַרמאַכט!
אַריבערגעיאָגט האָט אײַך ווײַט שוין די וואַך.

נו, דײַטשעלעך־מערדערס! העי, דײַטשעלעך־הינט!
די לאַפּעטעס וואַרטן, נו, גיכער, געשווינד!...

מע דאַרף איצט פאַררעכטן דעם וועג וואָס איר האָט
צעחרובט פאַר אײַער פאַרלאָזן די שטאָט!...

און ס׳בייגט זיך דאָס דײַטשל אַרויף און אַראָפּ,
אים דאַכט זיך,דער שטיין וואָס ער האַלט איז זײַן קאָפּ...

די קאַלטקייט, די קלעפּיקע פײַכטקייט פון דר׳ערד
ער פילט אויף זײַן פּנים... יאָ, זיכער, ער הערט

דאָס רוישן פון ווײַטן אַ טאַנק־עשאַלאָן...
די זון האָט געפּלאַצט ווי אַ קינדער־באַלאָן.

און ס׳דאַכט אים, ער פלאַסטערט — נישט שטיינער, נאָר קעפּ...
אָט באַלד וועט די רעדערקייט טון אים אַ שלעפּ,

צערײַבן, צעקוועטשן אים אינעם געשטויס... — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
דורך טויערן, טירן די פרײַע איז אַרויס.

ס׳האָט אויפגעבלענדט פלוצעם די היימישע פאָן,
און ס׳טראָגט זי די גאַס מיט אַ פלאַם אויבן־אָן.

דער חלום, דער ווײַטער געוואָרן איז וואָר.
ס׳שאַלט אויף אַ געזאַנג פון אַ מאַכטיקן כאָר.

די שטאָט איז צעיובלט, די גאַס איז צעשפּילט —
אין נעפּל, אין רויכן, אין שטויבן געהילט,

און ס׳שפּרייט זיך און פלאַטערט — אַ פאָן־טראַנספּאַרענט —
די בלוטיקע שקיעה אויף שטאָטישע ווענט.

אַלמאַ־אַטאַ, אַפּריל, 1945

באַלאַדעס
פֿון נאַכן שטורעם

חלום־כאַלאַדע

דער חלום נעמט מיך אָפּט
פון בעט — ווי כ'ליג און שלאָף
פאַרמאַטערט מיד — אַרויס
און פירט מיך אינעם הויז,
אין הויז פון טאַטע־מאַמע,
מיט גאַנצע פענצטער־ראַמען...
עס שטייט צעפּראַלט און פריי,
ווער ס'וויל קאָן דאָרט אַריין.

דאָס הויז, וואָס איז פאַרברענט,
שטייט ווידער ווי געווען.
נאָר קיינער איז נישטאָ.
ס'איז פּוסט. כ'בין איינער דאָ.
כ'דערקען די שטוב, די ווענט,
די בילדערריי וואָס הענגט
אַנטקעגן אויף דער וואַנט.
עס קוקט מיך אָן באַקאַנט
שפּינאָזע, ווילנער גאון
אין שווייגן — טונקלען, גראָען.

דער חלום גרייט צום טיש
צוויי חלות, ווייַן און פיש.
(קיין ליכט זענען נישטאָ,
ס'האָט אויסגעפעלט אין שטאָט).

כ'נעם שרייַען, רופן, וועקן:
— פון אַלע, אַלע עקן
קומט ווידער זיך צונויף
אַהער!... די היים גייט אויף!
לעבט אויף!... ס'איז גרייט דאָס בעסט!...
אַ וואָרע פאַר די געסט!...

נאָר קײנער זעצט זיך נישט.
דער טיש בלײַבט פּוסט, דער טיש...
איך שרײַ, איך װער נישט מיד:
— אײן ייִד, כאָטש נאָך אײן ייִד!...

און — ס'עפֿנט זיך די טיר.
דאָס בלוט אין מיר פֿאַרפֿרירט,
דאָס קול פֿאַרשטיקט אין קעל...
ס'באַװײַזט זיך אויף דער שװעל
אין פֿראַק, צילינדער — נעמט
דער טויט — זײַן מאַיעסטעט.

די חלות, װײַן און פֿיש
פֿאַרשװינדן פֿונעם טיש.
די בילדער — קאַלט און פֿרעמד —
פֿאַרלאָזן גלײַך די װענט.

איך שװײַג. איך רוף נישט מער.
אַ גרויסע שװערע טרער
פֿאַלט שטום אַראָפּ און װערט
אַ טײַך פֿון בלוט אויף דר'ערד.

איך שטײ פֿאַרגליװערט, שטאַר
אין אָנבליק פֿון געפֿאַר.

אויף טיש אַ רעפּטל ברויט.
דער חלום. איך. דער טויט.

לאָדזש, נאָװעמבער 16, 1946

באַלאַדע

פון אומבאַקאַנטן מאַרטירער

סעפּטעמבער. דרײַסיק נײַן.
די דײַטשע שטיוול טרעטן...
עס קרעכצט די ערד, דער שטיין:
— נישטאָ, נישטאָ קיין רעטונג.

ס'איז צוועלפטע שעה בײַ נאַכט
פּראָזשעקטאָר־שײַן און שאָטנס.
און איבער אַלעם וואַכט —
פון קיינעם אָנגעבאָטן —

האַר יעזוס אויפן קרייץ —
אַ גלײַכער, נישט געבויגן.
ס'האָט זיך דער האַקנקרייץ
פאַרקרייצט אין זײַנע אויגן.

ס'ליגט שטום דער קלויסטערהויף,
נאָר יעזוס הערט מיט ווייטאָק
דעם גלחס שטים: — אַנטלויפט,
כל־זמן עס איז נאָך צײַט דאָ!...

דער דײַטש איז שוין אין שטאָט:
געשריי, געוויין, געוואַלטן.
דער גלח בלײַבט. ר'איז גראָ.
וואָס וועט מען טון אַן אַלטן?

און יעזוס לאָזט אַ טרער,
אַ טרער פון מיטלייד רונען.
ער איז שוין מער נישט דער,
וואָס איז געווען פאַרשפּונען,

גערדיכט באַלייגט מיט שטויב
פון מעשׂות אומדערטרעגלעך.
ער איז שוין מער נישט טויב,
נישט בלינד, נישט אומבאַוועגלעך.

און אָפּגענאָגלט ר'איז
פון קרייץ אַראָפּ, פאַרשווינדן.
ס'איז ער עס דאָך דער קריסט
וואָס קומט אַרויס פון ייִדן.

דאָס האָט דאָך ער געמאָנט
די אַלגערעכטיקייטן:
„וואָס דו ווילסט זיך נישט טון —
זאָלסטו נישט טון אַ צווייטן"...

און שווער ער שפּאַנט אַוועק
צו טרעפּ געהיים פאַרשלאָסן
און קלײַבט אוים פון געפּעק,
וואָס מ'האָט דאָ הײַנט געלאָזן —

אַ הוט, אַ פראַק, אַ שטריק,
אַ הילצערנע פּאָר טרעפּעס,
און פאָרזיכטיק פאַררוקט
ער הינטער פראַק נאָך עפּעס:

אַ חלף — בלאַנק און שאַרף
(אין קריגצײַט איז עס נייטיק),
און שטיל, אָן שאָרך ער שאַרט
פון הייל אַרוים זיך זײַטיק.

נישט קענטיק מער די פּײַן —
נישט ייִדישלעך, נישט קריסטלעך.
פון אָפּגעוווינטן גיין
ער וואַקלט זיך צו ביסלעך.

פון קלויסטערהויף ער לאָזט
זיך גיין אַליין אין גלות.
אַ האַרבסטיק ווינטל בלאָזט
פונאַנדער זײַנע פּאָלעס.

דער קלויסטער הינטער אים
בלײַבט שטום — אויף אומצוקומען.
דער הימל ברוגז ברומט
און הערט נישט אויף צו ברומען.

ער אײַלט צום נאָנטן ראַג:
דאָס אומגליק מאַריען זאָגן.
ס'קלינגט ראַש דער קלויסטערגלאָק
אויף שריפה און טרעוואָגע.

נאָר ליידיק איז דער ראַג . . .
—ווו איז מאַרי?... דער טרויער,
דער עלנט און די קלאָג
שטייט — אַנשטאָט איר — בײַם טויער.

מיסתם האָט זי דער דײַטש
מיט גוואַלט פאַרפירט פון דאַנען,
און מיט דער לאַנגער בײַטש
פאַרטריבן צו די באַנען:

אין לאַגער מ'האָט פאַרשיקט
די הייליקע מאַדאָנע!...
און יעזוס פילט ווי ס'שטיקט
דער כעס אין אים: — נקמה!!

ער גייט פון שטוב צו שטוב,
זוכט הילף בײַ ברידער־קריסטן.
פון אומעטום מע שטופּט
אַרויס אים: — יודע ביסטו!...

עס ווילדעוועט די בײַטש —
ס׳געשפּענסט פון דער געשטאַפּאָ;
די פּוילין ליגט בײַם דײַטש
צעלייגט אויף דער קאַנאַפּע.

דער פּוילנזון פאַרראַט —
דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, דעם גלויבן;
אַ צד פון מערדערם צד —
דעם יידנמאָרד צו לויבן.

דער חושך גליווערט אָפּ
די שרעק אויף טאָטוּאַרן.
דער דײַטשער טויטנקאָפּ
פון אומעטום נעמט שפּאָרן...

און יעזוס זעט ער וועט
פון שטאָט שוין נישט אַוועקגיין.
דער קלויסטער ברענט. ס׳איז שפּעט.
די פלאַמען רופן, וועקן...

עס פאַלן שטיקער ווענט,
ס׳דערברענען לעצטע זײַלן.
מיט ציטערדיקע הענט,
ווי ערגעץ זיך צו אײַלן,

ער טובלט אָפּ די האַק
וואָס איז אַנטבלויזט און גרייט שוין;
מיט פײַער איז דער פּסק
געחתמעט: טויט די דײַטשן!

אין פלאַמענשײַן ער לויכט,
וואַקסט איבער אַלע מענטשן.
די דײַטשן שרײַען: — אויך
ער, ישוע זײַז פאַרברענט שוין!...

נאָר אַלע מענטשן, וואָס
דער דײַטש האָט דאָ פאַרזאַמלט,
דערזעען: פון פײַער לאָזט
זיך גיין ס׳געשטאַלט, דאָס פלאַמבילד...

און ברענענדיק ער שפּאַנט
די געטאָוואַנט אַריבער,
מיט זיך דעם פײַערבראַנד
צעטראָגט אין אַלע שטיבער.

דאָס יידנפירטל שטייט
אין גאַנצן שוין אין פלאַמען.
דער געטאָ יאָמערט, שרײַט
דערשיטערט ביז די שטאַמען:

— ער העלפט דעם דײַטש!... פאַריאָגט!...
— פאַרטרײַבט אים!... דעם פאַררעטער!...
— דער דײַטש האָט אים — אַ קלאָג! —
אַרײַנגעשיקט אין געטאָ!...

מיט שוים אויף ליפּן שיט
דער שונא פײַערצינדערס.
דאָס פײַער וואַקסט און בליט...
נאָר ס׳שלאָגט זיך שוין אַצינדער

דער גאַנצער געטאָ דרייסט:
אַי מאַן אַי פרוי אַי קינדער.
דערשטוינט דער שונא ווייסט:
דער ווידערשטאַנד ווײַזט וווּנדער.

פון פײַער מאַכטיק שטײַנט
צעבונטעוועטער געטאָ,
עס שפּאַנט דאָס פאָלק וואָס לײַדט,
דורך שטיין און ביין עס קלעטערט.

ס'שאַרט יעזוס זיך בײַם זײַט
דורך בלינדע שיסערײַען;
וואָס מער דער שונא שנײַדט,
אַלץ נײַע רייען גייען

און קאָסען רעכטס און לינקס...
מע לייגט דורך דײַטשע פּגרים
זיך אוים אַ וועג פון רינג,
וואָס ווערט פאַרענגט... און אָרעם

צו אָרעם שפּאַנט דאָס פאָלק —
די דרייסטע יידנפאָלקן.
דאָס פאָלק וואָס פאָלגט — פאַרפאָלגט --
האָט אויפגעהערט צו פאָלגן...

די דײַטשן הייבן אויף
אַ טומל, אַ מהומה.
זיי קאָרטשען זיך צונויף
מיט כאָרכלענדיקע שטימען...

און לאַנג האָט זיך די שלאַכט,
די טויטנשלאַכט געצויגן.
דעם דײַטש האָט זיך געדאַכט,
אַז דאָס זענען די אויגן —

דער פילמיליאָנען-בליק
— פון אַלע זײַנע מאָרדן —
און ס'ציִען זיך צוריק
די דײַטשע טויטנהאָרדעס...

ס'איז לאַנג די היטלערנאַכט
אין פוילנלאַנד געלעגן,
און נאָך דער לעצטער שלאַכט —
בײַ אויסגעברענטע וועגן —

װען טאָג האָט זיך צעהעלט
אויף חורבות און אויף קברים
און ס׳איז געװוען די װעלט
פאַרלייגט מיט דײַטשע פגרים —

געפינען מ׳האָט באַגין
בײַם שוואַרצפאַרקוילטן צלם
אַן אומבאַקאַנטן גוף
מיט װוּנדן נישט צום ציילן.

דערלעבן אויך אַ האַק
געלעגן אויף די טרעפּ איז,
אַ שטריק, אַ הוט, אַ פראַק,
אַ הילצערנע פּאָר טרעפּעס.

ס׳האָט קיינער נישט געװוּסט:
צי ייִד, צי קריסט, צי ביידע?
ס׳האָט אים אויף ס׳נײַ געמוזט
איצט קרייציקן די עדה.

און דער געקרייצטער האָט
אויף זײַנע אַלטע ליידן
אַ מאַך געטון מיט שפּאָט:
— כ׳ווייס דאָרט... ליידן־שמיידן...

דעם ייִד, מײַן ברודער — זעט! —
דורך פּײַן און לייד דערהויבן...
ס׳איז איצט נאָך אַלץ נישט שפּעט
צו אַכטן אים און לויבן...

און איבער זיך ער צינדט
אַן אָנדענקליכט, אַ שײַטער.
די שינאה בלויז איז בלינד,
און גרינט און געלט און אײַטערט.

װאַרשע, 1947

באַלאַדע

פון שיינעם פוילישן מיידל און געראַטעוועטן ייִדישן ייִנגל

דער פוילישער הימל איז צעפלאַמט
פון דער שקיעה דער שענסטער.
דער רויטער שײַן
גיסט זיך ווי בלוט
אין טונקעלן צימער אַרײַן;
פאַרגיסט מיטן פלאַם
דאָס הייליקע בילד אויף דער וואַנט
און די פנימער בלייך
פונעם יונגן פּאָרל
בײַם אָפענעם פענצטער.

זאָגט דאָס פוילישע מיידל
צום איינזאַמען ייִדישן ייִנגל:
— זע, ווי איך בין שיין...
קיינער איז צו מיר נישט גלײַך,
נישטאָ נאָך איינע אַזאַ ווי איך.
בלויז דער, וואָס איז בלינד,
וועט נישט באַוווּנדערן מיך...

און מיט איר לענגלעך שמאָל הענטל
זוכט זי אין טונקל זײַן האַנט,
זײַן צערטל, זײַן גלעט,
און זי ווייסט נישט אַליין
אַז דאָס גאָלדענע צלמל
אויפן קרעלן-בענדל,
אָנגעהאָנגען אויף איר ווײַסן האַלדז,

חוזקט און שפּעט
פון אים און זײַן גיהנום־פּײַן,
אַט לאַכט עס מיט צעשטשירעטע ציין,
אַט רויטלט זיך עס,
ברענט פון כעס...
ווייסט נישט אַליין
פון וואַנען דער האַס —
דאָס גאָלדענע צלמל
הייסט אים גיין.

ס׳יידישע ייִנגל קערט אָפּ דעם קאָפּ
אין שאַרפן פּראָפיל,
אין האַרץ בײַ אים שלאָגט זיך
געפיל מיט געפיל,
ווי דאָס אומהיימלעכע שפּיל
פון די שאָטנס אויף די ווענט דול,
ווי דאָס שפּיל פון וועלף
מיטן קרבן.
איין העלפט פּנים זײַנס איז בלאַס,
פאַרלאָשן,
און די אַנדערע העלפט —
רויטלעך באַפאַרבן,
באַגאָסן מיט בלוטיקן שקיעה־שײַן,
דעם ציטערדיקן, צעשטראַלטן,
וואָס קאָן זיך קוים דערהאַלטן
אין דער קרום אויפן ווענטל.

דאָס יידישע ייִנגל פאַרעקשנט
האַלט דעם קאָפּ געבויגן אַראָפּ,
דעם שטאַרן בליק געווענדט
צו דער בלייכקייט פון אירע הענט.
ער רעדט עפּעס מאָדנע — אַ לשון
וואָס קען צו איר זין נישט דערגיין:
— אמת, דו האָסט מיך אויסבאַהאַלטן
די גאַנצע צײַט;

מיך אויסגעהיט,
די פּוילישע ייִדנכאַפּערס,
די הײַנטיקע שיינע לײַט,
זאָלן האָבן אויף זייער חשבון
ווייניקער אַ מאָרד,
און אויף זייער געווויסן —
אַזאַ טײַערן ביסן,
צו שיקן אויפן פײַער נאָך אַ ייִד.
מיר און דיר —
אונדז ביידע אײַנגעשפּאָרט
גיהנומדיקע לייד און פּײַן,
און טויטגעפאַר
אויף טריט און שריט.
אַ לעבנלאַנג וועל איך דערפאַר
טראָגן מײַן דאַנק בײַ זיך אין האַרץ —
פאַר דיר,
פאַר אַלץ וואָס דו האָסט געטון פאַר מיר.

זאָגט דאָס פּוילישע מיידל דורך טרערן:
— גענוג!
איך קאָן נישט מער!
כ'וויל מער קיין וואָרט פון דיר נישט הערן...
כ'האָב דיך געראַטעוועט נאָר פאַר מיר,
דו זאָלסט מיר געהערן,
דײַן לעבן, וויים, געהער
נאָר צו מיר.
פאַרן פּרײַז
פון מײַן אייגן לעבן
האָב איך דיך אויסגעלייזט פון פּײַן,
דיך אַרויסגעקריגן פון אומקומקרײַז,
דיך אויסגעקויפט פון טויט...
דו ביסט מײַן! דו ביסט מײַן!

און זי ווייסט נישט אַליין,
אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ גענוג;

אַז דאָס גאָלדענע צלמל אויף איר האַלדז
איז דערצאָרנט, בייז —
צעגליט און צעשפּיזט
און וויגט זיך אַהער און אַהין,
ווי בײַם שפּונען איר שפּינוועבס — די שפּין.
דאָס גאָלדענע צלמל זשומט און ברומט:
— ניין און ניין!
דאָס גאָלדענע צלמל הייסט אים גיין.

דער פּוילישער אָוונט איז שיין ווי דאָס שיקסל,
ער נעמט מיט אַן אומעט אַרום ווי מיט רייפן.
דאָס צעשמאָלצענע גאָלד פון דער זון
איז שוין אָנגעגאָסן פול
אין קרישטאָלענע עמערס.
דאָס קלויסטערשע קלינגל
פאַלט און וויברירט אין אָוונט־דעמער
ווי אַ שטיינדל אין וואַסער.

דאָס עלנטע ייִדישע ייִנגל
שטייט אַ פאַרגאַפטער, אַ בלאַסער —
באַטויבט און פאַרשטיינערט —
דער עלנט אַליין
אין זיין גאַנצן אומגעהויער.
ער קען נישט באַגרייפן
די שיינקייט און דעם טרויער
פון דער שקיעה־שריפה,
וואָס האַלט זיך אין לעשן,
און ס'שטילע, אינזיכיקע העשען
פון פּוילישן מיידל —
זײַן רעטער.

די בלוטיקע פלאַמען פון זונפאַרגאַנג
לעשן זיך שטום אויף זײַנע הענט,
און ס'לעשן זיך אויכעט די שאָטנס
אוים אויף די ווענט.

אין גראָעז, פֿאַרטונקלטן שײַן
זעט ער,
ווי זי ווערט מיט נאַכט אויף דו,
און אים,
עפּעס פֿרעמדס, עפּעס ווײַטס...
און שפּעטער
אין צער פֿון צעשיידן
קען ער נאָך אַלץ נישט דערגיין:
ווער איז זי אַליין?
צי איז זי די ליבע
וואָס פֿרעגט נישט בײַ קיינעם,
צי איז זי —
דער קרייץ?

וואַרשע, סעפּטעמבער, 1966

באַלאַדע

פון די פאַרבלאָנדזשעטע ייִדן אויפן ייִדישן פּלעצל

ווער האָט עס די ייִדישע געסלעך,
די וואַרשעווער, טונקעלע, שמאָלע,
וואָס טרעטן נישט אָפּ — אומפאַרגעסלעך —
דאָ איבערגעפּלאַנצט ווי אין חלום?

ס׳בטלניש געשטיי אויף די ראָגן,
די הײַזער פון וויכער צעבלאָזן —
גענומען און איבערגעטראָגן
און אויפגעשטעלט בחיפזון.

אין שיטערן טאָגליכט, אין מושב —
אַ בודקע, אַ שפּײַזקרעמל, קלייטן...
אַ לויפן, אַ שנאַפּן, אַ טוישן...
די אַלטע דאגות און פרייד.

שטיקלעך פון גאַסן, פראַגמענטן
פון מערק ווו, פון פלעצער פאַרנעפּלט,
וואָס ליגן אין אַש שוין — פאַרברענטע —
לעבן צוריק זייער לעבן.

עס איז נישט צו גלייבן די אויגן!
עס וויקלט זיך אויף — אַ מגילה:
געשטאַלטן וואָס זענען פאַרפלויגן,
פון נאַלעווקעס, גזשיבאָוו, פון מילע...

וואַרשעווער ברייטלעך מיט קימל,
אַ קעזל, פאַראײַלעצטע הערינג;
דער זעלבער פאַרטרויערטער הימל
וואָס קאָן שוין אַנדערש נישט ווערן.

אַ ספרים־האַנדל, אַט איז עס
פון פראַנטשישקאַנער אַרויסגענומען.
די ייִדישע ביכער, מזוזות
מיטן אַלטן שפּינוועבס פאַרשפּונען.

אַ בשמים־קראַם, פלוימען און טייטלען,
ראָזשינקעס, צימרינג און מאַנדלען.
די ייִדישע ווײַבלעך מיט שייטלען
ווי אַלע מאָל דינגען זיך, האַנדלען...

אַט קלײַבן זיי אייער אַ מענדל,
אין קיישל צאַפּלט דאָס קאַרפּל;
באַטאַפּן אַן אָפּגעפּליקט גענדזל
מיט אַ פאַרשאַרצטן אַרבל.

זיי אַרט נישט דער גענדזלערינס שווערן...
זיי דרייען די הענט אויס בײַם קלײַבן.
— ז׳עלן האָבן אַ שבת, זי הערן,
די פינגער צו לעקן...
— יאָך גלייב אין...

זיי רעדן דאָס זעלביקע לשון,
מיט אַלע טעמים און חנען,
פון די וואָס זענען פאַרלאָשן,
פון די וואָס מע דאַרף נאָך באַווײנען.

מיטן שכל נישט צו באַגרײַפן!
ייִדן מיט בערד נישט גערירטע,
מיט געלאָקטע פּאהלעך שטײַפע...
נישט אַנדערש — גילגולים פאַרפירטע,

וואָס קאָנען קיין תיקון נישט האָבן
צוליב די פאַרשניטענע יאָרן
און אַליין זיך אויסגעגראָבן
פון די פאַרהוילענע קברים.

איצט האָווען זיי, דאַווענען, עסן,
מיסחרן, מעקלען, ווי תמיד.
זיי האָבן אַליין שוין פאַרגעסן
וואָס מיט זיי איז פאַרגעקומען.

דאָס זענען די ייִדן — כ׳דערקען זיי —
פון בעלזשעץ, טרעבלינקע, פון שייטערס.
איך פאַל צו זיי צו... איך דערמאָן זיי
דאָס וואָרט אין דער גסיסה, דעם נדר...

איך רעד צו זיי שטרענג ווי אַ ריכטער:
— וואָס טוט איר נאָך דאָ אין דער ענגשאַפט?
ס׳קאָן אַ כוואַליע אַן אומגעריכטע
אײַך ווידער חלילה פאַרשווענקען.

זיי דאַכט זיך, ס׳איז ס׳לעבן אַ שפּילכל
און ברומען זיך אונטער צופרידן.
זיי גייען געלאַסן אין שילכל
צו קבלת־שבת די ייִדן.

זיי אײַלן זיך, שײַנען און העלן
און נעמען אין וועג מיך מײַדן...
נאָך הבדלה, מערצישעס, וועלן
זיי קאָנען מיט מיר ריידן.

איך פיל אַ שרעק. איך בין זיכער:
דאָס אַלץ איז דאָ בלויז אויף אַ ווײַלע;
ס׳קאָן ווידער אַ שפּיל טון דער וויכער
און מיך לאָזן צוריק אין אבלות.

ס׳פאַרציט זיך דער הימלדעק אויבן,
דאָס פלעצל שווימט אָפּ, ווערט דערווײַטערט.
אין שבת־פּלאַם לײַכטן די שויבן
מיט אָפּשײַן מיט רויטן פון שײַטערס.

פּאַריז, מאַרץ, 1951

באַלאַדע

פון ייִדישן ליד און לײַטישן ייִד

דאָס היימלאָזע ייִדישע ליד
בלאָנדזשעט איבער פּאַריז.
יעדער לײַטישער ייִד
די טיר פאַר אים פאַרשליסט.

אַזוי פיל ליכט אין זײַן שטוב!
אַ רחבות, אַ שלווה און רו.
דאָס ייִדישע ליד קומט פון גרוב,
אין טראַנטעס אַזאַ ס'איז, ווי דו —

צעשויבערט, באַוואַקסן, פאַרשטויבט —
אַ שרעקבילד — פינצטער און גרויס.
דער שיינער ייִד מאַכט זיך טויב:
— וואָס קומט פון דעם אַלעם אַרויס,

כ'דאַרף וועטשערע עסן אַצינד
און פרייען זיך מיט מײַן ווײַב,
זיך שפּילן אַ ביסל מיטן קינד
און אַ קערטל — אויף צײַטפאַרטרײַב...

נישטאָ מער קיין אָרט דאָ אין הויז —
בײַ מיר דאַרף געמיטלעך זײַן, העל...
ווי קאָן מען גאָר לאָזן אַזוינס
אַרויף אויף אַ ייִדישער שוועל?

— אַנטשולדיקט, זײַט מוחל, ר' ייִד —
שטאַמלט דאָס היימלאָזע ליד —
כאָטש איר זענט ווי קורח — רײַך,
צו מיר אָבער זענט איר נישט גלײַך.

בײַ מיר איז די לויטערע שײַן,
בײַ אײַך — בלויז דער אָפּשײַן, נישט מער.
קוקט בעסער אין שפּיגל אַרײַן
דערגיין וועט איר ערשט — וער ס'איז ווער.

שמייכלט דער ייִד, ווי דער נאַר
וואָלט אים געוועזן געשטופּט,
און ס'היימלאָזע פּליטים-ליד שאַרט
דערוויַיל זיך אַרויס פון זײַן שטוב.

און דער שיינער ליַיטישער ייִד
כאַפּט די טיר און פאַרשליסט...
בלאָנדזשעט דאָס ייִדישע ליד
היימלאָז איבער פּאַריז.

פּאַריז, פעברואַר 18, 1952

באַלאַדע

פון לאַנד וואָס ווייסט נישט פון קיין פּלאָגן

איך קען אַ לאַנד וואָס ווייסט נישט פון קיין פּלאָגן,
ס'איז פול מיט גליק וואָס יעדער קוקט עס אויס.
ווו ס'ליגט דאָס לאַנד? ס'איז בעסער נישט צו זאָגן,
נישט שטערן ס'זאָל די רו ביי אייך אין הויז.

די מענער שאַרן גאָלד דאָרט — נישט צום גלייבן! —
און זיצן אויף די פולע פעסער גאָלד.
די פרויען — שיינע, אייביק יונג פאַרבלייבן,
ווי מיר דאָ אַלע וואָלטן עס געוואָלט.

מע לעבט אין ווילטאָג — ממש אַ גן־עדן,
קיין גרעסער גליק איז, דאַכט זיך, נישט פאַראַן.
נאָר קומט מען אָן אַהין — נעמט אַלץ זיך בייטן,
פון גליק ביז אומגליק —זעט מען— איז אַ שפּאַן.

דאָס לעבן איז, ווי אומעטום — פול טרויער;
מיט וויים־איך־וואָס, מיט נישט דער טאָג פאַרגייט.
אַ קנאַפּער שוצוואַל איז דער הויכער מויער
און ביטער־גאַל — איז יעדער טראָפּן פרייד.

ס'קוקט איינער אויס דעם צווייטנס טויט וואָס גיכער —
צו ירשנען ירושות — געלט און שמוק.
ס'ווערט טייל מאָל, כלעבן, זיך אַליין נישט ניחה
זיך אָנצוטרעפן מיטן צווייטנס קוק...

מע רעדט זיך איין, מע נאַרט דעם מלאך־המוות,
מע פאַרבט זיך אָפּ די האָר אויף בלאָנד, אויף שוואַרץ.
מיט זיך אַליין דאָרט יעדער טרייבט קאַטאָוועס,
ס'וויל נאָר נישט וויסן בלויז דערפון דאָס האַרץ.

מע גלייבט, ס׳וועט שטענדיק זיך אַזוי שוין פירן
דער לעבן־לאַנגוויַיל אינעם ראָזן שײַן.
מע טרײַבט פון זיך די אַלטקייט דורך די טירן
און זי — קומט דורכן פענצטער גאָר אַרײַן.

דער טראָט צעוואַקלט, אומבאַהאָלפן, ניבע —
אַ קינד אַ שוואַכס — פון פאָרן שטעטס אין קאָטש.
עס טרעפט, מע דאַרף די גאַס וועגן גיין אַריבער —
באַפאַלט אַ שרעק... גיי, נעם, צעוויין זיך כאָטש.

ביז שפּעט מע זיצט בײַם פּאָקערטיש אָן זינען —
אין גיריקן געיעג נאָך געלט, נאָך נאָך...
עס גליטשט זיך אַלץ אַפער; ס׳נעמט אַלץ צערינען,
און ס׳האָט שוין ס׳געלט די ווערט פון קבר־מאָך.

געווען איז ס׳געלט — אַ זאַלב צו אַלע מכות,
נאָר נישט צום עלנט שטיינערנעם אין ברוסט.
דעם אָפּגאָט, ס׳גאָלדן קאַלב — אַליין צעהאַק עס!
ביסט אָפּגענאַרט געבליבן — נאַקעט, פּוסט.

מיט בינענפליים געוואַקסן, זיך געהויבן,
געקליבן דאָס פאַרמעגן — שטיין צו שטיין.
ווי קאָן זיך עס אַ מענטש אַצינד דערלויבן
פון אָט אַ גוטס אַזאַ אוועקצוגיין?

מע שטאַרבט דאָרט גרויס — אויף גאַנצע צײַטונגזײַטן
ציט אויס זיך — פּעט און שוואַרץ — דער נעקראָלאָג.
און דאָך — ווי ס׳וואָלט זיך קיין שום זאַך נישט בײַטן —
נישט ניכר איז קיין סימן פון קיין קלאָג.

ס׳איז מאָדנע, ווי מע טרײַבט דאָרט אַלצדינג איבער,
אַ יובלפלאַם צעבלענדט און לעשט זיך גיך.
דער אומעט גייט אַרום דאָרט אין די שטיבער
מיט ווייכע טריט — אָן אָבל, אָן די שיך.

משה קנאַפּהייס

דאָס לאַנד פון גליק איז מײַלנווײַט פון דאַנען
און דאָך, זעט אויס, ס'וואָלט זײַן נישט מער — איין שפּאַן,
און אַלץ, וואָס איז אין יענעם לאַנד פאַראַנען,
איז אויכעט דאָ בײַ אונדז אין לאַנד פאַראַן.

בוענאָס־אײַרעס, יולי 13, 1954

באַלאַדעס

פון מײַן חרובֿער היים

באַלאַדע

פון צוויי אַלטע קאַשטאַנביימער אין וואַרשעווער געטאָ

אין חרובן וואַרשעווער געטאָ
דערזען האָב איך פּלוצעם אין הויף
פון תּפיסה ווי ס'קוקן אַרויף
צום הימל פאַרגלאָצט, צו די געטער —
צוויי ביימער מיט צווײַגן און בלעטער,
וואָס זענען דאָ נאָכן געלויף,

דעם וואַנזין־אַנטלויף פונעם שונא,
ווו ד'ערד האָט אין פײַער געגליט —
געבליבן פון טויטן־יאַריד
נישט אָנגערירט, גאַנץ, נאָר צום שטוינען —
פאַרריסן מיט זייערע קרוינען —
פון אומקום, דער טויטהאַק פאַרהיט.

וואָס טוען די שטאָלצע קאַשטאַנען
דאָ צווישן מפּולתן־ווענט
ווו ס'האָבן די שטיינער געברענט
און הײַזער געקראַכט אין די פלאַמען
מיט זייערע באַוווינער צוזאַמען
וואָס האָבן די שׂריפה געבענטשט?

איר האָט דאָ, קאַשטאַנען, אין געטאָ,
ווײַזט אויס, שוין פאַרגעסן ווי ס'האָט
צו אײַך זיך געטוליעט אַ שטאָט;
אין פרילינג האָט איר מיט די בלעטער
באַשײַנט זי, באַשאָטנט, און שפּעטער,
אין האַרבסטצײַט געטון אַ צעשאָט

די גאָלדענע בלעטער אַראָפּ זיי
צום טראָט צו פון פרויען אין קרעפּ;
אויף קינדער וואָס פלעגן אַ צעפּ
פאַרפלעכטן אַרום אײַך און האָפּסען...
ס׳פלעגט טייל מאָל דערשרעקן אַ ראָב זיי,
אַ שוואַרצער, אַ פויגלשער שוועב.

וואָס ווילן זיי איצט, די קאַשטאַנען?
צעצווײַגטע, מיט בלעטער געדיכט
זיי גרינען אַרוים אומגעריכט
פון גליוועך און טויט־פּאַנאָראַמע.
זיי שטייען אַזוי ווי געשטאַנען
זיי וואָלטן איצט פאַר אַ געריכט.

וואָס קענט איר אונדז זאָכן געהיימע —
אַנטפּלעקן, דערציילן?... איר שווײַגט.
איר שטייט אַזוי טרויעריק פאַרנייגט.
און אפשר איר, פּוילישע ביימער,
אויך א י ר האָט געוואָרפן אַן אימה
מיט אײַער געשטרעקטן געצווײַג...

איר האָט דאָך פאַרנומען מיסתמא
די פּײַנען, געוויינען, געהויל...
ס׳איז גוט אײַך באַקאַנט דאָך דער גרויל
פון קינדער, פון פרויען און מאַנען,
פון אַלע וואָס פלעגן דאָ שפּאַנען
צום גאַזקאַמער — באָרוועס און הויל.

צו אײַך דאָ אַהער מ׳האָט געבראַכט דאָך
די רעשטלעך פון אויפשטאַנד — צום וואַנט,
צו גאַנצע מישפּחות בײַ נאַנד...
איר האָט דאָך זיי אַלע באַוואַכט דאָ —
צו פוסנס אײַך זיי אומגעבראַכט מ׳האָט
בײַ טאָג און בײַ נאַכט — נאָך אַנאַנד.

און איר זענט געמיטלעך געשטאַנען,
ווי איצטער — געבליט און געגרינט,
דעם חלום פון וואַקסן געשפּינט,
א י ר ,
וואָס האָט זייער לשון פאַרשטאַנען —
איר האָט דאָך באַדאָרפן פאַרוויאַנען
און אויסטריקענען ביזן גרונט.

איצט קרעכצן די אַלטע קאַשטאַנען.
מיט זייער אומהיימלעך גערויש
זיי קלאָגן, און זאָגן נישט אויס...
אין מיר בלויז די ביימער דערמאַנען
אַז דאָ, וווּ מיין וויג איז געשטאַנען,
איז וויסט אַלץ, אוים היים שוין, אוים הויז.

וואַרשע, מאַרץ 12, 1947

דאָס קלאָגליד פון מײַן טאַטן אויפן גענשער בית־עולם

אויפן גענשער בית-עולם קוואַרטיר הונדערט זעכצן
ליגט מײַן טאַטע שמואל-יוסף, דערלעבן פון רעכטס אים

ביידע זיידעס און פעטערס, די גאַנצע מישפּחה,
די פאַרגאַנגענע דורות, פאַרקריצטע מיט שבחים —

הייסע חסידים, וואָס זענען געפאָרן מיט וואָגנס
אויף יום-טובים צום רבין קיין קאָצק, זכותו יגן...

און צום רבין קיין סאָכאַטשעוו כאַפּן שריים —
זײַנס אַ ווערטל, אַ זאָג און דעם מיין פון זײַן רעיון,

און עם ברענגען אַ היים פאַר די חסידים אין שטיבל
ביי אַ שנעפּסל מיט פלעצלעך מיט הערינג און ציבל.

מ׳האָט די יאָרן זיך אויסגעלעבט זאַט און געשטאָרבן
אין די צײַטן די גוטע נאָך — לאַנג פאַרן חורבן.

מ׳איז פאַרזיכערט געווען מיט אַ שטול אין גן-עדן
און אַן אָרט אויפן גענשער בית-עולם באַשיידן —

די פיר איילן צו ליגן אין רו צווישן ייִדן
און פאַרוויגט זײַן פון ניגון פון אייביקן פרידן.

אויך מײַן טאַטן דעם חסיד געבראַכט מ׳האָט אַהערצו
מיט יללה-באַגלייט פון צעבראָכענע הערצער.

פירנדרײַסיקסטער פרילינג געציילט האָט ער קוים ערשט
ווען דער דײַטש האָט אין גאַס אים אַ שטופּ געטון כלומרשט

ווי אויף שפּאַס און דער טאַטע איז אונטער די רעדער
פונעם טראַמוויי געפאַלן — אַ הרוג, צעשמעטערט.

ס'האָט דער טראַמוויַ געשלעפּט אים אין לויף מיט אַן אימפּעט...
אין דער היים איז די מאַמע געלעגן אין קימפּעט.

צוועלף בײַ טאָג האָט זי ס'קינד אירס, דאָס אַכטע, געבוירן,
צוועלף בײַ נאַכט איז דער טאַטע געגאַנגען פאַרלוירן.

— שמע ישראל! — באַוויזן צו טון אַ געשריי נאָך
און זײַן בלוט האָט באַפאַרבן די גאַסיקע שטיינער.

שפּעטע נאַכט. ס'פּראָסעקטאָריום. אַ זאַל, גרינע פאַלמעס.
— ווי, וואָס טוט מען? אַ ייִד טאָר נישט ווערן געפאַלמעסט!

ס'האָט די חברה-קדישא ווי שאָטנס געהיים אים
אין דער פינצטער געכאַפּט פונעם זאַל אין איין אימה

אים אַרויסגעפירט גיך פון דער טויטן-געבײַדע
און דעם טאַטן געבראַכט אינעם גבול פון דער עדה.

ס'האָט געוויין זיך געמישט מיט געזוווי פון סירענעס...
אין דער ערשטער מילחמה דאָס אומגליק געשען איז.

פאַר די דורות אין שטיין דאָ פאַרקריצט ס'איז אין גראַמען,
און יאָר-אײַן און יאָר-אויס פלעגט דאָ קומען די מאַמע,

פלעגן קומען די קינדער וואָס זענען פאַרבליבן —
פינעף ייִנגלעך, צוויי מיידלעך — די קינדער די זיבן.

נאָך איין מיידל געווען איז, די שענסטע פון אַלע —
האָט געוואָלט מן-הסתּם די פּמליא של מעלה:

אויף איר אַכצנטן לעבנסיאָר — שלאַנק, אַ צעבליטע —
זאָל זי, אסתּר, מײַן שוועסטער אונדז ווערן פאַרשניטן.

פלעגט די מאַמע אויך קומען איר טאָכטער באַוויינען,
מיט די מאַמישע טרערן איר קבר באַשיינען

ביז ן חותם פון געטאָ אויף יאָרן פּאַטאַלע,
ביזן שטורעם דעם גרויסן, דעם אומקום פון אַלע.

און ווי נאָך יעדער שטורעם — איז שטיל דאָ געוואָרן.
איצטער ווערט מען ס׳באַוויינען און קלאָגן פאַרשפּאָרן.

ס׳שײַנט אַ זון דאָ אַ ווייסטע, ווי זאַלץ איז דער רעגן.
שטום און וויסט און פאַרוואַקסן די שטעגן און וועגן.

נאָר מײַן טאַטע קאָן רויק אין קבר נישט ליגן,
יעדער חצות נעמט זײַן ניגון מײַן חלום פאַרוויגן.

און ער וויינט אויפן עלנט צו זײַן דאָ פאַרלאָזן
און ער קלאָגט, ווי עס קלאָגן די הפקרע גראָזן.

ס׳קומט נישט קיינער אַהער דאָ, קיין שומר בײַם טויער,
בלויז דער ווינט אין געראויש... טויזנטיאָריקער טרויער

שפּינט אַרום, הילט אַרום, האַלט אַרום אַלע קברים —
דאָס געשטיין און געביין ער באַהיט און באַוואָרנט,

ס׳זאָל דער הפקר נישט האָבן קיין דריסת-הרגל.
כ׳זע דעם טאַטן צו קאָפּנס מײַן קאַלטן געלעגער

(ער איז יונג און צעפּלאָמט אָט אַזוי ווי בײַם לעבן,
נישט קיין סימן פון צוריר פון הענט פון באַגרעבער).

— ווי זשע ביסטו, מײַן קדיש, נאָך יאָרן נאָך זיבן?
פון די קינדער די זיבן אַליין ביסט געבליבן

פון דער נאָענט, און כ׳וואַרט... נישט דו קומסט, נישט דו ווײַזסט זיך..
ס׳גייט אַדורך חודש אלול, ס׳גייט דורך ערב-פּסח,

נישט מע זעט דיך, נישט מ׳הערט דיך... ווי ס׳בענקט זיך שוין הערן
מיר דײַן אל-מלא-רחמים... און אײַנזאַפּן טרערן.

דו, מײַן זון, אויסדערוויילט ביסט פון פאָלק אים צו לויבן,
מיט ביטחון באַפליגלען, פון שאול אים דערהויבן,

ס׳זאָל נישט איבערגעריסן דאָ ווערן די גזע...
אפשר האָסטו פאַרגעסן דעם גאַנג פון מעת-לעתן

און דעם גאַנג צו דײַן טאַטן, די קברים-אַלייע —
פאַרגעדענק-זשע דאָס יאָר און דעם חודש — די רייע...

קום אַהער זיך פאַרטרויען דעם ווי וואָס ס׳טוט ווי דיר,
קום זיך דורכשמועסן וועגן דײַן זון און דײַן נדר...

וועגן אַלע די ספקות, וואָס רעכט און וואָס אָסור,
ווי דײַן מאַמע אַ מאָל — וועגן גליק און פרנסה.

כ׳וועל דיר ראָטן אַזוי ווי אַ טאַטע קאָן ראָטן,
כ׳וועל פאַרטרייבן פון דיר, פון דײַן זאָרג יעדער שאָטן,

און אַוועקגיין פון מיר וועסטו שטאַרק דאַן, געקרעפטיקט
און צוריק זיך מיט פאָלק און מיט לעבן באַהעפטן... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מײַן גוף דריקט די נאַכט און די קעלט און דער עלנט,
נאָר אין אָדערן ס׳בלוט וויל נישט אויפהערן קוועלן.

כ׳זע דורך פינצטערער ווײַט, דורך פאַרלוירענע שפורן,
דורך באַקברימטן פעלד, דורך מצבות-קאָנטורן —

שטאַרט אַרויס, לײַכט אַרוים אַט דער שטיין צווישן שטיינער,
וויינט דער שטיין, קלאָגט דער שטיין, קרעכצט אַרײַן אין די ביינער:

כ׳דאַרף ס׳זאָל זײַן דײַן געוויין, ווי אַ טוי אויף מײַן קבר,
ביסט דאָך בלוט פון מײַן בלוט, אבער ביסט פון מײַן אבר.

וואָהין ווילסטו פאָרן, זיך ווענדן און קערן?
הייב דײַן בליק אויף, דערקענסט נישט די היימישע שטערן,

וואָס דו פלעגסט זיי אין ווינטערנעכט קלײַבן און ציילן,
און אין חדר די יינגלעך מיט שימחה פאַרטיילן

און די אָרעמעלײַט אויף די ראָגן, ווען עלטער
ביסט געוואָרן, בר־מיצווה, אַ חתן... די וועלט דיר

האָט מיט חסידישן ברען דאָן אַנטקעגן געהאָפּסעט
און פאַרשיכורט פון פרייד האָסט געשריגן: — איך האָב זיי

אַלע שונאים, אין דר׳ערד! לאָמיר יידן זיך פרייען!
לאָמיר אויפשטעלן דורות — דער שטאַם זאָל געדייען

און נישט טראַכטן דערפון, וואָס דער שונא פאַרטראַכט האָט,
ס׳איז געגנוג בלויז, וואָס ר׳איז אונדז אין הארצן פאַראַכטעט.

און אַזוי האָבן האָפּערדיק יידן געמערט זיך
און פאַרגעסן אין פײַנט, נישט געקלערט, וואָס ער קלערט זיך...

ווען אַפילו די האַק ר׳האָט אויף זיי שוין פאַרהויבן,
איז נאָך אַלץ נישט דערשיטערט אין זיי זייער גלויבן.

משה־אַברהם, משה־אַברהם! ביסט פאַרקניפּט מיט דער עדה,
גיב אַ קוק אויף דער ריי, אויף די דורות, די זיידעס,

אויף די יידן די אַלע, די פרומע און פראָסטע,
די גדולי - הדור, די באַזינגער אָט האָסטו...

כ׳האָב געפרייט זיך מיט דיר, אויף די הענט דיך געטראָגן...
וואָס קאָן מער דען אַ טאַטע ווי מוסר־רייד זאָגן.

כ׳האָב דעם צער גידול־בנים אַזוי פיל געהאַט אים...
זאָג, אויף וועמען אַצינד לאָזטו איבער דײַן טאַטע?

פון דער גאַנצער מישפּחה — דעם בוים דעם צעצװײַגטן —
דו אַלײן ביסט געבליבן — דער שורש װאָס װײטיקט...

װער װעט קומען מיר זאָגן: — שלום לך, אָבי מורי!
און אַ פּאַל טון צום שטײן און באַװײנען מײַן גורל

און דעם גורל פון דור, װאָס באַשאַפן איך האָב אים,
ער זאָל טראָגן מײַן נאָמען דורך דורות און האָבן

אויך אַ חלק אַ גלײַכן אין פאָלק, אין זײַן קיום,
אין זײַן אױפשטײַג־ניסיון, אין װעלקן און בליִען...

אָט אַזױ רעדט דער שטײן און איך הער װי פאַרמישפּט.
כ׳זע די שטוב: די קרעדענץ, די צװײ שענק און דאָס טישבעט —

מײַן געלעגער צעװאָרעמט פון מײַנע חלומות.
אַלצדינג בלאַנקט דאָ, אױף יום־טוב די שטוב אױפגערױמט איז.

ס׳איז די ערשטע נאַכט פּסח. צום סדר געגרײט איז.
ס׳ברענען ליכט אױפן טיש, נאָר דער פלאַמענשײַן װײַט איז,

דאָ בײַם טיש זיצן אַלע — די גאַנצע מישפּחה,
ס׳איז די מאַמע —אַ פרײדיק־צעשײַנטע — פאַרפאָרעט...

אירע הענט, איר געזיכט, װי דאָס ליכט אַזױ לױטער,
סאַראַ פרײד אין די אױגן בײַ אַלע!... איך שױדער...

כ׳װײס זײ זענען דאָך טױט, נאָר איך מאַך זיך נישט װיסן...
יעדער אײנער דערצײלט מיט אַ פרײד אַזאַ זיסע,

װי אַזױ ר׳האָט פון טױטקלעם אַרױס זיך געריסן,
װי אַ מאָל ס׳פלעגט דער טאַטע דערצײלן די ניסים

פון יציאת־מיצרים... דערצײלט מומע לײטשע:
— „נאָכן שיסן כ׳שטײ אױף... כ׳זע: עס שטױנען די דײַטשן...

און איך גיי זיי פֿאַרבײַ — אַזאַ שטאָלצע און גלײַכע,
און נאָך מיר שטייען־אויף אַלע ייִדן און שלייכן

זיך אַוועק פֿונעם גרוב, ווו מע האָט זיי דערשאָסן,
און בײַם גרוב, וואָס מיר האָבן אים נאָר וואָס פֿאַרלאָזן,

בלײַבן איבער די דײַטשן בלויז — שוואַרצע ווי שאָטנס...
אָן אַ וואָרט זיי פֿאַרזינקען און ווערן פֿאַרשאָטן...

און מיר גייען אַהיים און אָט בין איך געקומען.
אויף דער האַנט איז מיר איבערגעבליבן דער נומער"...

ס'זעצט די מאַמע זיך צו אויבן אָן קעגן שפּיגל
און שפּרייט אויס אירע בלענדיקע הענט ווי די פֿליגל.

מיט איין האַנט נעמט זי טאָבטשען אַרום, מיט דער צווייטער
נעמט זי מישקען אַרום — אירע טרײַע באַגלייטער

אויפֿן וועג ביז טרעבלינקע, ווו מ'האָט זיי, די טעכטער,
מיט דער מאַמען צעשיידט, ווײַל זיי האָבן די וועכטער

גלײַך אין פּנים געשפּיגן... — „כ'האָב אײַערע געוויינען
און געשרייען געהערט, אוי, געהערט, טעכטער מײַנע.

אײַער פּײַן און געוויין האָט פֿאַרהילט אײַער מאַמען,
ס'האָט מײַן לײַב מיר געקילט, מיך געשיצט פֿון די פֿלאַמען

און כ'בין גאַנץ —שײַנט די מאַמע— אַרויס פֿונעם שײַטער.
פֿאַרברענט האָבן בלויז זיך אויף מיר נאָר די קליידער"...

מײַנע ברידער די צוויי פֿאַר אַ מאָל זיך צערעדן:
— „מ'האָט אונדז אויסגעלייגט רייענווײַז... נאָך דעם געטרעטן

מיט די שטיוול אויף אונדז ווי אויף שטיינער... און שפּעטער...
אונדז באַגאָסן מיט סמאָלע... באַלייגט אונדז מיט ברעטער...

שיכט אויף שיכט... רײ נאָך רײ... נאָר אונדז נעמט נישט דאָס
פײַער...
ס׳האָט די סמאָלע געברענט... מיט די ברעטער... די רײען...

און דער ווינט האָט דאָס פײַער געריכט אויף די דײַטשן
און געשמיסן אין פּנים זײ גלײַך ווי מיט בײַטשן״.

שטײ איך אויף, כ׳קוק זיך אום און איך ציטער אין גאַנצן:
— „זאָל דאָס אָרט, וווּ איך שטײ, זאָל דאָס אָרט אונדזער ראַנד זײַן!

פון דעם שטאָם דעם צעצווײַגטן, צעבלעטערטן, גרויסן
זענען מיר בלויז אין דרײַען געבליבן פון אויסן,

מיר, די ברידער די דרײַ — איר געדענקט זײ מסתּמא —
כיל דער עלטסטער און מאָטע דער ייִנגסטער — פון דאַנען

זענען ווײַט... אין די לאַגערן כיל איז פאַרוואָגלט
דאָרט געוועזן — מיטן גוף צו דער נאַרע פאַרנאָגלט,

מיטן ווײַב מיט די קינדער אויף ערד וואָס אין חרם.
נישט קײן אויסוועג געוועזן איז, קײן אַנדערע ברירה.

ס׳האָט די חרפּה נישט אויפגעהערט ברענען און בריִען,
און אַוועק מיט דער שיף מיט דער פּליטים־עליה.

אונדזער ברודער דער ייִנגסטער אַוועק איז באַצײַטנס
און געפינט זיך ביז הײַנט אין דעם לאַנד, וואָס פאַרבײַטן

וועלן מיר עס מער קײן מאָל נישט מיט קײן שום אַנדער,
דאָרט דער ברעג איז פון אונדזער לאַנגיאָריקן וואַנדער,

און ער רופט מיך אַהין און באַשווערט מיך, כ׳זאָל קומען...
נאָר פון אָט דער מינוט, ווייסט, איך האָב נישט קײן רו מער,

ווײ, ווי קאָן איך אײַך אַלעמען לאָזן דאָ איבער,
ווער וועט וואַכן אויף אײַך, ווער וועט היטן די גריבער,

די, וואָס זענען פאַראַן און וואָס זענען פאַרהוילן,
ווער וועט קומען צום שטיין אויפן גענשער בית־עולם?

ווער וועט קומען און זאָגן: — שלום לך, אָבי מורי...
הייסט מיך אַלע דאָ בלײַבן — מיט אײַך איז מײַן גורל,

מיט מײַן גורל איז אײַער געדעכעניש אייביק.
וואָס זשע קוקט איר אויף מיר מיט פאַרשניטענעם ווייטיק

וואָס זשע שווײַגט איר פאַרביסן, וואָס זענט איר פאַרטרויערט?
ס'הייסט דער טאַטע מיך בלײַבן, און איר?... איר באַדויערט,

וואָס כ'געפין זיך מיט אײַך דאָ אין ליכטיקן חדר,
און איך טראָג אויף זיך גלותדיק־וואָכיקע קליידער...

ווו צערינט איר? איך זע אײַך נישט? ווו זענט איר אַלע?... —
ס'בלענדט אין חושך אין אויג מיר אַ קניילעכל שטראַלן.

כ'שטיי פאַרלאָזט פון דער גאַנצער מישפּחה־קדושים,
און פון גענשער בית־עולם דערטראָגט זיך דאָס רוישן

פון די ביימער־אַלייען און קברים־אַלייען,
און פון טאַטנס געוויין — כ'קאָרטשע אײַן זיך אין דרײַען.

כ'בין דער דור אויפן שיידוועג פון צווייערליי וועלטן,
ווער ס'וועט וועלן מיך בענטשן, און ווער — מיך פאַרשעלטן.

ס'האָט דער פרילינגווינט פרײַ מיר די טיר אויפגעעפנט,
נאָר איך קאָן דאָרט אַהין צו דער טיר מער נישט טרעפן.

לאָדזש, דעצעמבער, 1947

באַלאַדע

פון וואַרשעווער געטאָקינד

פון אומשלאַגפּלאַץ*, פון זאַמלפּונקט —
אַ ן עסן, אָ ן אַ בים, אַ טרונק —
אין פראַכטוואַגאָנען אָנגעפּראָפּט
מיט פאָלק, מיט יונג און אַלט — גייט אָפּ
דער טויטטראַנספּאָרט. ווי יעדער טאָג
פון וואַרשע קיין טרעבלינקע יאָגט
דער יידנצוג, דער טויטנצוג.
די פענצטערלעך, די טירן — צו,
פאַרשפּאַרט, פאַרשטיקט — קיין טראָפּן לופט.
מע שרייט, מע קרעכצט, מע וויינט, מע רופט...
נאָר קיינער הערט נישט זייער רוף.
אָ ן אָפּשטעל לויפט דער צוג, אָ ן רו
מיט פרויען, מאַנצלייט, קינדער... פּעק.
ס׳איז שווער דער וועג און פרעמד דער וועג
און אומבאַוווּסט און אומבאַשטימט
דער גורל פירט זיי אַלע בלינד.
אַ מאַמע דריקט איר קינד צו זיך,
ס׳איז געל און בלאָ דעם קינדס געזיכט.
זי שעפּטשעט אויסטערלישע רייד:
— מײַן ליכטיקייט, מײַן גליק, מײַן פרייד...
ווער קאָן זי טרייסטן אין איר צער?
דאָס קינד איז טויט, אָ ן אָטעם, שטאַר.
זי לאָזט עס נישט פון האַנט אַראָפּ.
אַן אַלטער שלאָגט אָ ן וואַנט דעם קאָפּ.

---

* דאָס זאַמלאָרט, ווו די דײַטשן האָבן צונויפגעקליבן די יידן אָפּצושיקן זיי אין די טויט־לאַגערס

אַ מיידל רײַסט פֿון זיך דאָס קלייד,
און איינער דאַוונט שטילערהייט.
ס׳שנײַדט אײַן זיך שאַרף אַ קול אַ האַרבס:
— ראַ־טע־ווּעטס!... די מאַמע שטאַרבט!...
און דאָרט בײַם פֿענצטערל אין הויך
פֿאַרעקשנט עמעץ פּרוּווט זײַן כּוח,
ער רײַסט און רײַסט און טרעט נישט אָפּ.
דער שווייס פֿון אים רינט — טראָפּ נאָך טראָפּ.
אַ פֿעסטער יונג מיט קודלעס האָר —
ר׳האָט אויפֿגעריסן ס׳פֿענצטער דאָרט.
אַ שטראָם פֿון ליכט און לופֿט האָט זיך
אַ גאָס געטון אויף זײַן געזיכט.
און מיט די בלויזע הענט ער האָט
ווי מיט אַ בײַסצוואַנג שוין דעם דראָט
פֿונאַנד געריסן... און דער ווינט
אים לאַשטשעט זײַנע האָר אַצינד
און רופֿט אים: — היידאַ! גיכער!... שפּרינג!...
נאָר ס׳רירט זיך נישט פֿון אָרט דער יונג.
און ווי אין נאַכט אַ פֿײַערפֿונק
לײַכט אויף אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג...
און עמעץ איז שוין אין דער העלפֿט
אויף יענער זײַט, ווו וועלט איז — וועלט.
און ס׳לויפֿט מיט רעדערטראַסק די באַן —
לויט היטלערס פּלאַן, לויט אייכמאַנס פּלאַן —
און פֿירט די ייִדן, פֿירט און פֿירט
פֿון וואַרשע קיין טרעבלינקע...

ס׳שפּירט

זיך שוין דער ריח פֿון פֿאַרלענד,
פֿון מענטשנפֿלייש וואָס ווערט געברענט.
עס אַנען דאָך אַפֿילו שאָף
און פֿילן פֿאַר געפֿאַר, דעם סוף...
— איי, גיכער! גיכער! גיכער! שפּרינגט!...
צעהיצט, צעקאָכט ער שרײַט, דער יונג.

די האָר צעפּאַטלט פונעם ווינט.
עס שווינדלען קעפּ און פּיס... עס שווינדט
די גרינקייט פון אַ פעלד, אַ וואַלד...
אַ שפּרונג — אַ פאַל, אַ שפּרונג — אַ פאַל...
און רעדערדויש און קוילנשטעפּ
פאַרמישן זיך מיט פּיס, מיט קעפּ...
און ס׳רײַסט דער צוג און לויפט און יאָגט...
ווי יעדער טאָג, ווי יעדער טאָג.

***

ס׳האָט קיינער נישט באַמערקט מיסתם,
ווען מ׳האָט געפירט פון געטאָפּלאַם,
פון פלאַמען־ים, פון שריפה־בראַנד,
די לעצטע רעשטלעך נאָך אַנאַנד —
די לעצטע ייִדן — שפּאַן נאָך שפּאַן
צום אומשלאַגפּלאַץ אַוועק, צום באַן.
דער שלאַנקער יונג איז צווישן זיי
געגאַנגען אין דער ערשטער ריי.
די פּאַטלעס האָר פאַרקלעפּט מיט בלוט,
מיט בלאָע צייכנס פון אַ רוט
פאַרשניטן אויפן פּנים, האַלדז.
אין בליק בלויז האָט געשפּילט אַ שטראַל
פון אונטערגייענדיקן טאָג.
ס׳האָט קיינער נישט געהערט זײַן זאָג,
נישט זײַן באַפעל... די לעצטע רייד
צום ווײַב וואָס שלעפּט זיך בײַ דער זײַט
און טראָגט אין דער פאַרקראַמפּטער האַנט
דאָס קינד אירם אינעם טשעמאָדאַן.
ס׳איז דאָך געוועזן שוין נאָך דער שלאַכט,
דער לעצטער, ווען ס׳האָט אומגעבראַכט
זיך אַנילעוויטש פונעם שטאַב,
— וואָס האָט די אָנגרייפערס צעקלאַפּט —
דער יונגער העלד, דער קאָמענדאַנט
פון אויפשטאַנד וואָס האָט אויפגעפלאַמט

מיט קאַמף אין ערשטער פּסח־נאַכט
און וואָכן זעקס האָט אַלץ די שלאַכט
אין געטאָ אָנגעהאַלטן ביז
געפאַלן זענען — ריז נאָך ריז —
די געטאָהעלדן נאָך אַנאַנד
ביים אויסברען פון דער לעצטער וואַנט
און זייער רום איז מיטן פלאַם
פאַר זייערע אויגן אויפגעגאַן.
זעט אויס, דער גורל האָט געוואָלט,
דאָס לעצטע רעשטל פון אַ פאָלק
פאַרלאַדעוועט זאָל ווערן פאָרט —
אין לעצטן אויפשטענדלער־טראַנספּאָרט;
זאָל דורכמאַכן דעם זעלבן וועג
פון וואַרשע קיין טרעבלינקע...

פרעג

נישט מער פאַר וואָס אָט גראַד אַ טויט
וואָס מוז זיך ענדיקן מיט: — א־ד־י!...
מיט לעצטן אָטעמצוג פון פּיין
דורך וועלפהינט בייז צעררייצט פאַרביי
געטריבן נאַקעט קעגן שיין
פון טאָג אין גאַזקאַמער אַריין;
צו שטאַרבן אָט אַזוי ווי ס׳פאָלק
געשטאָרבן איז אָן זין, אָן טאָלק —
צעריבן און צעשטויבט אויף אַש...
נאָר ניין! דער יונג דערפילט קוראַזש
אַן איבערמענטשלעכן אין בלוט.
ער גליט אין גאַנצן — איין שטיק גלוט.
ס׳וועט קיינער ווי די שאָף נישט גיין!...
ער רייסט די צוים מיט נעגל, ציין,
דעם דראָט אַדורכגעריסן קוים
(ווי פריִער איז באַשריבן שוין),
צעפיבערט שרייט דער יונג מיט שוים:
— נישטאָ קיין צוים! נישטאָ קיין צוים!

ס׳איז פרײַ דער וועג שוין פון וואַגאָן!...
און ווידער צינדט דאָס וואָרט איצט אָן,
דאָס וואָרט פון יונג, פון געטאָהעלד,
און ווידער איז באַפעל — באַפעל.
נאָר זי, זײַן ווײַב — געשוואָלן, שווער,
זי ווייסט אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר, זי הערט.
נאָר יונגע מאַמע מיטן קינד
צונויפגעקאָרטשעט זיצט, ווי בלינד,
פאַרגליווערט און מיט בײדע הענט
איר יינגעלע זי האַלט פאַרקלעמט.

איר יינגעלע האָט לאָקן־האָר
און קאַרשן־אויגענעס — אַ פּאָר.
אין אויפשטאַנד האָט ער צודערלאַנגט
דעם טאַטן קוילן — שטום, אָן קלאַנג;
געברענגט אין קעסעלע געקעכץ...
ר׳האָט נישט געטון קיין פּיפּס, קיין קרעכץ
ווען ס׳האָט אין בונקער * אים דער רויך
געשטיקט אין האַלדז... און שפּעטער אויך
ווען מ׳האָט געטריבן צו דער באַן —
געשוויגן אינעם טשעמאָדאַן
און נישט געטון זיך קיין באַוועג
דעם גאַנצן ברענענדיקן וועג.
אַ יינגעלע אַ גוטס אַזאַ,
אַן אויסגעהיטנס פון געפאַר.
אַ יינגעלע אַ גאָלדן קינד
און דאָס דאַרף אומקומען אַצינד...
— נו, מאַמעשי! דער טאַטע רופט!...
מע דאַרף שוין שפּרינגען... קום שוין, נו...
נאָר אַז די גלידער זענען שווער
און ס׳שפּאַרט פון אויג אַ לעצטע טרער,

* באַהעלטעניש

אַ נישט־אַרויסגעוויינטע טרער,
איז שעפּטשען ליפּן בלויז: — איך הער...
איך הער, מײַן קינד, איך הער... איך הער...
נאָר ס׳פֿאָלגן נישט די פּיס שוין מער...
און ווי יוכבד האָט אַ מאָל
אין קעסטעלע פֿון פּימסנהאָלץ
אַרײַנגעלייגט איר שיינעם זון,
איר אייגן קינד, איר משה, און
אַוועקגעלאָזט אים אויפֿן טײַך...
אַזוי האָט איצט די מאַמע גלייך
מיט לעצטע כוחות — שטיל און שטום
דאָס זעלבע מיט איר קינד געטון.
די מאַמע עפֿנט דעם וואַליז
און לייגט דאָס קינד אַרײַן — די פּיס
צונויפֿגעקאָרטשעט, אײַנגעדרייט.
אַוודאי ווייסט עס און ס׳פֿאַרשטייט,
דאָס קינד; ס׳רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט.
עס נעמט פֿאַר ליב די שווערע וואָר.
זײַן לעבן איז אין אים געווענדט.
ס׳פֿאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט.
דער מאַמעס בליק איז פֿינצטער, ווייסט
און שלינגט אים אײַן פֿון קאָפּ ביז פּיס...
פֿון אירע אויגן קוקט די שרעק...
פֿון זיך אַליין פֿאַלט צו די דעק.
מיט ציטערדיקע הענט, מיט אַנגסט
פֿאַרקלאַפּט די שלעסער און דערלאַנגט
אַרויף דעם שווערן טשעמאָדאַן...
אַ הייב, אַ שיב, אַ וואָרף פֿון באַן...
און ס׳רײַסט דער ווינט און וואָיעט ווייסט.
די מאַמע שטייט פֿאַרשטאַרט און שליסט
די אויגן צו, פֿאַרשליסט די ציין:
ס׳איז קוים אין טשעמאָדאַן אַרײַן...
און פֿאַלט אויף הינטערוויילעכץ אָפּ.
דער יונג דערהאַלט זי פֿאַרן קאָפּ,

ער שרײַט, ער וויינט, ער בעט: — געשווינד!
דערבאַרעם זיך... דאָס קינד... דאָס קינד...
זי פליסטערט: —כ'קאָן נישט... זעסט דאָך... שפרינג!...
נאָר ס'שפרינגט שוין נישט דער יונג אַצינד.
ווי קאָן ער לאָזן אין וואַגאָן
אויף גאָטס באַראָט דאָס ווײַב זײַנס אָן
איר מאַן, אָן אים, זי איז דאָך איצט
פאַרצווייפלט, הילפלאָז, אומבאַשיצט.
ער נעמט זי פעסט אַרום: — מײַן ווײַב . . .
דו דאַרפסט מיך מער... איך בלײַב...
— דו קאָנסט מיר גאָר נישט העלפן, ניין . . .
ווי לאָזסטו איבער ס'קינד... אַליין
אין פעלד, אוי, ווי, אין מיטן וועג...
ס'וועט אויסגיין דאָרט אָן לופט — אַ שרעק!...
וואָס טוט זיך מיט דיר, וואָס?... ס'כאַפּט אָן
אַ גרויל!... נעם, שפרינג!... און פון וואַגאָן —
ווי אין אָן אָפּגרונט וואָס פאַרשלינגט —
שפרינגט נאָך דער טאַטע נאָך זײַן קינד... — — —

— — — — — — — — — — — —

איצט זיצט דאָס יינגעלע פאַר מיר,
זײַן שטומער בליק איז צו דער טיר
געווענדט, ווי ר'וואָלט דערוואַרט פון דאָרט
זײַן טאַטן מיט די פאַטלעס האָר.
ער קוקט מיט אויגן — קלוג און אַלט:
— אַ סך פאַרהוילן האָט דער וואַלד...
נאָר מער נאָך אויפן באַנוועג איז
געבליבן.

און אָן אַלטער קריסט
פאַרבײַ איז שפּעטער אָט דעם וועג.
דעם טשעמאָדאַן, ווי אַ פאַרמעג —
אַ גרויס געווינס, צו זיך אַהיים
ער האָט געבראַכט און אין געהיים

די שלעסער אויפגעהאַקט און גאַר —
דערזען אַ יונג מיט שוואַרצע האָר.
דער אַלטער האָט זײַן ווײַב אָן רייד
גערופן אין אַ זײַט מיט פרייד,
און אויף איר קוק — דערשראָקן, בייז —
זיך נישט פאַרלוירן: — הער, איך ווייס
וואָס כ׳טו, זײַ רויק, שווײַג, מײַן ווײַב,
פאַרטרײַב פון זיך דאָס שלעכטס, פאַרטרײַב...
האָר גאָט האָט ס׳קינד אונדז צוגעשיקט...
ס׳וועט ברענגען גליק דיר, ווײַב מײַנס, גליק...
און אים אַ נאָמען האָט דער מאַן
געגעבן: משה טשעמאָדאַן.

**
*

און אויב, ווער ווייס, זײַן טאַטע לעבט,
פון באַנוועג זיך אָוועקגעשלעפּט...
און איז אַצינד פאַרוואָרפן ווו
און האָט פון בענקשאַפט נישט קיין רו —
וועט אפשר אים אַ מאָל דער ווינט
פאַרטראָגן אָט דאָס ליד פון קינד,
און ער, דער טאַטע, וועט דערגיין:
ר׳איז מער נישט אויף דער וועלט אַליין.
זײַן שטאָם איז דאָ! זײַן קינד איז דאָ!
ווי ער אַליין — מיט קודלעס האָר.
זײַן קינד, וואָס ס׳האָט דער טויט פאַרפאָלגט —
זײַן קינד געהערט דעם גאַנצן פאָלק.

לאָדזש, אָקטאָבער, 1946



באַלאַדע

פון פוילישן ייִד אויפן סאַנפּאַולער יאַריד

דער טומל, געקאָך פון סאַנפּאַולער קעסל
מיט פיבער טראָגט גיך זיך פון געסל צו געסל.

מע שטייט דאָ מיט בייגל, מיט גרינס, שאר־ירקות,
מיט חלות, מיט וועגעלעך אויבם אויף די ראָגעס.

דער רויש און גערודער צעשוימיקט, צעכוואַליעט.
אַ פישער אַ כאַפּ גיט אַ פיש פון דער באַליע

מיט וואַסער. די קאַרפּן זיך צאַפּלען און וואַרפן.
אַ ייִד גייט פאַרביַי מיט אַן „אָמר ר׳ טרפון״.

די הענדלערס פאַרהאַוועט, אין האַנדל פאַרשמיַיעט:
— וואָס האָט איר? אַ זייגערל... וויַיזט נאָר... ווי טיַיער?

דער פּריַיז שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ פּיַיער.
דער סוחר פאַרשטעקט אינעם דזשונגל, פאַרטיַיעט

אין לויער, צו האָבן אַ פאַנג אַזאַ פּעטן —
דאָס לייזעכץ פון טאָג, און דער ריווח שוין וועט אים

פאַרבלענדן אויף ס׳ניַי זיַינע אויגן־חלפים,
אים האַלטן פאַרכישופט מיט כלערליי שטאָפן,

מיט בלוזקעס, זשאַקעטלעך, מיט ניילאָנע העמדער.
ער זעט נישט צו מאָל אַז אין שטאָט איז אַ פרעמדער

געקומען פון וויַיטן מיט וועגן געהיימע
און וואַרפט אויף דער שטאָט אָן אַ מורא, אַן אימה.

אין ענגן געשפּאַר, אין הו־האַ פון די גאַסן —
ווער זעט זײַנע טריט דען, זײַן שפּאַנען געלאַסן?

ס׳שווימט אויף זײַן געשטאַלט, וואָס שרעקט אָפּ מיט זײַן הילך,
אי אומהיימלעך באַנג, אי התלהבותדיק פריילעך.

דאָס פּנים צעשמיסן פון ווינטן און קעלטן
אַזוי ווי געקומען פון אַנדערע וועלטן.

ווער איז ער, דער פרעמדער, געהיימענישפולער,
וואָס דרייט זיך אַרום דאָ אַזוי ווי אַ דולער —

באַוואָקסן, צעפּלויגן, מיט תהומיקע אויגן?
אַט גייט ער אַ שטאָלצער און אָט ווי געבויגן.

אַט לויפט ער אַזוי ווי פון ברעניקע סדומען,
ווי ס׳וואָלטן אים נאָכגעיאָגט גיפטיקע שטראָמען.

און אָט שטעלט ער פאַרזיכטיק טריט, ווי אַ בלינדער,
פון יאוש פאַרקלעמט נאָך פאַגראָמיק געפלינדער,

נאָך שווערדיקן קעפּן פון רײַטער־קאָזאַקן.
געוואָלט האָט ער טרעפן אַ וועלט כולו־זכה,

נאָר וויי, צום באַדויערן — חיה בלײַבט חיה,
געטראָפן אַ סדומישע וועלט — כולו־חייב,

אַ קליקע, פאַרדאַרבן — נאָר שטעל זי צום מישפּט!
דער יושר אַרום איר — נאָך קוים וואָס ער זשיפּעט —

אַ לעצטער פאַרבליבענער צאָן בײַ אַ זקן.
ער טשליאַפּעט אַרום, ווי אַן אָבל אין זאָקן,

ווי אַנסקים משולח מיט זעקל און שטעקל,
פאַרמאָגט נישט זײַן אייגנס די ווערט פון אַ ברעקל.

דאָך שטראַלט עס פון אים ווי פון שר פון די שרן.
ער איז נישט געקומען מיט לאַפּעטעס שאַרן

דאָס גאָלד פון בראַזיל און עס שטופּן אין טאַשן,
נישט זיצן אין באַרן און זויפן און נאַשן,

זיך טוליען צו פרויען, וואָס זענען דאָ ביליק,
און וואַלגערן זיך, ווי אין מיסט, אייגנוויליק.

אַ נזיר, אַסקעט — ר׳איז נישט טועם, נישט נתנה
פון ווּילטאָג און גוטס פון סאַנפּאַולער גיהנום.

ער שטייט אַ געשטרעקטער, די אויגן פאַרהויבן,
פאַרשטויביקט נאָך אַלץ מיט די וואַרשעווער שטויבן

פון חרובן געטאָ, נאָך יאַמערטאַל-קלעטער,
און מישט נאָך אַנאַנד פון זיכרון די בלעטער.

ער שטייט אויף זשאָזע פּאולינאָ מיט יידן,
וואָס קומען אַהערצו פון אַלע יארידן,

נאָך יאָגן און אײַלן — יאָ נייטיק, נישט נייטיק —
און טרעפן זיך דאָ אויפן פלעצל ערשט פרײַטיק

פאַרנאַכט, ערב שבת, פאַר ליכטצינדן טאָקע,
ווי מ׳האָט זיך געטראָפן אין מיקווה, נו, נאַקעט —

פאַרגעסן אין אַלעם, אָן עול שוין, אָן זינען,
מע דאַרף שוין מער גאָרנישט, נישט זוכן, געפינען...

זיי גייען אין שמאַטעס, אין טראַנטעס-מלבושים
און האָבן שוין מער נישט אין פנים קיין בושה.

זיי דאַרפן בלויז מאַכן אַמעריקע... לײדער,
נאָר טראָגן זאָל יענער די לײַטישע קליידער.

זיי גייט אינעם געלט בלויז, צו זאַמלען וואָס מערער
אין אײַזערנע קאַסעס, אין קאָפּ מעג זײַן לערער.

זיי דאַרפן צו מאָל נישט קיין פײַגנבלאַט, קאַפּל,
אַלץ טיפער זיי זינקען — פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

אַ שנעפּסל, אַ קערטל, וואָס נאָך? אַ נקבה,
דאָס אַלץ, און מע בלײַבט ווי פאַרגעסן אין קבר.

מע פרעגלט זיך דאָ אין סובטראָפּישן קלימאַט
בײַם ראַנד פונעם תהום — אויף ריבעיראָ דע לימאַ —

דאָס פּלעצל מיט סחורה, מיט תורה, וואַלוטע,
מיט סוחרים, מיט לצים, מיט שלעק, לאַפּיטוטנס.

דעם אָקס מ׳האָט געכאַפּט פאַר די הערנער און מ׳האַלט אים,
אָן געלט וועט פון דיר, וויים, דער קלענסטער נישט האַלטן.

דער גאַנצער יסוד איז דאָ איינס בלויז, אוי ווי, געלט!
— געגוג שוין צו טאַנצן דעם טאַנץ אַרום עגל!

— וואָס רעדט ער, דער שוטה? צי וויל ער דען בלײַבן?
מע וועט אים, דעם דיבוק, מיט שטעקנס פאַרטרײַבן!

אין גאַנצן צערײַבן! דאָ גייט נישט קיין ביסל...
אָט שטעלט אים שוין עמעצער אונטער אַ פיסל.

דאָס טוכלע געמויזעכץ פון טראָפּיקן רִיאָ —
פאַרדומפּיקט, פאַרוואַקסן מיט דאָרניקן בריִעכץ.

וואָס וועט אים דען העלפן זײַן שטראָפן, זײַן שרײַען,
אַז דאָ איז אַ וועלט פון לית־דין ולית־דיין.

ווי קראָפּעווע וואַקסן די פאַלשע נביאים,
די גלאַטיקע ריידעלעך שטעכן און בריִען.

די קהלישע צאַפּנס בלויז איינס זענען אויסן
מע זאָל זייער נאָמען צעבלאָזן און גרויסן.

פאַרשטעלן מיט זיך, מיטן טומלען און רױשן,
דעם גאַנצן אַרום... וואָס מיר פאָלק? צאַן־קדושים...

פאַרכאַפּן די בענקלעך, די עמודים, טריבונעס
אַזוי ווי אין געטאָ, ביים דײַטש, די כאַפּונעס.

די שטילע, באַשיידענע, ערלעכע מוזן
דערשטיקן די פאָלקישע זיפצן אין בוזעם

און צוזען מיט צער ווי זיי צווינגען די עדה
צו שווײַגן און שטום זײַן, קיין וואָרט נישט צו ריידן.

ווו ס׳זיצן די אַשמדאים זיכער אין זאַטל
ווערט בטול די רעכט און אויך שלמה ווערט בטול.

דער פרעמדער, וואָס קומט פון די שטויבן און אַשן,
דערפילט ווי זײַן פּנים די טרערן באַוואַשן.

וואָס האָט ער דערלעבט דאָ, נאָך יאָרן פון וואַנדער,
נאָך זײַן נע־ונד, דאַרף אויף ס׳נײַ ערשט אַ בראַנד ער

אַדורכגיין, דורך פײַערן, ס׳זאָל זיך דערשלאָגן
זײַן וואָרט וואָס דאַרף מאַכן ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן.

דאָס פאָלק קוקט אויף אים, אויף זײַן גואל און רעטער,
און ווייסט ווי זײַן גורל וועט אויסזען דאָ שפּעטער.

די עדה באַקליידט אים, באַגלייט אים צום קרײַנען,
און ווייסט אַז מע גרייט זיך שוין אים צו פאַרשטיינען.

דאָס שלעכטס איז, ווי שטענדיק, אָן אָפּהאַלט, אָן צוימען,
זיי וועלן נישט שווײַגן, נישט אים, נישט די טרוימען.

ער לאָזט זיך דעם נאַקן נישט בייגן פון יענע,
כאָטש ער איז בלויז איינער דאָ אויף דער אַרענע.

איז ער צוליב דעם דען געקומען פון ווײַטן
אַהער — דאָנקיכאָטיש מיט ווינטמילן שטרײַטן.

ער פילט ווי אים ברענען די רגעס, די שעהען:
וואָס האָט ער צו טון צווישן סדום-לייט, רשעים?

ער לאָזט אויף זיך פאַלן די קלעפּ, די בילבולים.
עס בילן די הינט אויף אים, זאָלן זיי בילן.

זיי ווילן, די בילהינט, פאַרבילן בציבור
זײַן שטראָף-קול וואָס קומט פון די אָפענע גריבער;

פאַרטומלען, פאַרגלושען דאָס וואָרט פון מוכיח...
— נישט אַנדערש, צו-שפּעט שוין, צי גאָר בין צו-פרי איך

געקומען... ס'אַן אָרט וואָס איז נאָך נישט דערוואַקסן..
(ער פילט נישט ווי ס'רירט אים אַ האַנט אָן בײַם אַקסל)

ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן, ווער הערט אים?
ווער האָט אים אין זינען, דעם חוש, דעם פאַרקלערטן,

וואָס מאָנט און וואָס וואָרנט מיט מאָדנע דיבורים,
ווי ר'וואָלט פונעם זינען פאַרלוירן די שפּורן.

מע קוקט אויף אים טראַציק, מיט אָפענעם ביטול:
— געקומען מיט מוסר... ס'איז אויך מיר אַ מיטל!

ער שטייט ווי אַ שטיינערנער ספינקס דאָ אין מיטן
אַזוי ווי מע וואָלט אים אויף שטיקער צעשניטן,

צעפּערטלט, צעקרישלט, צעפּיצלט, צעריבן,
אַרום אים איז קיינער שוין מער נישט געבליבן.

אויך ער וועט באַלד ווערן אויף שטויבמעל צעשאָטן,
נישט בלײַבן פון אים וועט קיין זכר, קיין שאָטן.

דער ווינט וועט צעבלאָזן דעם שטויב אויף די ימען,
ער שטייט ווי אים וואָלטן אַרומגעכאַפּט פלאַמען.

— ווי קאָן זײַן אַ וועלט אַזוי אויסגעהוילט, אָרעם?
און פּלוצעם נעמט עמעץ אים אָן פאַרן אָרעם:

— פון וואַנען אַ ייִד?... דו דערקענסט מיך נישט, הער נאַר...
נו, טרעף, לאָמיך זען, גיב אַ קוק, כ׳בין אָן הערנער...

דײַן חבר... פון וואַרשע... פאַרשטייט זיך, דער זעלבער...
שוין נעמען זיך שבתדיק שליסן געוועלבער.

— איך פריי זיך וואָס כ׳זע דיך, דו וועסט דאָ נישט ווערן
פאַרפאַלן, פאַרלוירן... דו שפּײַ אויף די ווערעם...

וואָס האָבן זיי מער? — נאָך אַ קלאַש, נאָך אַ וואַזע...
דער ניבזה איז קודם אַליין זיך מבזה.

דו ביסט דאָ בײַ זיך, אויף דער נאַלעווקעס, ברודער,
דער זעלבער געאײַל און דער זעלבער גערודער.

כ׳פאַרבעט דיך אַהיים, כ׳וויל זאָלסט זעען מײַן דירה,
איך וווין אין דער געגנט דאָ אויף באָם-רעטירע.

אָט באַלד, אַ פּאָר טריט, דאָ נישט ווײַט, רואַ פּראַטעס.
מיר לעבן זיך רײַכער ווי אונדזערע טאַטעס.

די קינדער פעלט גאָר נישט, קיין שום זאַך, חלילה,
זיי זענען שוין נישט ווי די קינדער פון מילע,

פון דזשיקע און גענשע, די ייִדישע קינדער —
פאַרדאַרט, הויט און ביין, דו געדענקסט דאָך... איך בין דער

אַמאָליקער וואַרשעווער... ס'היימישע יאַטל,
נאָר בלויז אָן די פּיאות און אָן דעם כאַלאַטל.

דער ייִד פּירט אים אום איבער געסלעך און ליקן
און ברענגט אים צוריק צו די היימישע גליקן,

צום שבת, צום טיש, צו די פיש מיט די יויכן...
ער פילט ווי ס'פּאַרצייִען זיך טונקעלע רויכן,

זיי הילן אים איין מיטן ריח פון שריפה,
וואָס טראָגט זיך נאָך אַלץ פון די וואַרשעווער הייפן.

זיי ווערן געדיכטער, פאַרנעפּלען די הייכן,
זיי ווילן אים גרייכן און קאָנען נישט גרייכן.

דער רויך שטיקט אין האַלדז אים, ס'איז אַלץ אומבאַגרייפלעך...
ווי קומט ער אַהער אין די ייִדישע הייפלעך

פון געגשע און נאַלעווקעס, דזשיקע און מילע?
זיי וויקלען זיך אויף ווי אַ פאַרמעט-מגילה

פאַר אים, פאַר זיין בליק, פאַר זיין קלאָרן זיכרון —
צעלויכטענע העל ביזן אייבערשטן גאָרן.

ער זעט אָנגעפּאַקטע די ייִדישע הייזער...
ווער האָט עס אַ דריי געטון פּלוצעם די ווייזערס

צוריק, אומגעזען, אין גאַלאָפּ פון די יאָרן
פאַרפאָרן אַהין, ווו פון אַלץ איז געוואָרן

אַ פינצטערער הויפן פון אַש און פון ביין נאָר,
ווו ס'קאָן אים שוין איצט נישט דערקענען מער קיינער

און אים דאָרט אַליין, ווי אַ שטיין, ווו געלאָזן.
פאַרלאַשן די שטערנס, די וואָרט-ווירטואָזן,

די קינסטלערס, די מאָלערס מיט זייערע בילדער,
ער זעט אינעם רויש, אין געברויז און געפּילדער

באַקאַנטע פון לאַנגע פאַרלוירענע צײַטן —
ווער האָט זיי צעשיידט דען? — אויס צײַטן, אויס ווײַטן.

ער זעט ווי עס זיצן אין שנײַדער־וואַרשטאַטן
בײַ זינגערס מאַשינען — די וואַרשעווער יאַטן,

פאַרחלומטע יִינגלעך פון דראַמקרײַזן, כאָרן —
זיי וואָלטן מיט יאָרן געוואָרן אַקטיאָרן

און דיכטערס און זינגערס און מוזיקערס עכטע —
באַגלייט און געצערטלט פון יִדישע טעכטער...

סטודענטקעס, פאַניענקעס אויף הויכע אָפּצאַסן
שפּאַצירן נאָך אַלץ אויף די וואַרשעווער גאַסן,

בײַ זײַט די פאַבריק־מיידלעך גלײַך פון דער בערזע
מיט ליפּן געשמירט מיטן רויט פון די פערזן

פון קולבאַק, פון שולשטיין, פון קנאַפּהיים און העלער...
געשלונגען בײַנאַנד מיט דער זופּ פונעם טעלער

זיי האָבן די לידער פון זייערע דיכטערס,
און שפּעטער — אין פינפטלעך אַלץ ענגער, געדיכטער —

געשפּאַנט אין די רייען פון אַלע פאַרטייען,
וואָס האָבן געקענט אי דערהייבן, דערפרייען,

אי געבן אַ ברויט אין דער נויט, זיך צו זעטן,
אי באָדן, אַ גרונט אונטער פיס, אויף צו טרעטן

מיט פעסטקייט, מיט מוט, אי אַ הימל פון תכלת...
— דו הערסט מיך? — איך הער דיך, רעד ווײַטער, דערצייל עס...

געשפּאַנט מיט די יינגלעך פון „אַרבעטער-ווינקל"
מיט פרייד אין די טריט און אין אויגן דער פינקל

פון יינגשאַפט אין אויפמאַרש צו זוניקע הייכן
וואָס זענען אָט נאָר מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

ס'וועט קיינער פון זיי מער נישט גרייכן די הייכן,
נישטאָ שוין קיין זכר, קיין סימן, קיין צייכן.

נישטאָ מער קיין חילוק פון ריכטונג, פון שיטה —
דעם תהום וועט שוין קיינער נישט קאָנען פאַרשיטן.

פאַרבלייבן אַזוי וועט ער — אָפן און גרויליק...
ער שטייט ביי זיין ראַנד, בלויז אַ שפּאַן ווי דער גרויל ליגט...

אַ נס וואָס דער רויך אַרום אים איז צערונען,
אַליין קוים אין נאַכט האָט ער זיך אָפּגעפונען,

באַגלייט פונעם ייד ביי זיין זייט שוין אין דרויסן:
— דו האָסט זיך נישט, חבר, מיט מיר וואָס צו גרויסן.

— וואָס הער איך פון דיר? סאַרע רייד? נישט צו גלייבן...
ביי מיר בלייבסטו וויטער דער לייב צווישן לייבן.

ס'אַ כבוד... וואָס רעדסטו... אַ זכיה, די גרעסטע
צו האָבן אַזעלכענע זעלטענע געסט דאָ...

דיין וואָרט האָט אין וואַרשע באַגייסטערט, געמונטערט
צום לעבן, געגעבן אַ פרייד וואָס האַלט אונטער

דעם גייסט פונעם פאָלק, ס'זאָל אים ביישטיין אין סכנה.
די דייטשישע מערדערס דערמאָנען דיין נאָמען

פון די וואָס מע דאַרף זיי די ערשטע דערשיסן...
דו ווייסט עס מיסתמא, ס'מעג יעדער עס וויסן.

ס׳געפינט זיך אין בוך „די אַסטיודען אין קריג״ און
דו האָסט פונעם פײַער אַרויס זיך געקריגן.

עס קלינגט ווי אַ חלום, אומגלייבלעך, אַ מעשה...
אַט האָסטו דאָס בוך, זע...
— ס׳איז מוקצה, צערײַס עס...

איך וויל עס צו מאָל נישט אין האַנט אַרײַן נעמען...
— ס׳איז, חבר, אַ שאַנד־דאָקומענט...
— נעם, פאַרברען אים...

דו זעסט נישט ווי ס׳בלוט הערט נישט אויף דערפון טריפן.
גענוג, ס׳איז דאָ איינס אין די אַנקלאַג־אַרכיוון,

אין „יד־ושם״, ווייס, אין ישראל פאַרהיט ס׳איז
מיט געטאָ־חפצים, מיט תפילין און ציצית.

ס׳איז ווי צו אונדז, ווײ, מ׳וויל אויף ס׳נײַ אונדז פאַרלענדן,
און דאָ גלײַך ווי גאָר נישט... ווי ס׳געלט קאָן פאַרבלענדן!...

דער ייִד אין סאַן־פּאַולאָ, וואָס רופט אים אַן חבר,
דערמאָנט אים: — געדענקסט, אונדזער אויספלוג קיין וואַווער,

קיין פלודי, מלאַטשין, קיין אָטוואָצק און יאַבלאָנע...
אַן אייביקייט לאַנג... זיך שוין נישט צו דערמאָנען.

די בענקשאַפט איז גרויס, נאָר דער עלנט איז גרעסער,
ער שנײַדט זיך אַרײַן אין געמיט ווי אַ מעסער.

די איינזאַמקייט מאַטערט און פּײַניקט דאָ אויך אים,
פאַרשלײַערט זײַן בליק מיט די זעלביקע רויכן,

וואָס זענען געבליבן נאָך וואַרשע פאַרצויגן.
דער חלום, דער יונגער, איז לאַנג שוין פאַרפלויגן,

זײַן עבֿאָ —דאָס ליד דײַנס— אַלײן איז געבליבן
און וויל נישט אַראָפּגײן פון אונדזערע ליפּן.

דײַן ליד מאַכט אונדז װײנען, מיט יאַשטשערקעס לאַכן,
און פירט אונדז אַוועק אויף אַמאַליקע שליאַכן...

— אַ טעות, אויף הוילן געשטיין פון די צײַטן...
ס׳איז בעסער, דו זאָלסט מיך אַהין נישט באַגלייטן,

זײַ מוחל, מײַן פרײַנד, טײַטש נישט אויס עס צום שלעכטן:
אַט יענעם, וואָס דו האָסט געקענט, איז נאָך נעכטן

אין פײַער אַוועק... ס׳איז געווען חודש ניסן...
און דעם, וואָס דו האָסט דאָ פּאַר זיך, זאָלסטו וויסן,

ער איז נישט אַט דער פון די וואַרשעווער הייפלעך —
אַ פעניקס פון אַש אויס, אַ ספינקס אומבאַגרײַפלעך,

פון ווינטן פאַרטראָגן אַהער, פון די ווײַטן,
געקומען אין מידבר בראַזיל דאָ אַ שרײַ טון

ס׳געשריי פון די גריבער פון טויטטאָל, פון וואַנען
אַליין מיט זײַן וואָרט ר׳איז געקומען צו שפּאַנען

און שטייט אין סאַן־פּאַולאָ פאַרשטומט צווישן יידן,
פאַרשטומטע ווי ער — שוין נאָך אַלע יאַרידן.

ריאָ — סאַן־פּאַולאָ, אויגוסט, 1963

זעלטן בילד פון דער פֿאַרשוווּנדענער וועלט: אַ גרופּע מיטגלידער פון דער דראַמאַטישער סטודיע „אַדאָנים" בײַ דער „פֿרײַהײט"־יוגנט פון די רעכטע פּועלי־ציון אין וואַרשע מיט 40 יאָר צוריק, אין 1928, בראָש מיטן ליטעראַרישן לײטער פון דער סטודיע משה קנאַפּהײס. ס׳שטײען פון רעכטס: אברהם נײמאַן, משה קנאַפּהײס, משה אײבעשיץ, דוויד הערמאַנשטאַט; ס׳זיצט: לײזער זילבערמינץ

(אַרכיוו פון משה אײבעשיץ, סאַן פּאַולאָ)

אַ חתונה אין קאָרדאָבאַ

פּ ל י ט י ם ־ ב אַ ל אַ ד ע

אַ חתונה אין קאָרדאָבאַ
מיט מזל־טובס און פרייד.
אַן אָרגל און אַ כאָר דערבײַ,
און חופּהדיק גערייד

אי פֿײַערלעך אי טעמפּלדיק
דעם יונגן פּאָר באַגלייט.
אויף פּנימער געשטעמפּלט ליגט
די פרייד פון סוד־באשייד.

אויף אויסגעשפּרייטע טעפּיכער
די חתן־כלה־טריט,
און אויף די חופּה־טרעפּ — איך הער —
נאָך טריט, וואָס גייען־מיט,

פון געסט, פון אומגעזעענע,
מיט שאָטנשלייך, פאַרשטומט.
דו שווײַג, ווי זיי; דו זע און הער:
די פידל וויינט און ברומט.

באַלד פלעכטן זיך די געסט אַרײַן
אין חתן־כלה־טאַנץ.
די שאָטנס האַלטן פעסט אַ ריי,
זיי ווילן בלײַבן גאַנץ.

דער חתן — פון דער פליטים־וועלט,
פון פּײַן און אומקומוועג.
ביז הײַנט נאָך אַלץ באַגלייט אים קעלט
און פלאַמאָפּשײַן און שרעק.

די מחותנים — עלטערן
פון חתן־בחורם צד —
אין נחת זיך צו עלטערן,
גענוג שוין צער געהאַט.

שוין דורכגעגאַנגען כלערליי
פּורעניות און בראַנד;
צעקנעט איז ס׳לײַב פון גאַלע לייד
דורך האַרטער גורל־האַנט.

אין פרעמד גע׳נע־ונד׳עוועט,
אַ שטיין אין גאַס — דאָס בעט.
דאָס לעבן קוים גערעטעוועט
אין מיטל־אַזיע, העט...

דער טיפּוס האָט געבושעוועט,
געקאַסעט רײַך זײַן שניט,
און דער וואָס ליגט אין רו שוין ווערט
זיך אײַנשפּאָרן די טריט,

די פײַנטריט אינעם יאָמערטאָל,
וואָס נעמען נישט קיין עק...
ווער וויים, צי ניין, צי יאָ, מע טאָר
פון זיך, פון וועלט אַוועק?

די פּײַן, וואָס קאָן פאַרפּײַניקן,
פאַרבייניקן צום טויט,
קאָן אויך אַ מאָל פאַראייניקן,
פאַרבינדן אין דער נויט;

אין ביטערניש פאַרזיווגן
בײַם אָפּגרונטיקן ראַנד.
די צײַט פאַרהיילט, נו, ווי זי קען,
די וווּנד, דעם פּײַן, די שאַנד.

געבליבן ס׳שלעכטס איז, סוף־כּל־סוף,
אויף יענער זײַט פון שוועל.
די קעלנערס גיבן־אויף דאָס עוף
מיט טענצל־טריטלעך, שנעל.

צעשײַנט די מחותנעסטע
אין גרינעם סאַמעטקלייד.
זי זעט זיך ווי זי מעסט דעם סטעפּ,
זײַן וויסטע לענג און ברייט.

איר מאַן איז אויסגעפּראַנטעוועט
געקליידט — האַלב ראָק, האַלב פראַק.
קיין שפּור נישט מער פון וואַנדערוועג,
עוואַקאַ־פּונקט, באַראַק.

מיט פּליטים אין אוזבעקיסטאַן
געחלומט פון אַן עם
צו זעט... און ער אין זעק איז דאַן
אַרומגעגאַן — אַ מת.

ווײַזט אויס, ס׳איז אַ פאַרבלענדעניש
דער שפּיגלדיקער גלאַנץ.
נישט זיך, נישט זי דערקענט ער נישט,
אַ טײַוולשפּיל — דער טאַנץ.

זיי זיצןביידע אויבן אָן,
מוזיק שפּילט באַנג אַ וואַלס
ער הערט אַ קול זאָגט: — אוי, בין אָן
די יאָרן גראָ און אַלט.

טאָ זאָל זשע ווערן אויפגעשפּילט
אַ פריילעכס איצט, אַ שער!...
דער נעכטן, וואָס איז אויפגעהיט,
בלויז אים געהער די טרער,

מ ש ה   ק נ אַ פּ ה י י ס

און אויכעט די וואָס האָבן נישט
דערלעבט די שעה, דאָס גליק;
וואָס קאָנען פון באַגראָבעניש
נישט קומען מער צוריק;

וואָס זענען דאָך איצט דאָ דערבײַ
און בלײַבן אָפּגעשיידט.
אַ חתונה אין קאָרדאָבאַ
אין טרויער און אין פרייד.

קאָרדאָבאַ, פעברואַר 15, 1965

באַלאַדע

פון ייִדישן סטודענט, דעם סקעלעטישן קאָפּ און זײַן נקמה

פון פֿאַקולטעט אַהיימגעבראַכט האָט דער סטודענט
אַן אויסגעהוילטן בייניק-ברוינעם טויטנקאָפּ.
געלאָזט ווו ערגעץ דעם סקעלעט מיט פיס און הענט
און בלויז דעם קאָפּ גענומען ר׳האָט פון אים אַראָפּ.

געשטעלט האָט ער אים אויפֿן טיש בײַ זיך אין שטוב
אַן אָפּגעראַטעוועטן פון זײַן גורל-סוף
צו פוילן פינצטער אויף אַ צווינטער אין אַ גרוב —
מכלומרשט שלאָפן דאָרט זײַן לאַנגן קבר-שלאָף

אויף זײַן געלעגער פון פיר איילן אין דער ערד,
אין פֿײַכטער, דומפּער טיפעניש מיט שטיין פאַרדעקט,
שוין מער פון קיינעם נישט געזען און נישט געשטערט —
צעקרישלט און צעשאָטן בלײַבן אויפן דעק.

צו פאָרשן, צום שטודירן אים געבראַכט צו זיך
אין שטוב האָט ער דעם קאָפּ, דער ייִדישער סטודענט.
בײַ טאָג האָט זון באַשײַנט דעם שאַרבן מיט איר ליכט
און ליכטיק אויך געמאַכט דאָס צימער מיט די ווענט.

פאַרהיימישט, אייגן איז געוואָרן דער סקעלעט,
דער טויטנקאָפּ, מיט אַלעמען דאָ אין דער שטוב,
ווי ער וואָלט בלויז געוואַרט, מע זאָל אים טון אַ גלעט
זײַן שאַרבן-דעקל גאָל, אין בעקל טון אַ קנופּ.

פאַרשוווּנדן איז די מורא פאַרן טויט, די שרעק,
וואָס שאָטנט איבער יעדער מענטש מיט פלאַטערניש;
וואָס קומט, ווען נישט, אַנטקעגן אומגעריכט אין וועג...
און דאָ — אַ רעטעניש — באַשײַנט ער גאָר דעם טיש.

ס'גייט קיינעם איצט נישט אָן זײַן שטאַם: ווער איז ער, ווער?
אַ מאָל האָט ער דאָך ווּעמען אָנגעהערט, אַ גליד
געווען פֿון אַ מישפּחה: זיידע, טאַטע, שווער —
פֿון אַלעמען געשעצט, אַרומגערינגלט מיט

די אייניקלעך, די קינדער, טומל, פֿרייד און לייד,
אַ נחת, אַ גריזאַטע, וואָס ס'האָט אים פֿאַרשאַפֿט
אין לעבן, ווי ס'טרעפֿט אָפֿט, די שטוב, די גאַס, זײַן קלייט,
און דאגות פֿון אַ שלעכטער מחותנעשאַפֿט.

וואָס קאָן דעם מענטש אַ מאָל דערפֿירן ביזן ראַנד
פֿון אָפּגרונט, נאָר אין פּיסק צו פֿאַלן פֿון פֿאַרפֿאַל.
קאָן זײַן, מ'האָט אים אַזוי — אויך צוגעשטופּט צום וואַנט
ביז ער איז מיטן קאָפּ געטון צו דר'ערד אַ פֿאַל.

נאָר צו להכעיס יענעם איז ער דורך אַ נס
נישט אָפּגערוימט געוואָרן פֿונעם וועג ביז לעצט.
געבליבן אויף דער אויבערפֿלאַך — יאָ מת, נישט מת —
צו שטיין אויף וואַך ווי אַ געשפּענסט און ווי אַ ליץ.

סוף אָדם למות — מײַדט נישט קיינעם, אויך נישט אים
און לאָזן וועט ער, לאָזן אַלץ אויף גאָטס באַראָט.
ער וועט אויף קיינעם מער נישט אויפֿהייבן זײַן שטים
פֿול גיפֿט און גאַל, נישט קיינעם וועט ער זײַן אַ שאָד.

פֿאַרוואָס ס'האָט יענער אים דאָס לעבן זײַנס פֿאַרשוואַרצט?
דער רשע, ווי די שלאַנג, לעבט נאָר פֿון אָפּטון בייז.
דאָס האָט אַזוי דער קאָפּ זיך אָפּגערעדט דאָס האַרץ
און נישט געוואָרט צו קריגן אין זײַן צער — אַ טרייסט.

פֿאַרטראַכט — געדאַכט האָט זיך דעם ייִדישן סטודענט
אַז ס'קריגט דער קאָפּ צוריק די אויגן, נאָז און מויל.
נישט אַנדערש נאָר ער האָט דעם מענטש אַמאָל געקענט,
געזען אים אין שפּיטאָל. זײַן קול איז דומפּיק, הויל.

ביז סוף איז אויסגעהערט האָט באַלד זיך דער סטודענט
אַ הייב געטון פון שטול, צו גיין אין פֿאַקולטעט.
און ווען דער קאָפּ אַליין איז צווישן די פיר ווענט
געבליבן מיטן בעטל ליידיק, נישט פאַרבעט —

האָט פּלוצעם אים געגומען אַנוואַקסן אַ קאַרק
מיט פּלייצעס, אַקסלען, מיט געזונטע הענט און פיס.
ר'איז אויפגעשטאַנען הויך און גרויס אַט ווי אַ באַרג —
אַן עלטערער פּאַרשוין באַוואַקסן, שטאַרק, אַ ריז.

פּאַמעלעך אויפגעהויבן האָט דער מענטש אַ פוס,
געשטעלט אַ טראָט, אַ צווייטן, און אַרויס פון שטוב.
געלאָזט זיך גיין אין גאַס, געכאַפּט אַן אויטאָבוס,
זיך אויסגעמישט מיט אַלע אין געדראַנג, געשטופּ,

און אויסגעוואַקסן אומגעזען ביי דעם וואָס האָט
פאַרקירצט זיין לעבן, גורם אים געווען זיין טויט —
אַ שאָטן הינטער יענעמס פּלייצעס פול מיט שפּאָט
און חוזק האָט ער אויפגערופן אים: — י ע מ ו ד ! . . .

דו גייסט שוין ווידער פּראָווען דיינע פוילע שטיק,
פאַרנאַרן מיט די כפול־שמונהדיקע רייד
אַ פרישן קרבן... כ'וואָלט דיך אָט אַזוי דערשטיקט!... — — — . . .
נאָך יענעמס אויפגעצאַפּל — גלייך זיך אָפּגעשיידט

פון אים און זיך אַרויסגעשאַרט מיט ווייכע טריט
פון טמאַ'ן הויז, וואָס לייטן מיידן אויס זיין שוועל,
צוריקגעקערט זיך קעגן נאַכט און זיך צעשיט,
געבליבן טויטנקאָפּ אויף מאַרמאָרנעם געשטעל.

און ווען דער ייִדישער סטודענט צו זיך אַהיים
איז שפּעט ביי נאַכט געקומען, האָט ער אויפן טיש
געזען דעם קאָפּ געבוּיגן, ווי ער וואָלט געוויינט,
גלייך ס'וואָלט זיין וווּנד אין האַרץ נאָך אַלץ געבלוטיקט פריש.

בוענאָס־איירעס, מאַרץ, 1965

באַלאַדע

פון יידישן טוריסט אין מאָנטעווידעאָ

דער גורל פירט דיך אָפט אויף שפּורן דאָ און דאָרטן
פון בלוטקאָשמאַר און גרויל, פון פײַנגעכט — תהומיק שוואַרץ.
דערפילסט אַז ווידער שאַרפן ס'מעסער דײַטשע מאָרדהינט,
כאָטש טרעפן וועט עס זיי צוריק אין זייער האַרץ.

ס'האָט קיינער קיין מאָל צו באַנעמען נישט באַוויזן
דעם צופאַל, לויף פון זאַכן אין צוזאַמענהאַנג
מיט זייערע קאָנטראַסטן, גורלשע קאַפּריזן
אין דזשונגל פון געזעצמעסיקן לעבנסגאַנג.

אַזוי איז בעסער אָנצוהייבן די באַלאַדע
פון ייִד פון איבערבלײַב — דעם וואַנדערער - טוריסט,
וואָס האָט זיך צ'ריק אַליין צום לעבן אײַנגעלאַדן,
נאָר ווו ער זאָל נישט זײַן — געדענקט ער ווער ער איז:

פון געטאָפּלאָם — אַ פּליט, פונעם פײַער-זעגל,
אַ ייִדישער טוריסט, וואָס האָט געטון אַ ריס
אַרויס זיך פון די היטלערישע גיהנום-נעגל,
וואָס וואַנדערט נע-ונד — אַן אייביקער טוריסט.

אין אָנגעלייף פון פילקאָלירטן שטראָם טוריסטן,
וואָס פליצט, פאַרפלייצט דעם פּלאַזשעברעג פון אורוגוויי —
אַהער אַרײַנגעפאַלן, ייִד פון פוילן, ביסטו
אָט ווי אַ בליצטראָפּ אינעם געלכל פון אַן איי.

אין אויסגעמיש פון טשעכן, ענגלענדער און דײַטשן
מיט אַרגענטינער, בראַזיליאַנער, פּאַראַגווײַער —
אַ ייִד פון פוילן וואָס ער קען זיך נישט פאַרטײַטשן
ווי נאָך ער איז אַרויס אַ גאַנצער פונעם פײַער.

ס׳ווערט שפּעט. ער שטייט פאַרלוירן, הילפלאָז בײַ דער „אַנדאַ״*)
און ווייסט נישט ווו צו רירן זיך מיט זײַן געפּעק,
ווי דאַן די פּליטים, קריגצײַט, וואָלט ער זיך געוואָנדן
צו גאָט: — געגנוג, נעם, מאַך צו אַלעמדינג אַן עק.

ס׳פּאַרטומלען אים די מעקלער־יונגען פון האָטעלן,
וואָס ווילן אים פאַרשפּאַרן אין אַ דושנעם לאָך,
אָן פענצטער, פול באַשטעלט מיט בעטלעך ביז די שוועלן,
מיט עולם פּרעמדלעכן, מיט שעפּטשערײַ, געקאָך,

ווי אין אַ שטוב ווו ס׳ליגט אַ מת וואָס דאַרף באַלד ווערן
אַרויסגעפירט אויף גיך פון דאַנען אין פאַרפאַל.
דער זעלבער עולם דאָ אָן צוטרוי וואַרט ווי ער און
האָט נישט וווּהין אַוועקצוגיין פון דעם וואָקזאַל.

די שקיעה רויט גיסט אָפּ מיט שײַן די שויבן אויבן,
פאַרנאַכט אויף „דיעז־אי־אָטשאָ״**) שטײַגט דער רויש און רעש.
פאַרלאָזט דאָס סקווערל האָבן שוין די לעצטע טויבן,
די פּנימער בײַ מענטשן ווערן גראָ ווי אַש.

אים דאַכט זיך אויס, דעם יידישן טוריסט, אַז ווײ אים,
אַז ער איז דאָ געקומען מיטן טויט־טראַנספּאָרט.
אַ פאַל טון איבער קעפּ וועט דער באַפעל: — אין צווייען!
אין רייען וועט מען אָפּמאַרשירן פונעם אָרט.

וווּהין? מע ווייסט וווּהין — אין קוימען, צום פאַרברענען,
אַהינצו אײַלט די טויט־פּראָצעסיע, דאָרט אַהין...
און שוין קאָן איינער מער דעם צווייטן נישט דערקענען,
ער פילט, ער הייבט שוין אָן צו ברענען ווי אַ קין.

*) צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע אין מאָנטעווידעאָ

**) 18; פאַרקירצטער נאָמען פון דער אַווענידאַ „18־טער יולי״

און אומגעריכט אַ מילדן האַנטבאַריר דערפילט ער
וואָס פירט אים אין דער ווירקלעכקייט אַרײַן צוריק.
צערונען ווערן גלײַך די אַלע שווידער-בילדער
וואָס זענען אים באַפאַלן ווי אַ היישעריק.

אַ פרויענהאַנט האָט צאַרט אים אָנגערירט זײַן אַקסל
און אים דערמאָנט ווי ווײַט ס׳איז שוין פון יענער צײַט.
אַ מאַמע-פרוי איז פּלוצעם פאַר אים אויסגעוואַקסן:
— כ׳האָב גרייט פאַר אײַך אַ צימער, קומט, ס׳איז דאָ נישט ווײַט.

זי נעמט, די פרוי, און פירט אים, ברענגט צו זיך אַהיים אים
און שטעלט אים פאָר פאַר ביידע טעכטער, איידעם, זון.
די היימישקייט ווישט אָפּ די שפורן פון דער אימה
וואָס האָט מיט צוואַנגען אים געהאַלטן פעסט אַרום.

דער בלאָנדער איידעם מיט די בלאַלעך-גראָע אויגן
באַטײַטיק שמייכלט אונטער וואָנסע-בערשטל דין
צום שוואָגער מיט פאַרשפּיצטן פּנים פון אַ פויגל
אַ רויבפויגל פון דזשונגל וואָלסט דערקענט אין אים.

די טעכטער אירע חנדלען זיך צום גאַסט געמיטלעך,
דערלאַנגען כּיבוד: קיכלעך, שנאַפּס, אַ גלעזל טיי.
זיי פאָרען זיך מיט אונטערטענצלדיקע טריטלעך
אַרום דעם גאַסט וואָס אים געפעלן ווילן זיי.

ער פילט זיך ווי אַ גלײַכער צווישן אָט די קריסטן,
געקומענע אַהער פון שפּאַניע, פון מאַדריד.
זיי גיבן זומער אָפּ דאָס בעט פאַר די טוריסטן
און ס׳שלאָפט די מאַמע מיט די טעכטער — זאַלבעדריט

דאָ אויסגעבעט אויף דר׳ערד, נישט איבעריק באַקוועמלעך.
און ווי די טעכטער ביידע — שמייכלען צו אים ליב
פון וואַנט אַראָפּ די הייליקע — געפּאַסט אין רעמלעך,
פּאַרטווישן אויף אַ שמייכל זייער לײַדנכליפּ.

די מאַמע פירט אים װײַזן ס׳צימער, פול מיט ביכער.
ער בלײַבט אַלײן דאָ איבער צװישן די פיר װענט.
און פּלוצעם װי אַ װיכער נעמט די שטוב אַלץ גיכער
זיך דרייען מיט אים װי אַרום װאָלט אַלץ געברענט.

מיט ציטער זעט דער ייִד װי ס׳נעמט צו אים זיך רוקן
אַ שװאַרצער האַקנקרייץ — אַ גיפטיק־בייזע שפּין,
זי קריכט מגושמדיק אַרונטער פונעם רוקן
פון בוך „מײַן קאַמף״ מיט היטלערס פּרצוף: — יאַ, דאַס בין

איך זעלבסט קאַפּוט... כ׳האָב מער שוין נישט קיין ציין צום בײַסן —
אַ שאָטן, גולם, אויסגעקנאָטן כ׳בין פון ליים...
איך בעט דיך, גנעדיק, יודע, זאָלסט מיך נישט צערײַסן...
דו זעסט דאָך װײל אַליין, כ׳בין װי אַ װאָרעם — קליין.

די שטוב האָט, װי אַ שיפל אויפן ים אין שטורעם,
אַ גיי געטון אַרויף־אַראָפּ מיט די פיר װענט.
ער הערט נישט מער די רייד פון מאָרדיונג, דעם מטורף
װאָס צאַפּלט זיך — פאַרקראַמפּט— אין זײַנע הענט.

ס׳גייט אויף פאַר אים ס׳געװיין, געקרעכץ, די פּײַן־געשרייען
פון די קרבנות — אומגעבראַכטע דורכן קאַט,
דעם תּליון, װאָס פאַר זײַנע שחיטות, מערדערײַען
האָט ער אַליין סײַ װי אַ שװאַרצן סוף געהאַט.

אַ װאָרף געטאָן פון זיך האָט ער אויף דר׳ערד דעם װאָרעם
און אים גענומען טרעטן, קאָפּען מיט די פיס.
ס׳איז ערשט פאַר אים אין גאַנצן קלאָר באַװוסט געװאָרן
אַז די נקמה, די גערעכטע, קאָן זײַן זיס.

און נישט געהערט אַליין, װי ר׳האָט אין ברויז פון צאָרן
געשריגן אויף אַ קול: — אַ ייִד כ׳בין!... נישט קיין קריסט!...
די שטובמענטשן פאַרװוּנדערט קוקן: — דול געװאָרן,
אַראָפּ פון זינען איז ער, נעבעך, דער טוריסט.

ער האָט געכאַפּט די רענצלעך און געלאָזט זיך לויפן
פון אַלע טרעפּ, צו זײַן וואָס גיכער אויף דער גאַס.
און ס'קוקט די גאַנצע שטוב אים נאָך דערשטוינט פון אופן
ווי ס'קאָן באַפאַלן עמעצן דאָס משוגעת.

איצט שפּאַנט דער יידישער טוריסט מיט זײַנע רענצלעך
און זוכט אַוועקצולייגן ווו זײַן מידן קאָפּ.
נאָר פרײַ, באַפרײַט פון קלעם — דערהויבן, מוטיק, מענטשלעך,
ווי איינער וואַרפט אַ משא פון זײַן קאַרק אַראָפּ.

און וועט איר טרעפן אים, דעם העלד פון מײַן באַלאַדע,
בײַ נאַכט אין גאַס, ווי איצט, אין אָט דער שפּעטער שעה,
באַלאָדן מיט די פּעק — דאָס זוכט ער, ווייסט, אַוודאי
דאָס גליק — אַ צימער וואָס ס'איז זומער דאָ נישטאָ...

מאָנטעווידעאָ, פעברואַר 1, 1967

באַלאַדע

פון דער פאָן וואָס האָט זיך אַליין ניט דערקענט

אין ליכטיקן פריץ־זאַל הענגט אויבן אָן
די רויטע, געהאָפטענע, בונדישע פאָן.
קיין שפּרענקל נישט קענטיק צו מאָל אויף איר גוף.
איר לאָזונג קוקט גאָלדיק אַרונטער, איר רוף
נאָך אַלץ נישט פאַרבליאַקעוועט — ליכטיק און קלאָר
און פייערלעך גלייך ס'וואָלט געווען ס'פינפטע יאָר,
דאָס שטורמישע יאָר פון איר אויפשטייג אין קאַמף,
ווען מ'האָט זי אין גאַסן געטראָגן פאַרקראַמפּט,
פאַרפּויסטיקט אין האַנט אונטער הימלישן בלאָ...
די שטורעם־ און דראַנגצייט איז איצט מער נישטאָ.

דאָ איבער דער בינע זי הענגט, ווי אַ מאָל,
אַ שטאָלצע, אַ ריינע — די פאָן האַלט פּאַסאָן.
די גאָלדיקע אותיות קוקן אַראָפּ
פאַרבענקטע צום עולם אַרום — קאָפּ אויף קאָפּ —
וואָס איז דאָ געקומען צום יום־טוב צו גיין,
צו פייערן היינט אי די פרייד, אי ס'געוויין;
איר מוטיקן גאַנג דורך צעליכטיקטע טעג
און פינצטערע נעכט אויף אַ וועג אָן אַ ברעג;
איר שטורמישן פאָניקן גאַנג מיט געזאַנג,
איר קלאַנגיקן פאָניקן רוף אין געדראַנג
דורך יידישע גאַסן, דורך לענדער און שטעט,
וואָס זענען, שטאָט רויזן, געווען אויסגעבעט
מיט שטעבלקעס, דערנער, מיט קרבן־געביין,
מיט תפיסות, סיבירן, מיט תליות אין בין־
השמשות פון צאַרישער הערשאַפט וואָס גרוילט...
ס'האָט שפּעטער זי אויך נישט געמיטן די קויל
שוין נאָכן פאַרבייט פון סאַטראַפּישן הערב —
אין מאַרש פון אָקטאָבער — אויף האַמער און סערפּ.

די אַלטע געשיכטע ווערט קיין מאָל נישט אַלט,
דעם היינט און דעם מאָרגן מיט רום זי באַשטראַלט.
פון דאַנען און ווייטער אויף ס'ניי הייבן אָן
זיך וועבן די פעדעם אַריין אין דער פאָן.
דעם גראָדיקן וועג איצט זי צייכנט און ווייזט...

די טישן געדעקטע מיט טישטעכער ווייס.
דער עולם געפירט פון זיכרון צעגליט
אויף נעכטיקע וועגן, וואָס לייכטן אין ליד —
אַ ניגון, אַ זמרל היימיש פאַרציט.
דער ניגון האַלט אַלע צום אָרט צוגעשמידט.
פון אויבן די פאָן הערט זיך איין, קוקט זיך צו
און פילט ווי ס'צעוואַקלט זיך אין איר די רו.
וואָס קומט עס איצט פאָר? זי איז דאָך שוין געווען
פאַרגעסן, ווי איבעריק צווישן די ווענט.
זי האָט זיך אַליין דאָך שוין מער נישט דערקענט.
איר בליק איז פאַרטראָגן, אין ווייטן געווענדט.
פאַרחלומט זי זעט ווי דער לידרויש פאַרטווישט
זיך פּלוצעם אין פלאַטער פון טריטן-גערויש.
אַלץ הילכיקער, זיכערער ווערן די טריט
און דראָען מיט אויפרייס פון שרויט, דינאַמיט.
געגאַנגען איז דעמאָלט די פאָן רויט צעשטראַלט
אין שפּיץ פון אַ מעכטיקן פאַניקן וואַלד,
צעוויקלט, צעפלאַטערט פון ווינט — טראַנספּאַרענט
נאָך פלאַם-טראַנספּאַרענט — צווישן מויערן-ווענט.
די פאָן האָט די מאַסן אין גאַסן געפירט.
זיי האָבן דעם זין פונעם לעבן דערשפּירט
אין קאַמפּלוסט פאַר איבערגעשטאַלטן די וועלט,
ס'זאָל איר פונדאַמענט זיין אויף יושר געשטעלט.

מיט גרויל זי דערמאָנט זיך אַ טאָג אַזאַ כמורנער,
אין פאָדערשטער ריי — מיכאַלעוויטש און כמורנער,
די חברטע דינה און זיגעלבוים, קרוק,
געטראָטן, געקנאָטן דעם וואַרשעווער ברוק.

דערנעבן גײט ערליך און אַלטער בײַנאַנד
מיט דעם וואָס די פאָן פונעם „בונד" טראָגט געשפּאַנט.
די יוגנט פון „צוקונפט", די קינדער פון „סקיף"
מאַרשירן אין רײען מיט בליקן פאַרבליפט.
די גדולים פון „בונד", וועמענס נעמען פאַרשמען,
זײ קאָנען נישט ס׳ייִדישע וואַרשע פאַרשעמען.
די מײַ־דעמאָנסטראַציע גײט איבער דער לעש.
די פאָן, ווי דער סנה, ברענט, נאָר — זע! — קײנער לעשט
נישט ס׳פײַער וואָס רײַסט זיך אין הייך איבער קעפּ.
שוין נאָענט פון פשעיאַזד — אַ האָגל פון קלעפּ,
פון קאָלבעס, באַגנעטן, געפּאַך פון אַ שווערד,
און שוין ליגט די בונדישע פאָן אויף דער ערד.
פון פערדישע טלאָען צעטראָטן ס׳געוואַנד
אין אײנעם מיט דעם וואָס האָט זי אין זײַן האַנט
געהאַלטן, די פאָן, ביז דער לעצטער מינוט.
איצט ליגן זײ בײדע באַגאָסן מיט בלוט
אין מיטן פון וואַרשעווער ברוק, אויף די שטײנער.
נאָר ס׳פּאַניקע פײַער, דעם פאָנפלאַם קאָן קײנער
נישט לעשן, פאַרלעשן, ס׳פלאַמט־אויף ווי אַ בליץ
אין שחיטה־נאַכט, ווען ס׳האָט פון מעסער געשפּריצט
דאָס ייִדישע בלוט... און אויף ס׳נײַ האָט די פאָן
אַ הײב זיך געטון אויף אַרויף, אויבן אָן.
געקלעטערט אויף שטאָקן, וואָס האָבן געברענט
אין וואַרשעווער געטאָ, בײַם פאַלן פון ווענט,
אַזוי ווי אַ פױגלשער פלי אין דער הייך
געטון זיך אַ ריס מיט אַ מאָל און דערגרייכט
דער לעצטער, געטרײַער, פאַרעקשנטער וואַך,
וואָס האָט זי צעוויקלט דאָרט הויך אויפן דאַך —
אַ שײַטער צעפלאַמט איבער חרובער שטאָט,
אַ פּאַניקער פלאַקער צעפלאַטערט, וואָס האָט
באַלויכטן דעם הימל, די ערד, דעם אַרום
אין בראַנד פון יסורים, וואָס האָבן צעקרומט
די פּנימער אַלע, פאַרכאַפּטע פון בלענד
פון פאָנפלאַם אין געטאָ־געפלאַם וואָס פאַרלענדט.

די פּאַן ברענט און ברענט און שוין ברענען די הענט
פֿאַרפּלאָכטן בײַנאַנד מיטן גרוז פֿון די ווענט,
וואָס האָבן, די לעצטע אין געטאָ, דערברענט —
אַ שטורמישער פֿאַקל וואָס רײַסט זיך פֿון פּענט.
און ס׳האָבן די נאָך נישט פֿאַרברענטע דערקענט
די בונדישע פֿאָן, און די בונדישע הענט,
פֿאַרקנוילט אין אַ פֿײַערקנויל פֿלאַקערט און ברענט
אין העלישן פֿײַער און ווערט נישט פֿאַרברענט...

די פּאַניקע פֿאַרב לײַכט, ווי בלוט וואָס איז פֿריש,
באַלײַכט איצט די פּנימער אַלע בײַם טיש.
זי שײַנט אַ צעהעלטע, באַנײַטע, און ווערט
אַ זוניקער פֿלאַם, ווי זי וואָלט אויף דער ערד
נישט קיין מאָל געלעגן צעטרעטן, פֿאַרקנוילט.
פֿון בלויזן געדאַנק גייט אַדורך אַזש אַ גרויל.
צי איז זי די זעלבע? נישט מעגלעך, ווי נאָך?
ס׳איז יענע דאָך לאַנג שוין באַוואָקסן מיט מאָך.
דער שונא, וואָס האָט זי פֿאַרשעמט און געשענדט,
וואָלט איצטער די בונדישע פֿאָן נישט דערקענט.
זי לײַכט אַ צעפֿלאַטערטע דאָ אינעם זאַל,
אַזוי ווי אַ לופּטיקער רויטער וואַל,
צו גלײַך מיטן פּרץ-בילד הויך אויף דער וואַנט,
דאָס בילד, וואָס האָט אויך אין די פֿלאַמען געפֿלאַמט
אין זאַל פֿון די וואַרשעווער שרײַבערס אַ מאָל,
און רוט מיטן אַש, מיט די ביינער אין טאָל.
דער פּרץ-פּאָרטרעט מיטן אָפֿענעם באַנד
איז אויכעט דער בונדישער פֿאָן לאַנג באַקאַנט.
נאָר זי אַליין, ווײ, איז צעטומלט פֿון בלענד —
די פֿאָן האָט זיך אַלץ נאָך אַליין נישט דערקענט.
און פּלוצעם דערטראַגט זיך צו איר אַ געזאַנג,
אַ באַנגס, וואָס זי האָט שוין פֿאַרגעסן פֿון לאַנג.
באַלד רוישט עס אויף שטורמיש, מיט הילכיקע טריט
באַגלייט — אַ געזאַנג וואָס רײַסט אַלעמען מיט.
אוי, בונדישע פֿאָן! נעם זיך, פֿאָן, אין די הענט!
צי האָסטו זיך טאַקע נאָך אַלץ נישט דערקענט?

דערקענסט נישט דאָס אַלטע געזאַנג פונעם „בונד”? —
מיר שווערן... מיר שווערן... אַ טרײַהייט... אָן גרונט.
אָ, שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט,
איך בין אײַער פאָן! קוקט מיך אָן! איך בין רויט!...

בוענאָס־אײַרעס, אָקטאָבער 29, 1965

באַלאַדע

פון פאַרשלייַערטן עולם אין פילאַר

די ערלעך־אַלטער־זומערהיים אין סוד פאַרשלייַערט,
געדיכט פאַרהילט אין גרינס פון ביימער אין פילאַר —
האַלב דאָרף, האַלב דאַטשע אונטער זון וואָס גליט און פייַערט —
שטייט פונקט אַזוי געהילט אין שייַן פון פייַן און צער.

אַן עולם קומט דאָ אין די זונטיקן פאַרברענגען,
מע גיט זיך גיך אַ טראָג אַריבער אין געדאַנק
אין צייַטן וואָס מע הערט נישט אויף נאָך זיי צו בענקען
כאָטש ווייַט, פון שטורעמס העט פאַרטראָגן שוין פון לאַנג.

דאָס ווייסן נישט צו מאָל אַליין די נאָדלביימער,
וואָס שטייען אין דער קינטע* אָפּט דערשטווינט, פאַרגאַפּט,
ווי ס'וואָלט זיי דאָ אַהער אַ כוח אַ געהיימער
געבראַכט פון ערגעצן וואָס זענען שוין אָן האָפּט

און ס'ביימערוואַרג פאַרוואַנדלט איבער נאַכט אין יענע
צעצווייַגט־געשטרעקטע וואַלדביימער פון מעדזעשין,
די סאָסנעביימער פון דער מעדעמהיים וואָס זענען
פאַרברענט געוואָרן דורך דער דייַטשער קריגמאַשין

צוזאַמען מיט די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע
אין צייַט פון נאַצישן גיהנום פול מיט גרויל.
ווער קאָן זיי דאָ אַצינד דערקענען אָן דער גלאָריע
פון דעמאָלט ווען ס'איז קינד נאָך קינד געוואָרן גרוי

און אַלט... ס'באַמערקט נישט, ס'זעט נישט קיינער ווי עס ווערן
פאַרקרייַזט, פאַרווישט די גרענעצן פון צייַט און אָרט,
אַז די, וואָס זיצן בייַ די טישן איצט און הערן
זיך אייַן אין זיך צעפלאַמט, געהערן יענעם דור.

---

* אַ ווילע, זומען־ווֹינונג.

דער ווונדערלעכער דור פון דאָרט איז דאָ געקומען
אַהער צו פאָרן מיט דער פול געפּאַקטער באַן
און אינעם ניגון היימישן, וואָס מ׳הערט אים ברומען,
גייט אויף דאָס מאַן־קול וואָס איז אַלעמען באַקאַנט.

דאָס רעדט איצט הענריק ערליך... וויקטאָר אַלטער נאָך אים
נעמט ס׳וואָרט וואָס פירט אַוועק דעם עולם אויפן וועג,
ווו ביידע זענען זיי אין טיפן שניי געקראָכן
ווי צוויי מאַרטירער־העלדן אין די אומקומטעג.

צעבלוטיקטע זיך קוים דערשלעפּט צום טורמע־ווענטל
און נאָך דער עקזעקוציע — שטיל און שאַ, קיין שאָרך.
דער מערדער שטופּט שוין ווידער איצט זײַן שלום־הענטל...
און ס׳זיצט דער עולם בײַ די טישן אײַנגעהאָרכט

און זעט זיך איצט אין וואַרשע אויף דער דעמאָנסטראַציע
מיט לײַכטנדיקע פּנימער — צעצונדן און צעשטראַלט.
אָט נעמט מען אויף זיי, ערליך, אַלטער, מיט אָוואַציעס
אין אויפגעפלאַטער פונעם רויטן פאָנענוואַלד.

די זעלבע העלדישע בונדיסטן, צוקונפטיסטן,
די געטאָ־קעמפערס, יינגלעך, מיידלעך — ריי נאָך ריי
געוואָרפענע אין מאַסנגריבער, אויף די מיסטן —
אַלץ שטראָמט אַהער פאַרשטומט אין שטאָנדיק געגיי

און זאַמלט זיך פאַרדרענגט אין אויסמיש מיט די ביימער,
ווי פּליטים־פּאַסאַזשירן אויף אַ נאַכטוואָקזאַל.
באַלד קומט דער שנעלצוג אָן און ס׳וועט נישט בלײַבן קיינער,
אַוועק וועט ער מיט זיי ווו ערגעץ אין פאַרפאַל.

נאָר ביז אַ שטערן וועט זיך ווײַזן אויפן הימל
פון ערליך־אַלטער־זומערהיים דאָ אין פּילאַר
וועט אָנגיין אַלץ דער רויש, דער סודיקער געווימל
געהילט אין שײַן פון פרייד געמישט מיט פּײַן און צער.

בוענאָס־אײַרעס, פעברואַר 18, 1968

באַלאַדע

פון מײַן חרובער היים

די היימוועגן ווערן פאַרהוילן,
געבליבן איין וועג פון אַ סך.
פאַרוואַלגערט אויף געטאָ-בית-עולם —
דער „שערי שמים פתח!".

דער וועג איז פאַרמאַכט — נישט צו טרעפן
צוריק צו מײַן חרובער היים.
מיט מי כ'האָב דעם פײַנוועג געעפנט —
אַהיים ביחידות צו גיין.

מײַן חרובע היים איז אָן טירן,
אָן פענצטערס, אָן קוימען, אָן דאַך.
זי קאָן שוין אין ערגעץ נישט פירן
אַ חוץ צו דער דנאָ פון דער נאַכט.

די היים מײַנע ווּסט איז, צעריסן
אויף פיצלעך — צעריבן, צעפליקט.
דאָס אַלץ — דאַרפן קינדס-קינדער וויסן —
פאַרשטערט אונדזער פרייד, אונדזער גליק.

איך דריי זיך דאָ אום ווי אַ פרעמדער
כאַטש איר זענט אַ טייל פון מײַן היים.
אין ווײַט — איבער ימען און לענדער —
ביז הײַנט גייט מיר נאָך דאָס געוויין

פון עלנטע קליידלעך, געווענדער
פאַרלוירן אין וועג בײַם געלייף;
פון שימחס, צעריסענע העמדער
וואָס פוילן אויף נאַלעווקער הייף;

פון אַלטוואַרג — מלבושים און גופים —
צעדריוולט, צעפּעדעמט, מיט ערד
צונויפגעמישט... כ'הער ווי זיי רופן
און מײַלער, אין האָר, אין די בערד:

—פאַרבײַגייער, זײַ אונדז מקבר,
פאַרשיט אונדז — אַ טפח די גרעב
אַנישט, אין אַ ראַד-טאַנץ-מאַקאַבער
מיר שליסן דיך אײַן אין אַ צעפּ.

אַט רופן מיך הײַזער-געשטעלן,
די אײַזן-סקעלעטן צו זיך:
— צו אונדז קום אַרײַן דאָ, מיר וועלן
בײַם שטערנשײַן אָנצינדן ליכט

נאָך אונדזערע אײַנוווינער, שכנים...
דו האָסט דאָך זיי אַלע געקענט.
מיר זעען נישט מער ווי דיך אײַנעם
אַ גאַנצן וואָס האָט נישט געברענט.

מיר זענען אָן טרעפּ, אָן די דילן,
מע קאָן צו אונדז הויך נישט דערגיין.
די בערג מיטן ברוכוואַרג דאָ ווילן
נישט אומקערן אונדז דאָס געביין,

ס'פאַרשרפעט געביין פון די אַלע
וואָס האָבן געוווינט אין דעם הויז.
זיי זענען אין בונקער געפאַלן
און קאָנען ביז הײַנט נישט אַרויס.

געבליבן דערשטיקט און פאַרשאָטן
מיט זייער פאַרצווייפלט געקלאָג.
און איך — זייער אָפּבילד און שאָטן —
קיין וואָרט האָב צו מאָל נישט געזאָגט.

פון גריבער, פאַרשאָטענע קברים
געבליבן געשטרעקט זענען הענט.
צוריק כ׳בין געקומען צו פאָרן
און קיינעם פון זיי נישט דערקענט,

נישט זיי, נישט דעם ברוק, נישט די וועגן
ווו כ׳גיי; נישט די הענט, נישט די ווענט.
דאָ זענען אין קופּעס געלעגן
פאַרקוילטע וואָס האָבן דערברענט.

ביים זין כ׳בין. כ׳פאַרגראָ נישט. כ׳גיי ווייטער
אין וואַרשעווער געטאָ אַליין.
אויף טויזנטער מיילן דערווייטערט —
אין ערגעץ אַוועק כ׳קאָן נישט גיין.

געקנופּט און געבונדן מיר זענען
מיט יענעם גיהנום־געוויין
וואָס וועט אַלץ נישט אויפהערן ברענען,
זיך לעשן, ווי חלב צעגיין.

איך הער אַרום מיר אַ געפּלאַטער
פון שאָטנס וואָס מאָנען אַ חוב:
— דער שאַנדיודע האָט שוין די לאַטע
די געלע פאַרשאַכערט, פאַרקויפט.

מע מיסחרט מיט אונדז אויף יאַרידן,
ס׳איז אַלצדינג אַרום בלינד און טויב.
דער אָנדענק פון אונדזערע ייִדן
וועט בלייבן פאַרגעסן, פאַרשטויבט.

זייט רויק, מע וועט אייך דערהערן
נאָך טומל, געפּילדער, געקנאַל.
די פּליטים־חיים וועט אייך באַערן...
פאַרבעטן צו זיך אויפן באַל.

איך וועל אַט ווי כ׳שטיי — דאָ אַ פּאַל טון
מיט אונטערגעבראָכענע קני.
נאָר כ׳פּיל ווי מיך וואַלטן געהאַלטן
צוויי הענט אומגעזען, פון נישט־הי.

אַהינטער מיר — שאָרכלאָזע שפּרײַזן,
פאַרקרײַזן מיך אין לאַבירינט,
כ׳זאָל שפּעטער פאַר אַלעמען ווײַזן
מײַן היים, די פאַרצוקטע דורך הינט,

פון וואַנען מיר אַלע דאָ שטאַמען...
קומט נענטער אַהערצו צום ראַנד!
פון דאַנען צוזאַמען צו שפּאַנען
אַוועק אינעם חרובן לאַנד.

דער חלום־וועג פון דער באַלאַדע
איז טרויעריק, טונקל, געהיים.
ווער ס׳שרעקט זיך נישט דער וועט אַוודאי
דערגיין צו מײַן חרובער היים.

בוענאָס־אײַרעס, נאָוועמבער 17, 1965



באַלאַדע

פון פּאָעט־וואַגאַבונד און
די פאַרפלויגענע גאָלדענע פּאַווע

איציק מאַנגער — אויף זײַן קראַנקנבעט אין ישראל

פון טשערנאָוויץ, יאַס, איבער וואַרשע, פּאַריז,
פאַרנעפּלטן לאָנדאָן, ניו־יאָרק, תל־אביב —
ער פליט, דער פּאָעט פון יאַריד צו יאַריד,
אַ קונדס, אַ לץ — דאָ אַ לאַך, דאָרט אַ שטיף.

געפאַנגען ער האַלט אין דער דיכטערשער שטײַג
די גאָלדענע פּאַווע מיט פעדערן פיל.
צו עסן ער גיט איר וואָס ער עסט — אַ פײַג,
דאָך פאָלגט זי אים אַלץ און מאַכט־מיט מיט אים ס'שפּיל

פון לעבן וואָס שטעקט אָפט אַרויס אים אַ צונג.
ווער ס'מאַכט אים מבטל, ווער ס'ברענט אים די טריט:
— וואָס פירט ער זיך, דער צולהכעיסניק אום
מיט עפּעס אַ פּאַווע אַ בלאָע וואָס פליט

אַרום איבער ימען און פירט מיט זיך בריוו
פון וועלוועלע זבאַרזשער געגראַמטע אין ליד —
פון יאַס איבער וואַרשע, ניו־יאָרק, תל־אביב.
ער אײַלט שוין, ער גרייט זיך אויף ס'נײַ צום יאַריד.

אין גאָלדפּאַדענס יאַסער טעאַטער ער האָט
דער חצוף־פּאָעט פול מיט שטאָלץ בײַ דער טיר
פּראָגראַמקעס פאַרקויפט און מיט חוזק און שפּאָט
פאַרטרינקען די גרײַצערס — נישט מיר און נישט דיר.

געזזעסן אין שענק בײַ אַ גלאָז אָקעװיט,
געקליבן װי אַרבעס — אַ גראָם צו אַ גראָם.
דעם קעלנער געסילוקט װאָס ס׳קומט אים און קװיט
מיט זײַנע פּאָר רײַניש און — לאַס־צי־די־ראָם!...

אַ דװינע, אַ װאָלאָכל... פֿריילעך זאָל זײַן!
ער שאַרפֿט ערשט די פֿליגלען — אַ גרײטער צום פֿלי
אין אָפֿענעם רוים פֿול מיט שװונג, פֿול מיט פּײַן
װאָס קומט אין באַגלייט מיט דער פֿרייד פֿונעם בלי.

נאָך אײדער די גאָלדענע פּאַװע באַװײַזט
צו געבן זיך שטאָלץ אַ באַװײַז אין איר פּראַכט,
אַ גיי טון, אַ שפּרײַז, װאָס די װערט האָט דעם פּרײַז —
האָט שוין זיך מעפּיסטאָ לצניש צעלאַכט.

פֿאַרטראַכט צו פֿאַרנאַרן דעם פֿויגל אין זאַק,
אַראָפּדרײען ס׳קעפּל, אַ מאַך טון אים „כיק״
צעפֿערטלען, צעשנײַדן דאָס עוף מיט דער האַק
און פּראַװען אַ נאַכטמאָל מיט טענץ און מוזיק.

דער יאַסער פּאָעט מיט צעפֿלויגענע האָר
כאַפּט אונטערן אָרעם די פּאַװע באַגילדט
און לאָזט זיך אַװעק אין אַן אַנדערער װאָר
זוי ס׳װאָרט פֿונעם דיכטער װי רענדלעך דאַרט גילט.

ער קומט אין אַ שטאָט װאָס איז שבתדיק פֿרום
און זינגדיק אַזוי װי דער גרעסטער הולטײַ —
דאָס װאַרשע װאַרשע מיט חסידישן ניגון־געברום,
מיט אונטערװעלט, שװינדלערס, געלעכטערס פֿאַרשײַט.

דאָ האָט זי, די גאָלדענע פּאַװע געהאַט
דעם װאַרשעװער ייִדישן הימל געררוים
צו שטילן דעם הונגער, אַ פֿלי טון ביז זאַט,
אַ מעסט טון אַנצוימיק דעם שטח פֿון רוים.

ער דרייט זיך אין וואַרשע אַרום אויף דער גאַס,
דער פּרינץ־וואַגאַבונד פון אַ צווייטן פּלאַנעט.
די זילבער־לבנה זײַן פּנים פּאַרבלאַסט,
זי פירט אים פאַרשיכורט אהיים צו זײַן בעט.

דער לייטער פון חומש דערגרייכט האָט צו אים
אין חלום. ער שטײַגט אויף די טרעפּ אין דער הייך —
אַ שטערן צעשײַנט אינעם שטערן־געשפּין
אין פײַערלעך־נאַכטיקן רוים־קיניגרײַך.

נאָר גלײַך מיטן ערשטן געקריי פונעם האָן
ער פאַלט מיט די שטערנס אַראָפּ אויפן דאַך.
די גאָלדענע פּאַווע זײַן נאָמען רופט אָן:
— געוואַרט אויף דיר האָב איך אַ גאַנצענע נאַכט,

און דו האָסט אוודאי געהוליעט אין שענק,
אָן איבעריק גלעזל געכאַפּט מן־הסתם,
און איך האָב נאָך דיר אַ געקרענקטע געבענקט...
— ווער זוכט בײַ אַ חורבן שאַרבן אַ פּגם?

ער גייט מיט דער פּאַווע געאָרעמט אין שטאָט
איר קויפן אַ גאָלדענעם חתונה־רינג.
— פאַר וואָסערן געלט? — פאַרן געלט וואָס ער האָט
פאַר אַלע די שטערנס פאַראיבעריקט גרינג.

געקליבן אין זשמעניעס בײַ זיך אויפן דאַך,
ווען ער איז פון לייטער געפאַלן אַראָפּ,
געפאַנגען, ווי פישלעך, די שטערנס, אַ סך.
פון שטערנליכט האָט אים פאַרדרייט אַזש דער קאָפּ.

ער כאַפּט זיך באַצײַטנס, די לעצטע מינוט,
וואָס ס'האָט מעפיסטאָפל טײַוואָליש פאַרטראַכט:
אי אים, אי די פּאַווע דערטרינקען אין בלוט,
גאַנץ וואַרשע אַ וואָרף טון אין זאַק פון דער נאַכט.

באַוויזן אַליין צו אַנטלויפן געהיים
פון וואַרשע — די שטאָט פון זײַן גלאָריע און רום.
די פּאַווע, פאַרטרויערט, פאַרבלײַבט אין דער היים —
צו טיילן דעם גורל פון ייִדן אַרום

אין עמק־הבכה, אין טרעריקן טאָל,
אין טאָל פון געשריי, פון געוויין און געביין.
און ער דער פּאָעט אין דער פרעמד, ווי אַ מאָל,
באַשערט איז אים ווידער אויף וואַנדערוועג גיין.

דער פּרינץ־טרובאַדור טוט נאָך אַלץ וואָס ער וויל,
פאַרטרינקט אין די וועלטשטעט זײַן צער אָן אַ ברעג —
ביַים טישל אין באַר אין פּאַריז אויף בעלוויל,
אין לאַנדאָנער ווייטשעפּל — אַלץ אונטערוועגס.

מיט שעלים* אָן אייניקל פירט ער זיך אום —
אַ צײַטונג־פאַרקויפערין ווי אויף אַ ראָג.
זי גיט אים אַ נאַכטלעגער, נעמט אים אַרום.
פאַרדאַרט, הויט און ביין ער, און זי — ברייט און גראָב.

דער גוף איז באַפרידיקט. געלאָשן די היץ.
נאָר ווי צום פּאָעט! אַ פאַרוויטיקטער בענקט
ער אַלץ נאָך דער גאָלדענער פּאַווע, וואָס איז
פאַרפלויגן פון אים און ער זוכט זי אין שענק,

אין גאַס, אין דער היים און אין חלום פאַרקלעמט.
פאַרלאָזט האָט זי אים — נישט צו קומען צוריק.
— וואָס האָסטו מיך, גאָלדענע פּאַווע, פאַרשעמט?
אָן דיר בין איך שטויב, אַש און פּראָך, ליים אַ שטיק...

* פּויסי ביישע שעלי, ענגלאַנדס גרויסער פּאָעט (1822—1792) פון דער ראָמאַנטישער שול אין דער פּאָעזיע

ער לאָזט דאָ אויף הפקר די לאַסט און די זאָרג —
געטריבן פון אומרו, ווי פּליטים אין וועג.
באַלד פאַלט ער אַרײַן אינעם קעסל ניו־יאָרק,
רײַסט אָפּ מיט די בלעטלעך פון לוח — די טעג

און וואַרפט זיי, ווי אָפּפאַל, אַרויס אויפן מיסט.
דאָ קוקט זיך שוין קיינער אויף אים מער נישט אום.
אַליין קוק זיך אָן, צי דו ווייסט ווער דו ביסט?
ווי גלאָקנגעקלאַנג קלינגט דײַן ליד אומעטום.

נאָר ס'העלפט נישט קיין רייד. צו דער בענקשאַפט דערווײַל
איז נאָך קיין רפואה ביז הײַנט נישט פאַראַן.
ס'ווערט ווײַטער דער וועג יעדער טאָג מיט אַ מײַל,
דערווײַטערט פון אים מיט זײַן איטלעכן שפּאַן.

פאַרגעסן, אין עלנט דער דיכטערפּרינץ ליגט,
פאַרבײַ זײַן געלעגער פאַרגייען די טעג.
אַ גרוס פון דער גאָלדענער פאַווע ער קריגט:
— זי איז מיט דער פּוילן־עליה אַוועק

אין לאַנד פון די אָבות. געבוירן איז זי
געוואָרן אויף ס'נײַ אויף דער היימערד פון וואָרט.
אַזוי ווי דער פעניקס פון אַשיקן גלי
אַרײַן איז זי צ'ריק אין די פעדערן דאָרט.

נאָר צו זײַן געלעגער אַהערצו דערגייט
קיין שאָרך נישט צו מאָל פון איר אויפלעב, קיין שפּור.
אים רירט נישט די ווידערגעבוירענע פרייד,
דעם פּרינץ־וואַגאַבונד, דעם פּאָעט־טרובאַדור.

אים דינט שוין נישט מער איצט דאָס אויג, נישט ס'געהער
און ס'הערן אויף פאַלגן די הענט און די פיס.
דאָס אייגענע קול ער דערקענט שוין נישט מער...
אין נעפּל־געהיל גייט אויף לאָנדאָן, פּאַריז.

נאָר אײַנרוען קאָן נישט בלויז אײנער, דער שר,
דער נשיא דאָרט וווּ‏ט אינעם ייִדישן לאַנד.
זײַן האַנט שטרעקט ער אויס צו אים, זלמן שזר
און רײַסט אים אַוועק פונעם תהומיקן ראַנד.

ער ברענגט אים קיין ירושלים, וווּ ס׳שײַנט
די גאָלדענע פּאַווע צוריק אין איר פּראַכט.
און ס׳זאָגט איר דער קרוינפּרינץ פון וואָרט: — ווי מיר שײַנט,
איז שפּעט שוין, מײַן פּאַוועשי, זעסט, ס׳ווערט שוין נאַכט.

צעוויינט זיך די גאָלדענע פּאַווע און פּרוּווט
דערוואַרעמען אים מיט איר אָטעם וואָס גליט.
פאַרלאָשן אין קעל בלײַבט בײַ אים שוין זײַן רוף:
— פאַרלאָז נישט דײַן היים מער, דײַן נעסט אין מײַן ליד.

און באַלד נעמט זיך שיטן אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ
אַ רעגן פון שטערנס — צעפינקלט, צעבלענדט.
זיי פאַלן אַראָפּ פונעם דאַך — טראָפּ נאָך טראָפּ...
מיט דעם איז די טרויער־באַלאַדע צו ענד.

בוענאָס־אײַרעס, מאַרץ 15, 1968

העלדן־באַלאַדע פון ישראלדיקע שלאַכטלײַט

מיר קאָנען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די וווּנדן,
מיר ווייסן אז ס'שטייט נישט די צײַט אויף קיין אָרט.
פון אויבערפלאַך זענען די מערדער פאַרשוווּנדן,
נאָר ס'זידט נאָך דאָס יידישע בלוט נאָכן מאָרד.

אויף ס'נײַ די ארמייען — געוווּנט צו פאַגראָמען —
פאַרטײַעט געשטעלט האָבן זיך אין אַ ריי,
פאַרכאַפּן די ערדן, דאָס לאַנד פון אברהמען,
דערטרינקען דאָס פאָלק זײַנס אין ים־פּײַן און ווי.

קיין פערטל יאָרהונדערט איז נאָך נישט אַריבער
ווי ס'זענען די שונאים געוואָרן פאַרברענט
אין אייגענעם פײַער... אין אָפענע גריבער
געפאַלן אַרײַן מיטן קאָפּ, מיט די הענט

און פּיס — מער נישט אויפצושטיין נאָך דער מפּלה.
איצט זאַמלען זיך ווידער אויף מיזרח די וועלף —
די אייניקלעך —רוצחים— פון אַלטן עמלק
און פּרעפּלען: — אַללאַ! בעטן הילף בײַ אים: — העלף

צעשטויבן, צעאַשן די יידישע ערד און
דו גיב נאָר די יידן אין אונדזערע הענט...
וואָס וועלטקריג, וואָס דורכפאַל, וואָס טאָברוק, וואָס ווערדון...
איין וועלט וויל נישט זען ווי די אַנדערע ברענט.

אונדז האָט דאָס געהיימע געווער, אונדזער וואָפן
פאַרקויפט פאַר פּעטראָל דער קאַצאַפּ, דער סאַטראַפּ.
איצט וועלן די יידן שוין רויִק נישט שלאָפן,
מע וועט זיי דערלאַנגען אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ.

מיר האָבן די ייִדישע קינדער פֿאַרמויערט,
פֿאַרקנעטן אין ליים, אין די מיצרישע ווענט.
טאָ שענק־זשע, אַללאַ, איצט דײַן ליימענעם כוח
די אַלטע געליימטע עגיפּטישע הענט.

און ס׳רוקן זיך נענטער מיט רוסישע ביקסן,
מיט טאַנקען, הארמאַטן פון ראַטן־פֿאַרבאַנד
די פּאַנצער־אַרמייען, ווי מידבר־געוויקסן,
בײַם ראַנד, בײַ דער גרענעץ פון ייִדישן לאַנד.

אין רייען אָקאָפּעס פֿאַרקאָפּעט אין לויער
מיט פֿינצטערע פּנימער — קרעמפּיק פֿאַרשטײַפֿט —
זיי הערן זיך אײַן מיט אַן אָנגעשפּיצט אויער
און וואַרטן שוין גרייט אויפֿן איבערפֿאַל־פֿײַף.

געשפּאַנט אין ישראל זענען אַלע וואָס האָבן
פֿאַרלוירן אין קאַלך־אויוונס קרובים און פֿרײַנד;
געשטאַנען דערבײַ ווי ס׳האָט יעדער געגראָבן
זײַן קבר... זיי זעען דעם חורבן נאָך הײַנט.

נאָך געטאָ, מײַדאַנעק, נאָך אױשװיץ, טרעבלינקע,
נאָך ווילנער פּאָנאַר, סאָביבאָר, באַבי־יאַר;
נאָך פֿלאַמען וואָס האָבן מיליאָנען פֿאַרשלינגען —
צו אונדזער אָנברעגיקן ווייטיק און צער —

וואָס קאָן מען הײַנט ייִדישע ייִנגלעך און מיידלעך
שוין אָפּשרעקן... ס׳רינצלט זיי מער נישט די הויט.
אויב ס׳איז זיי באַשערט, אַז ס׳זאָל זײַן אומפֿאַרמײַדלעך
אַ קאַמף אויפֿצונעמען אויף לעבן און טויט —

זיי וועלן, ווי דעמאָלט אין וואַרשעווער געטאָ,
זיך שלאָגן, ווי העלדן, פֿאַר איטלעכן שפּאַן,
און זען ווי עס ליגט אויפֿן שלאַכטפֿעלד צעשמעטערט
דער פֿײַנט מיט באַוואָפֿנטן פּאַנצער־געשפּאַן.

א שול איז געווען זיי די געטאָ־דערפאַרונג.
מיט נאַקעטער פויסט מ׳איז אַריַין אין געשלעג,
געשפּריַיזט מ׳האָט אַנטקעגן די אומקום־געפאַרן,
דורך פיַיערוועגנט דורכגעלייגט מ׳האָט זיך א וועג.

ס׳א פעסטונג געווען יעדער שוועל — נישט צום נעמען,
מ׳האָט קאַכעדיק וואַסער געגאָסן אויף קעפּ...
די יידישע גבורה וועט אונדז נישט פאַרשעמען
ביַים ערשטן דערהער פון מאַשין־געווער־שטעפּ...

און העלדן, ישראלס, דעם שונא פאַרטריַיבן
פון יידישן גבול, צו פאַרשטומען זיַין מויל,
ער זאָל נאָך זיַין וויסטער מפּלה פאַרבליַיבן
אָן לשון, אָן זעלנער — אויף מידבר־זאַמד, הויל.

געגנוג שוין אויף פרעמדע מיזבחות פאַרגאָסן
די יידישע בלוטן — פאַרשוויגן, פאַרשעמט.
געגאַנגען דער קרבן איז שטאָלץ, אָן פאַרוואָסן,
אומשולדיק אויף שיַיטערס, אויף קידוש־השם.

מיר בענטשן די טריט איצט פון זעלנער־ישראלים,
וואָס טרעטן פאַרשטויבטע אין מאַרשגאַנג, אין זאַמד,
ס׳זאָל קיינער נישט וועלן פאַרכאַפּן, זיך טיילן,
צעברעקלען, צעברעכן דאָס יידישע לאַנד.

מיט שוים אויפן מויל זיַינם געפינעט האָט נאַסער
אַז ער וועט אַריַינוואַרפן אַלע אין ים,
די טבריהר, תל־אָביבער, יפוער, צפתער,
די מדינה ביַינאַנד מיט איר „חי וקים!״

ווי פרעה אַמאָל זאָט די יינגלעך געוואָרפן
אין נילום — באַגלייט פון געוויין און געקלאָג...
נישט מינערן וועט ער, דער אַכזר, קיין האָר פון
זיַין דראָען, זיַין זאָגן וואָס ער האָט געזאָגט.

זאָל הילכן אין אויער פון אונדזערע שונאים:
אַ מישפּט די קריגצינדערס גלײַך נאָכן קריג!
זיי גלייבן נישט, דאַכט זיך, אַז זיי וועלן קאָנען
זיך באַמבלען אויף תליות נאָך ייִדישן זיג.

מיר זינגען די שלאַכטלײַט אַ לויבליד דורך טרערן,
אַ העלדן־באַלאַדע — ישראל, דעם העלד...
מיר ווילן אַז זיי זאָלן דאָרטן דערהערן
דאָס קלאַפּן פון האַרץ פון דער ייִדישער וועלט.

בוענאָס־אײַרעס, יוני 5, 1967



באַלאַדע

פון שרהלע די פרײַוויליקע...

אינזש׳ יואל גאַק במתנה

ס׳זעט אויס פון אויבן רויק, שטיל מאָנטעווידעאָ
און ייִדישלעך קלינגט אויף דער גאַנג פון טאָג.
ס׳קען קיינער נישט קיין טרעפער זײַן, קיין פאָרויסזעער,
ווען ס׳נעמט דער גורל אין זײַן האַנט די וואָג.

און באַלד אַרויף־אַראָפּ די וואָגשאָלן זיך וויגן,
מיט זיי — די ערד, דער הימל איבער קאָפּ.
שוין ווײַזט די טעלעוויזיע ווי ישראלים ליגן
געשטרעקט מיט אויטאָמאַטן אין אַקאָפּ.

די יוגנט ליגט אַ וואָכע אויף איר ווייך געלעגער
און זעט זיך שטיין אין חלום אויף דער וואַך —
אַנטקעגן לאַגער פֿײַנטלעכן, פאַרפולט מיט שלעגערס,
וואָס קומען אין די טויזנטער, אַ סך,

אַ סך, ווי זאַמד, אָן צאָל, באַפּאַנצערט און באַוואָפנט —
אַ לאָז טון זיך, ווי יעגערס ווילד אויף יאַגד.
ווי קאָן די יוגנט אײַנליגן, ווי קאָן זי שלאָפֿן?
זי הערט אַ קול אין זיך: — ווער ס׳איז געוואַגט

און שטאַרק זאָל לאָזן אַלץ און שטעלן זיך אין רייען
און אָפּמאַרשירן אײַליק... ס׳וואַרט דאָס לאַנד,
ווי ס׳וואַרט אַ מאַמע אויף די קינדער, די געטרײַע:
— קומט גיך, אַזוי... צעשויבערט און צעפלאַמט.

און צווישן אַלע פרײַוויליקע מיט די פליגלען
דערווײַל נאָך אומגעזען, צונויפגעלייגט
אַוועק איז אויך פון שטוב, דער יוסטער, מיט די שפּיגלען,
די שטילע שרהלע. אָן וואָרט באַלייגט

די דאָקומענטן מיט די אויסגעפּילטע בויגנס,
דאָס פּנים ערנסט כאָטש נאָך יונג — אַ קינד.
מיט פּײַערגלי פון אַכצן פרילינגס אין די אויגן
זי וואָלט געפלויגן גיכער פונעם ווינט.

אָט ערשט געשפּילט זיך מיט די קינדער, זיך געשלאָגן,
באַלד קושן זיך געכאַפּט, ווי קינד מיט קינד.
אָט האָבן טאַטע־מאַמע אויף די הענט געטראָגן
דאָס טעכטערל, וואָס גייט שוין, לויפט געשווינד.

זי איז שוין איצט דערוואַקסן, פול מיט שווונג — די טרוימען,
באַנעמט דעם לעבנזין, איר יוגנטראַל
און ס׳גרייכט צו איר אויך אין די זאַלן, די געדוימע
דער שאַלרוף פון ישראל, ס׳מאָנענדיקע קול.

זי פילט זיך אין די שיינע רחבותדיקע שטובן,
ווי ס׳וואָלט איר ענג געווען איר יונגע וועלט.
זי קומט אין קן, אין קרײַזן און אין קלובן
און פיבערט מיטן פיבער פון ישראלס געצעלט.

זי קאָן זיך, שרהלע, קיין אָרט נישט מער געפינען,
זי זעט זיך מיט דער ביקס שוין שטיין אויף וואַך.
דער פײַנט פאַרלייגט די גרענעץ־פעלדער פול מיט מינעס,
וויל אונטערצינדן ווידער אונדזער דאַך.

ער פּלאַנט נאָך אַלץ צו מאַכן אַש פון דער מדינה,
אַ ביין אין האַלדז איז אים, דעם פײַנט — דער ייִד.
און שרהלע באַשליסט בײַ זיך צו פאָרן דינען
אין מיליטער — אַ זעלנערקע, וואָס היט

מיט ביקס אויף אַקסל, וואַכט, באַוואַכט דאָס לאַנד, די גרענעץ,
ווו ס׳לויערן שאַקאַלן, וועלף... דער טויט.
וואָס דאַרף זי מער, ווי שוואַרצע קאַווע מיט אַ פּענעץ
פון זעלנערישן ברויט, אַ טעלער קרויט.

מ ש ה   ק נ אַ פּ ה י י ט

ביַי נאַכט אין חלום-נעפּל פיבערט זי און צאַפּלט,
אַט שטעלט זי שווער די טריט אין פיַיערזאַמד
פון סיני-מידבר דאָרט, ווו משה האָט מקבל
געווען די תורה אונטער קנאַל און פלאַם

פון דונערן און בליצן, וואָס אויף צווייען שפּאַלטן
דעם הימל אויבן אין דער שטורעם-שעה.
זי כאַפּט זיך אויף באַגאָסן מיט אַ שוויים אַ קאַלטן
ווי צו אַנטרינען פונעם שווערן שלאָף.

ס׳פאַרשווינדט דער שטח פון די וויַיטן, ציַיטן אַלטע,
ווי ס׳וואָלט באַוויזן וווּנדער איר די נאַכט.
אין נעפּל ערב-טאָגיק גייען אויף געשטאַלטן,
געשיכטע-העלדן, פרויען פון תנך.

די טיר פון דער געשיכטע שטייט פאַר איר איצט אָפן,
ווי אָפן שטייט אין לאַנד שוין איר געצעלט,
און מיטן רוקזאַק, ווי זי וואָלט אַריַינגעלאָפן
באַפליגלט, ווי אַ צוקונפטיקער העלד,

אין דער געשיכטע, וואָס וועט ערשט געשריבן ווערן
פון היַינט — די ניסימדיקע שטורעמטעג —
זי פלאַטערט אויף פאָרויס אַט ווי דער מאָרגן-שטערן —
די ערשטע גרייט צו לאָזן זיך אין וועג.

און מיטן יונגוואַרג שפּאַנט זי שטאָלץ. דער עולם עולים
אין פּאָרט צו דער ישראל-שיף קומט אָן
אַזוי ווי די חלוצימלעך אַמאָל פון פּוילן —
אַ פלאַמיקער, אַ פריַיוויליקער שטראָם.

די שיף גייט אָפּ פון פּאָרט, און באַנגלעך, נישט אָן טרויער
פאַרבליַיבן די וואָס האָבן זי באַגלייט.
פון וויַיטנס עפנט זיך דאָס האָריזאָנטן-טויער
און די געשיכטע וואַרט אויף איר באַשייד.

בוענאָס - איַירעס, סעפּט׳ 4, 1967

פון זעלביקן מחבר דערשינען:

ווײַסע פרימאַרגנס, לידער — וואַרשע, 1931

מקום, פּאָעמע פון אַלטשטאָט — ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1936

לירישע באַלאַדן — פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1940

מגילת ייִד, פּאָעמעס — פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן״, וואַרשע, 1948

לבנה־קריכער, פּאָעמעס — ביכער־סעריע פון ייִדישן פּען־קלוב, פּאַריז, 1951 אַרגענטינער האָפער לייב־פּרעמיע בײַם קולטור־קאָנגרעס

100 סאָנעטן — פאַרלאַג „איל׳ ליט׳ בלעטער״, בוענאָס־אײַרעס, 1957

אַ ייִנגל פון וואַרשע, ראָמאַן, אין צוויי טיילן, אַכט רינגען, באַנד איינס. יובל־קאָמיטעט, פאַרלאַג „איל׳ ליט׳ בלעטער״, ב״א, 1960

אַ ייִנגל פון וואַרשע, ראָמאַן, באַנד צוויי, יובל־קאָמיטעט — פאַרלאַג „איל׳ ליט׳ בלעטער״, בוענאָס־אײַרעס, 1961

בבא־בוך, אליהו בחורס ריטער־ראָמאַן אין פערזן, איבערדיכטונג פון אַלט־ייִדיש, מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור, יוסף ליפשיץ־פאָנד, קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1962

עשרה הרוגי־מלכות אין וואַרשעווער געטאָ, יובל־קאָמיטעט — פאַרלאַג „איל׳ ליט׳ בלעטער״, בוענאָס־אײַרעס, 1967

באַלאַדעס פון מײַן חרובער היים, 1938—1968, אַרויסגעגעבן דורכן יובל־קאָמיטעט — פאַרלאַג „איל׳ ליט׳ בלעטער״, ב״א, 1968

פאַרפאַלנגעגאַנגענע ביכער:

אַמאָל איז געווען אַ מעשה — וואַרשעווער פּען־קלוב, 1939

אַזוי איז דאָס לעבן — מינסקער ווײַסרוסישער מלכה־פאַרלאַג, 1941

בלוט פאַר בלוט — פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1946

כוואַליעס, דראַמע אין 3 אַקטן, אין מאַנוסקריפּט, וואַרשע, 1939

פלאַמען, אַנטינאַצישע דראַמע אין 3 אַקטן, אין מאַנוסקריפּט, ביאַליסטאָק 1941, אויסגעצייכנט דורכן „הויז פאַר פאָלק־שאַפערישקייט״, מינסק, 1941

אין דרוק:

באבא־בוך, אליה בחורס ריטער־ראָמאַן אין פערזן

אין צוגרייט צום דרוק:

אין באַראָן הירשס גיטער, איבער אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס

דאָס ליד פון אויסטערלישן יאַריד, לידער און פּאָעמעס

פּאָרטרעטן און בילדער פון מײַן ליטעראַרישן אַלבאָם

פון הודו ביז כוש, רײַזע־בילדער

אייראָפּעיִשע און מיטלאַזיאַטישע פאָלקזינגערס און פּאָעטן

דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ, פילם־סצענאַר

גוף און נשמה אין קינסטלערישן ווערק, ליטעראַרישע עסייען און רע־
פעראַטן

די יידישע דיכטונג אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, ליטע־
ראַרישע שטודיע און אַנטאָלאָגיע

Este libro se terminó de imprimir el día 29 de agosto de 1968, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., — Corrientes 1976 — Buenos Aires.